STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03157

DOKTOR YELINEK'S DROSHES

Adolph Jellinek

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָקטאָר יעלינעק׳ס

דרשות

געקליבענע דרשות פון דעם בארימטן פּרעדיגער

דר. אהרן יעלינעק

איבערזעצט אין אידיש פון דעם דייטשן אָריגינאל

פון

ב. פּרנס

STAR HEBREW BOOK CO.

54-58 CANAL ST., NEW YORK

סטאר היברו בוק קאָמפּאני

54-58 קאנעל סטריט, ניו יאָרק

Printed in the United States of America

COPYRIGHT, 1930
BY THE STAR HEBREW BOOK CO.
NEW YORK, N. Y.

אינהאַלט:

זייט

1) דרוש לחג הפסח
שיר השירים — — — — — — — — — — — — — — 5

2) דרוש לפרשה אמור
פרשה קטנה — — — — — — — — — — — — — 25

3) דרוש לשבועות
רות — — — — — — — — — — — — — — — — 41

4) דרוש לחג הסוכות
דאָס אידנטום פון אונזער צייט — — — — — — — — 55

5) דרוש לשמיני עצרת
קהלת — — — — — — — — — — — — — — — 71

6) דרוש לפרשה וירא
די לערן פון אידישן דת — — — — — — — — — — 89

7) דרוש לפרשה שקלים
מחצית-השקל — — — — — — — — — — — — — 109

8) דרוש לפרשה זכור
עמלק — — — — — — — — — — — — — — — 120

9) דרוש לשבת נחמו
ציון וירושלים — — — — — — — — — — — — — 133

10) דרוש לחתונה
די חתונה פון די געליבטע — — — — — — — — — — 144

דרוש לחג הפסח

שיר השירים

על כן אודך בגוים ד׳ ולשמך אזמר.
(ש״ב כ״ב, ג.)

ווידער עפענען מיר דעם ספר שיר השירים, דעם געלויבטן און בעסטן פון אלע שירי קודש 1) און מיר לעזן דאָרט, כדי דורכדעם צו שארפן אונזער נאַציאָנאַל-ישראל באוואוסטזיין, צו שטערן אונזערע געגנער און פיינט און צו שטארקן אונזער האָפענונג, ווייל היינט, מיינע ווערטע צוהערער, ווען שיר השירים ווערט ביי אונז באטראכט לויט דער אויפפאסונג פון אונזערע חכמים ווי א משל און א רעטעניש, דארפן מיר ניט קוקן אויף דעם ווי אויף א שפיל פון פאסטוכער מיט דאָרפישע כאַרן, וועלכע פארגעטערן און לויבן די גוטע מדות און דעם הויכן מאָראַל פון דער אידישער משפחה; היינט ווערן מיר די צוהערער פון א גרויסער, היסטאָרישער דראמע, אין וועלכער ישראל און די אומות העולם שפילן די ראָליעס, און וועלכע, ווי די שטארקע שירה ביים ים-סוף, הויבט זיך אָן מיט א לויב-געזאנג צו גאָט, הנעלה והנשגב, 2) זעצט פאָר מיט דעם ווילדן רוף פון א נאָכיאָגענדן, בלוטדורשטיקן און שונא 3) און ענדיקט מיט א כאָרגעזאנג צו גאָט, וועלכער אייביק לעבט און אייביק רעגירט. 4)

---

1) שיר השירים המשובח שבשירים, המעולה שבשירים, והמסולסל שבשירים.
2) אשירה לה׳ כי גאה גאה.
3) אמר אויב ארדף וכו׳
4) ה׳ ימלך לעולם ועד

אָ, וואָס פאר א שטארקע דראמע, וואָסערע סצענעס, וואָסערע געשפּרעכן מיט זיך אליין און מיט א געגנער, וואָסערע האנד־לונגען, וואָסערע קייטלונגען, וואָסערע ערשיטערונגען, וואָסערע קאמפן, וואָסערע נצחונות! א גאַנצעם פאָלק, באַגאָסן מיט דעם שטראַלן־גלאַנץ פון דער גלאָררייכער פארגאנגענהייט, באַצירט מיט דער מארטירער קרוין פון טויזנטער יאָרן, מיט דעם באַוואוסטזיין אין הארצן, אז ער דאַרף זיין דער טרעגער פון א גרויסער אָדער גרעסטער אידעע פון דער געשיכטע, טרעט אויף פאר אונז אין שיר השירים, אָנהויבנדיק א ריזן־קאמף קעגן א באוואפנטע וועלט, א וועלט פול מיט קנאה און שנאה און בייז־הייט, פול מיט ליגן, רמאות און נקמה, א ריזן־קאמף פאר ליבע, אמת, גערעכטיקייט און פרייהייט, און טויזנטער מאָל געוואָרפן צו דער ערד, דערהויבט ער זיך איבעראניים פול מיט פרישן מוט און יונגער קראפט און קעמפט, קעמפט ווידער, ביז דער נצחון איז אויף זיין זייט. אומזיסט שפּינט די רכילות אירע שענסטע פעדים, אומזיסט שטרעקט אוים די באשולדיגונג איר אָרעם, אומזיסט פארוועגדעט מען געווער און כלי־משחית, אומזיסט פלאַמען פייערן און ברענען פאקלען שטיקער האָלץ אונטער די פינסטערע קברים־געזאנגען פון די פאנאטישע גלחים, — ישראל, דער העלד, גייט ניט אונטער, קען ניט אונטערגיין, דארף ניט אונטער־גיין כל זמן די וועלט איז ניט איבערגעגעבן געוואָרן דעם בלינדן שיקזאל, נאָר א לעבעדיקער גאָט פול מיט צדק רעגירט די וועלט.

ווילט איר אפשר וויסן די נעמען פון די פלעצער, אוואו עס איז אויפגעפירט געוואָרן די וועלט־היסטאָרישע דראמע? רופט אָן עסטרייך, דייטשלאנד, פראנקרייך, שפאניען, פּאָרטוגאל, אי־טאַליען, ענגלאנד, פוילן אָדער רוסלאנד, רופט אָן אייראָפּע, אזיע אָדער אלע נעמען וועלן פאסן, אלע לענדער און וועלט־טיילן וועלן בילדן די פלעצער, וואו די דראמע האָט זיך בייטענדיק

פאַרגעשטעלט. וואָסערע שטעט, בנינים, לאַנדשאַפטן, וואָסערע רייכע פארבן אין פארשידנארטיקייט פון די ריידנדע און האנד־לענדע פערזאָנען! די רעזידענץ־שטעט פון אלע גרויסע און קליינע מדינות, די גראָז־באדעקטע פעלדער פון דרום, די פעלזן־שטיינער פון צפון, הויכע מאיעסטעטישע בערג, פעטע טאָלן, גרינענדע וועלדער, ברייטע אינזלען, שיפן מיט פארטריבענע, וויינענדיקע און יאָמערנדע טאַטעס און מאַמעס און קינדער, שולן, פון וועלכע עס שאלט הארצרייסנדע הילפס־רופן פון פאר־פאָלגטע, בתי־מדרשים, וואו יונג און אלט פארנעמען די רייד פון די געטלאכע נביאים און הערן זיך צו צו די טרייסטונגען פון די חכמים, משכילים און דענקער, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט די העכסטע פראָבלעמען פון דער מענטשהייט, משוררים, וועלכע פאסן צו קלאָג־לידער אָדער לויב־געזאנגען, געלערטע, וועלכע זאמלען האָניג ווי די בינען פון שטויב פון די בליאונגען פון אלע ליטעראטורן — דאָס אלעס גייט פאר אונז פארביי אין שיר השירים.

ווילט איר וויסן דעם גרונט טאָן פון דער דראמע? איין ווײלע הויבט אויף דער העלד זיין שטימע צו דערציילן דעם לויב פון זיינע עלטערן, די הערליכקייט פון די פארגאנגענע טעג, צו לויבן זייער מוט, אויסדויער, פעסטקייט, אמונה, אמת און מסירת נפש, באלד ווערט ער זיך און פארטיידיקט זיך אין א צעברא־כענער שטימע קעגן די אָנגריפן און באשולדיגונגען פון זיינע פיינט און דריקער, באלד ברייטערט זיך אוים זיין ברוסט און אין א קלינגענדן קול און ווייט־שאלענדע טענער שילדערט ער פאר דער וועלט די רייכע האָפענונגען און די גרויסע צוקונפט וואָס אים ערווארט באחרית הימים.

ווייל שיר השירים, מיינע ווערטע צוהערער, ענטהאלט אין

זיך 5) ישראל׳ס שיינקייט, ישראל׳ס פארטיידיקונג און ישראל׳ס האָפענונג צווישן די ערדישע פעלקער, אָדער די זאכן, מיט וועלכע דער העלד רימט זיך אין זיינע וואנדערונגען, מיט וואס ער פארטיידיקט זיך אין קאמף און אויף וועלכע ער גרינדעט זיינע האָפענונגען אויף דער ענדע.

א.

ישראל, דער העלד פון שיר השירים, לעבט ווייט פון די ערטער פון זיין יוגנט, פון דער אלטער, טייערער היימאט, אינמיטן צווישן פרעמדע נאציאָנען, צווישן די טעכטער פון ירושלים 6), וועלכע דערצערנען אים, באשימפפן, שטויסן, דריינגן, פייניקן, שלאָגן און פארוואונדן 7). פלוצלונג וואכט זיך אויף ישראל, טרעט ארויס אין פראָנט און הויבט אָן פאר די פעלקער צו דערציילן זיין רומרייכע לעבנס-געשיכטע.

הערט, פעלקער, רופט ער אוים, איך בין ניט צו קנעכטשאפט געבוירן, נאָך אלס קינד אין מיין וויג, ביי די גרענעצן פון אזיע און אפריקע, האָב איך שוין געהערט פרייהייטס-לידער, און ווען די זון פון פרייהייט האָט ערשט אָנגעהויבן צו שיקן איר ערשטן, שוואכן שטראל אין דער אזיאטישער דעספּאָטישער קעניגרייך, האָב איך, ישראל, שוין אויפגעהויבן מיין שטימע מיט א פרייהייטס-ליד 8) צו דעם גאָט פון פרייהייט, וועלכער האָט צעשמע-

---

5) שיר השירים יש בו שבח להקב״ה, שבח התורה, שבח ישראל, שבח קבוץ גליות (ילקוט).—שיר השירים מכליל עוברות ועומדות ואותיות.

6) בנות ירושלים אמר רבי יוחנן עתידה ירושלים להעשית מטרפולין לכל המדינות.

7) הכוני, פצעוני נשאו את רדידי מעלי.

8) אני חבצלת השרון שאמרתי לפניו שירה על ידי משה דכתיב אז ישיר.

טערט די מצריים. ווייל ווען פרעה האָט זיך נאָכגעיאָגט מיט זיינע פערד און רייטוועגן זיך אומצובריינגען, האָט זיך גאָט דער איש מלחמה בארויקט 9) און זיך געראַטעוועט און באַ־פרייט פון דער האנט פון טיראַנעריי.

און יעדעס יאָר, ווען עס קומט דער מאָנאט פון פרילינג אלס אַן אָנזאָגער פון פרייהייט, וועלכע מאכט פּלאַצן די קייטן פון ווינטער, און ווען די קרעפטן פון גאָט הויבן זיך אָן צו באַוועגן אין דער נאַטור 10), פייער איך אכט טעג דעם יום טוב פון פאָלקס-פרייהייט און זינג צו גאָט, דעם דערלייזער מיין פריי־הייטס-ליד, וואס איז עלטער פון אלע אייערע פרייהייטס-לי־דער, 11) און וועלכע איז די קוואל פון באַגייסטערונג פאר אלע שפּעטערע פרייהייטס-לידער פון דבורה הנביאה און דוד המלך.

ניין, איר פעלקער, איך געפין זיך ניט אויסערן געזעץ ווי איר דענקט — איז ממשיך דער העלד ישראל — ווי נאָר איך בין באפרייט געוואָרן, אזוי האָט מיר דער מלך פון הימל און ערד געבראַכט אין זיינע חדרים, 12) ענטפּלעקט פאר מיר זיין הייליקן ווילן, און מיר געגעבן די תורה. — און וואָס איז די תורה? ווי א בייט פון בשמים פילט זי נאָך היינט אָן, דורך חסד וצדק, מיט איר זיסן ריח 13) אלע וועלט-טיילן, אלע מדינות, אלע שטאַמען, פעלקער און קעניגרייכן, און אזוי ווי גוטער ווין

9) לסוסי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי, שתקתיך הה"ד ד' ילחם לכם ואתם תחרישון.

10) כי הנה הסתיו עבר הגשם חלף הלך לו הנצנים נראו בארץ.

11) עת הזמיר הגיע, הגיע זמן של שירה שתאמר, שנאמר אז ישיר משה.

12) הביאני המלך חדריו אלו חדרי תורה.

13) לחייו כערוגת הבשם כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה נתמלא כל העולם כולו בשמים.

ווערט אויך איר ריח וואס מער צייט אלץ טייערער און טײ־ערער.[14] טויזנטער יאָרן זיינען פאריבער, פילע מדינות זיינען געגרינדעט און חרוב געוואָרן, א סך בונדן און אָפּמאכונגען זיינען באשאפן, צעבראָכן אָדער איבערגעאנדערשט געוואָרן; מיינע משפטים אבער פון בארג סיני, דארפן ניט קיין אָפּשטימונג, קיינע תקונים, קיינע ענדערונגען און קיינע נייע מחוקקים. מיינע יסודות פון צדק ומשפט בלייבן אייביק, אייביק אמת.[15]

ניין, איר פעלקער, איך פארדין ניט פון אייך קיין פאראַכטונג און באשימפונג! אויך איך האָב א מחנה פון נשיאים, שרי חיל, רעדנער, דיכטער, דענקער און חכמים אין מיין געשיכטע[16] זעט די 2 ברידער, וואָס מיין היסטאָריע דערציילט זייער גרויסקייט, משה ואהרן; איינער האָט געטראָגן דעם כתר מלכות, דער אנדערער — כתר כהונה.[17] ווי פריידלאך און ברידערלאך זיי האָבן געלעבט צוזאמען, ווי איינער האָט ניט מקנא געווען דעם אנדערן, ווי איינער האָט ניט געזוכט אָפּצושוואַכן דעם אַנזען, איינפלוס און מאכט פון דעם אנדערן, ווי יעדער איינער האָט זיך דאָס געפרייט מיט דער גרויסקייט און הויכקייט פון אנדערן! זאָגט פעלקער, האָט איר אויך אזוינע ביישפילן אין אייער געשיכטע? זיינען ביי אייך דען ניט די שטאַאט און

---

14) כי טובים דודיך מיין מה היין כל מה שמתישן משתבח אף דברי תורה כל מה שמתישנין משתבחין.

15) משפטי ד׳ אמת צדקו יחדיו.

16) שניך הם הגבורים, עיניך הם הנביאים, שפתותיך הם המשוררים (ראב״ע).

17) מי יתנך כאח לי כמשה ואהרן שבשעה שנטל משה את המלכות ואהרן את הכהונה לא קנאו זה בזה. — תאומי צביה כשם שהיו משה ואהרן אוהבים זה את זה כך יהיו מלך המשיח וכהן צדק אוהבים זה את זה.

קירכע אין א שטענדיקער מלחמה? לעזט דאָ מיינע נביאים, 18)
די העלדן פון גייסט און וואָרט, וועלכע האָבן זיך ניט געשראָקן
פאר דעם קול פון מלך און פאָלק, ווען זיי האָבן געקעמפט פאר
דעם אמת, פרייהייט און גערעכטיקייט. און ווי זיי זיינען געווען
אייזן־פעסט אין זייער כאראקטער, אזוי זיינען זיי געווען ווייב־
ליך־צארט, 19) ווייך און פול מיט געפיל פאר זייערע ליידענדע
ברידער. זעט דאָ א לאנגע רייע פון דיכטער, 20) וועלכע בלאָזן
אריין א גייסט פון לעבן און רייץ אין א טויטע שפראך, אין איר
צו שילדערן די ביטערסטע שמערץ און העכסטע פרייד, אין איר
קלאָגן און יאָמערן איבער שווערע ליידן און טיפן ווייטאָג, אין
איר טרייסטן און בארואיקן, אין איהר אויפהויבן ביז׳ן הימל דעם
גלויבן און האָפענונג; דאָ האָט איר אן אומגעהויערע צאָל פון
ערנסטע דענקער, וועלכע פארנעמען א חשוב׳ן פלאץ אין ליכטיקן
קעניגרייך פון אידייען. באטראכט נאָר איינעם פון זיי, וואס מיט
אכט טעג צוריק, אין פערצנטן טאָג פון ניסן, איז געווען זיין
געבורטס־טאָג. ער הייסט רבי משה בן מימון. פון זיינע פילע
ספרים, וועלכע זיינען אייביקע דענקמאלער פון זיין הויכן גייסט,
וועלכע איר האָט פיל איבערגעזעצט אין אייערע שפראכן, וויל
איך דאָ נאָר ברייננען איין זאץ: „דו פרעגסט מיך, רבי חסדאי
הלוי, וואס איך דענק פון די איבריקע נאציאָנען? זיי ווייסן, אז
גאָט דארף נאָר די הארץ, און דער עיקר איז ביי אים די כונה;
עם איז דאריבער קיין ספק ניט, אז ווער נאָר עם האָט צוגעגרייט

---

18) ומדברך נאוה אלו הנביאים.
19) היפה בנשים נמשלו נביאי ישראל כנשים.
20) נאוו לחייך בתורים אלו הרבנים, צווארך בחרוזים אלו הפייטנים.

זיין זעעלע מיט ריינע מדות און חכמה באמונת הקב"ה, איז ער געווים פון די בני עולם הבא. 21)

ניין, איר פעלקער, איך פארדין ניט אייער שפאט און אייער חוזק! — רופט אוים דער העלד פון שיר השירים — ניט נאָר אַ טראכט וועגן מיין אמונה אין גאָט 21־א) וועגן מיין אָפפער־וויליקייט צו מקריב זיין מיין נפש פאר מיין דת, וואָס פאר א יסורים און ענויים איך בין אויסגעשטאַנען פאר מיין גלויבן, פארדינט עס שפאט און חוזק? ניט קיין שטראמען וואסער און ניט קיין פלאמען פייער זיינען אימשטאַנד מיר צו דערווייטערן פון מיין פריינט אין הימל. 22) ער איז מיין גאָט און מיט אים בלייב איך אייביק, ער איז מיין פאָטער און איך בין זיין זון, ער איז מיין פאסטוך און איך זיין שאָף. 23) פארדינט עס שפאט און חוזק? אומזיסט פרואווט איר מיך צופארנארן און איינ־ריידן: וואס האָסטו פון דיין פריינט, וואָס דו שטעלסט דיין לעבן אין געפאר צוליב אים? קום צו אונז, שלים מיט אונז א בונד און מיר וועלן דיר געבן כבוד, גדולה און תפארת. 24) אומזיסט דריקט איר אונז מיט די שווערסטע שטייערן אונטער פארשידענע נע־

21) ומה ששאלת על האומות? הוי יודע דרחמנא לבא בעי ואחר כונת הלב הם הם הדברים ואין בדבר ספק שכל מי שהתקין נפשו בכשרות המדות וכשרות החכמה באמונת הבורא יתברך בודאי הוא מבני העולם הבא (אגרת הרמבם אל רבי חסדאי הלוי).

21א) ישקני מנשיקות פיהו ידביקני.

22) ונהרות לא ישטפוה ואפילו הורגין ואפילו מטביעין במים ואפילו שורפין באש את ישראל אין שומעין להם לכפור ביוצרם (לקח טוב).

23) דודי לי ואני לו, הוא לי לאלהים ואני לו לעם, הוא לי לאב ואני לו לבן, הוא לי לרועה ואני לו לצאן.

24) מה דודך מדוד שככה אתם נהרגים עליו באו והתערבו עמנו ואנו עושים אתכם דוכסין ואיפרכין ואיסטרליטין.

25) כשושנה בין החוחים כך ישראל אע"פ שהן משועבדים בפיסין בגולגוליות ובזימיות לבן מכוון לשמים.

מען. 25) אומזיסט האָט איר רבי עקיבא׳ן און טויזנטער אַנדערע אויף דעם שרעקלאכסטן אופן געפייניקט און געטויט.26) — מיין טרייע הארץ שלאָגט נאָר פאר גאָט, פאר מיין אמונה, מיינע עלטערן, מיינע הייליקטימער. פארדינט עס שפאט און חוזק? טראָץ די ביטערע ליידן, וועלכע טרעפן מיך אומעטום, טראָץ דעם האָס און שנאה פון דער גאנצער וועלט, זינג איך ראש־חדש און יום טוב 27) מיט א קלינגענדיקער שטימע און מיט א גלויביקן געמיט: „הודו לד׳ כי טוב כי לעולם חסדו." 28) אזוי פעסט און שטארק איז מיין אמונה אין גאָט. — פארדינט עס שפאט און חוזק? מיין איינציקער וואפן איז מיין גאָטס וואָרט, מיין בויגן און שווערד איז די הייליקע תורה 29) און נעם איך אמאָל יא דעם שווערד אין מיין האנט, איז עס נאָר צו שעכטן ווי אברהם מיט די אייגענע הענט מיינע אייגענע קינדער, ווען איר ווילט זיי אָפּרייסן מיט אכזריות פון מיין גאָט — פארדינט עס שפאט און חוזק? — אזוי רעדט ישראל, דער העלד פון שיר השירים.

לאָמיר איצט בייזיין דעם צווייענדיקן געשפרעך צווישן אונזער העלד און די פעלקער, און לאָמיר צוהערן, ווי ישראל פארטיידיקט זיך און ווערט זיך קעגן די רכילות און באשולדיגונגען, וועלכע די פעלקער ווארפן קעגן אים.

---

26) השבעתי אתכם בנות ירושלים בצבאות או באילות השדה השביען בדורו של שמד ששופכין דמם על קדושת שמו כדם הצבי ודם האיל.

27) כי קולך ערב בהודו לד׳ כי טוב.

28) ישקני מנשיקות פיהו יזייננני שנא׳ רוממות אל בגרונם וחרב פפיות בידם.

29) כלם אחוזי חרב חרבו של אברהם אבינו שנא׳ ויקח את המאכלת.

ב.

ישראל! — הויבן אָן די פעלקער, די טעכטער פון ירושלים זייערע אָנגריפן — דו דערציילסט אונז פון גלוי שכינה, וואס איז געוואָרן ווי דיין אייגנטום, 30) דו באַרימסט זיך, אַז גאָט האָט דיך אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער, 31) אַז דו ביזט דער איינ־ציקער פרוכטבאַרער בוים אין דעם אור־אַלטן וואַלד פון דער געשיכטע. 32) גוט, מיר זיינען מודה צו דיינע רייד און זאָגן, אַז עס איז אָן אמת. 33) אבער די אַלטע יסודות פון דיין אמונה זיי־נען דאָך שוין לאַנג צעטרייסלט געוואָרן! אַוואו איז דיין בית־המקדש, צו וועלכן דו פלעגסט עולה רגל זיין דריי מאָל אַ יאָר? וואו איז דיין מזבח, אויף וועלכן דו פלעגסט מקריב זיין דיין קרבן עולה יעדן טאָג פרי און אָונטט? וואו איז דיין לאַנד און דיין מלוכה, אָן וועלכע עס פלעגן אָפהייננגען אַזוי פיל מצות?

„אני ישנה ולבי ער" (ש"ה ה. ב.) ענטפערט דער העלד פון שיר השירים. אמת טאַקע איך פאַרמאָג יעצט ניט קיין גרויסן בית המקדש פאַר דעם כלל ישראל אינמיטן פון אַ אידישער הויפטשטאָט, האָב איך אבער דען ניט געבויט פאַר מיין גאָט טויזנטער בתי מדרש מעט אויף דעם גאַנצן ערדקוגל? 34) איז דען ניט מיין לעבעדיקער און עקזיסטירענדער גאָט אומעטום, וואו עס זוכט אים דעם מענטשנס הארץ?

---

30) ישקני מנשיקות פיהו דברי תורה שנתנו בנשיקה.

31) אני חבצלת השרון חביבה אני לפני הקב"ה יותר מכל האומות.

32) כתפוח בעצי היער שכל הגוים עע"א והוא מרמן לעצי היער שהם אילני סרק שאין בהם ממש.

33) ראוה בנות ויאשרוה כל אומות מודים שתורת משה נתנה בהר סיני מפי הגבורה.

34) אני ישנה מבית המקדש ולבי ער בבתי כנסיות.

רופט ניט מיין לערער משה אויס (דברים ד. ז.) „כי מי גוי גדול אשר לו אלהים קרובים אליו כד׳ אלהינו בכל קראנו אליו?“ זינג איך ניט אין מיינע ימים־טובים די ווערטער פון דוד המלך (תהלים ק״ג ג.) „ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם ד׳“ האָט שלמה ניט געפייערט דעם חנוכת הבית פון ערשטן בית המקדש מיט די ווערטער: (מלכים א׳ ח. כ״ז.) „הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי הבית אשר בניתי?“ אמת, עס טראָגט זיך שוין ניט דער פלאם פון די קרבנות יעדן אָוונט און מאָרגן פון דעם הייליקן מזבח; אבער טראָגן זיך דען ניט די קלאָרע רופן פון מיליאָנען העלזער פון אונזערע ברידער־אידן ״ה׳ אלהינו ה׳ אחד״. 35) האָט ניט די אנערקענונג אין דער אמונה געפירט טויזנטער אויף דעם עשאפאט, באגייסטערט הונדערט־טויזנטער, זיי זאָלען קענען ביישטיין קעגן אלע צויבער פון דער וועלט? אמת, איך קען יעצט ניט מקיים זיין פיל מצות, וועלכע זיינען געווען תלויות בארץ; אבער באוויז איך ניט נאָכאַנאַנד מיין גערעכטיקייט און תמימות דורך צדקה און מעשים טובים? 36) האָבן ניט די בעסטע און איידלסטע פון אייך צו מיר אָפט אויסגע־רופן: „שיין ביסטו דורך וואָלטעטיקייט, שיין ביסטו דורך גנאדע און רחמים אָן אונטערשייד פון רעליגיע, שיין ביסטו אין דיין מוסר, שיין ביסטו אין דיין שמערץ. 37)

אָבער די אומות העולם טרעטן ווידער ארויף צום אנגריף און זאָגן: ישראל, נעם זיך ניט איבער און בארים זיך ניט אזוי פיל; דיינע חסרונות זיינען דאָך זייער פיל! דער עגל הזהב איז דאָך נאָך ביז היינט דיין גאָט אזוי ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק,

35) אני ישנה מן הקרבנות ולבי ער בקריאת שמע.
36) אני ישנה מן המצות ולבי ער בצדקות.
37) הנך יפה במתן צדקה הנך יפה בגמילות חסדים הנך יפה בתוכחות הנך יפה ביסורין.

רייכטימער שטייען ביי דיר העכער ווי די אוצרות פון גייסט, רייכע מענער רופסטו אין דיין פארדאַרבענער שפּראך גרויסע מענער, דו קריכסט פאר זיי צו דער ערד און ווייזט זיי אלע צייכן פון פארערונג, ווען פאר דיר פעלט צייט און אָרט, פארמעגסט ניט קיין אויער און אויג פאר די אָרימע אבער גייסטיגע פאר־טרעטער פון דיין אמונה און דיין תורה. ישראל, דו ביזט אומ־באשיידן, צודרינגלאך און פאלש אין דיינע אורטיילן איבער דיינע פירער, פּאָרקעמפּער, רעגירונגען, איבער אלע מדינה־איינריכטונגען, געזעצגעבונגען און דערשיינונגען אין ליטעראַ־טור, קונסט און וויסנשאפט. ברעכט אוים א מלחמה אין לאנד, האלטסטו זיך פאר א סטראַטעג ווי דוד, זאָגסט ארוים דיינע מיי־נונגען אזוי ווי דו וואלסט געווען א געאיבטער פעלדמארשאל; בויט איינער א הויז, אזוי ביסטו א שלמה, און דו רעדסט ווי איינער פון די גרעסטע קונסט ארכיטעקטאָרם; גיט מען ארוים גוטע געזעצן אין לאנד, וועלכע ערלויבן דיר אויך פלאץ, מער פלאץ, מיין ליבער איד, מער וויפיל מיר נאציאָנען פארגינען דיר, אזוי ביסטו אן אחיתופל, און מאכסט א מינע פון דעם קליגסטן מלוכה־מאן; הערט זיך א געזאנג אין שול, דאמאָלט ווערן אלע אידן גרויסע זינגער און קאָמפּאזיטאָרם. ישראל, דו ביסט צו־קריגט און צעריסן צווישן זיך אליין, דו ביסט מקנא, פארגינסט ניט און קליינלאך קענן דיין אייגן פלייש און בלוט; אַ זאך, וואס דו קענסט ניט דערלאנגען, טאָר אן אנדערער אויך ניט דער־גרייכן; וואס דו ווערסט ניט, דארף אן אנדערער אויך ניט ווערן; ווען דו האָסט עס ניט, פארוואָס זאָל עס אן אנדערער באזיצן? ישראל, דיר פעלן אָפּט פיינע און געבילדעטע פאָרמען אין ריידן, תנועות און האלטונג, אין אומגאנג און פארקער; דו שטומסט אָדער דו שרייסט; דו בעטלסט אָדער דו באפעלסט; קריכסט

אָדער געוועלטיגסט, וויצלסט זיך און שפּילסט זיך מיט ווערטער, וואו עס פארלאנגט זיך ערנסט און ווירדיקייט.

„אל תראוני שאני שחרחורת ששזפתני השמש" (ש"ה א. ו.) ענטפערט דער העלד פון שיר השירים. אמת, איך האָב פעלערן און שוואכקייטן — איך בין זיך מודה — אבער מען קען זיי פאריכטן. זיי זיינען די רעזולטאַטן פון דעם שווערן יאָך, וועל־כער דריקט מיך שוין זייט הונדערטער יאָרן,38) פון די אָפּגע־זונדערטקייט, וואו איר האָט מיך איינגעשלאָסן. איינער, וואָס איז זיין גאנצן לעבן געווען אויסגעזעצט קעגן די זונענשטראַלן, וואס זיין געזיכט איז כמעט טונקל און שווארץ; איינער, וואס האלט א שטענדיקע מלחמה קעגן פארפאָלגונגען און רכילות — איז דען א וואונדער, וואס וואונדן און בייזן באדעקן זיין לייב? איר רעדט פון מיין געיעג נאָך גאָלד און רייכטום; — איז דען אָבער ניט דאָס רייכטום מיין איינציקער שוץ? פארשאפט עס מיר דען ניט גערעכטיקייט ביי אייך און איידעלט עס מיר ניט אוים ביי אייך? איר ווארפט מיר פאָר אין צודרינגלאכקייט און אומבאשיידנהייט; איז עס אבער ניט נאַטירלאך, אז דער, וועמען מען שטויסט צוריק, זאָל זיך שפּאַרן פאַראוים, אז דער, וועמען מען פאר'משפט צום שווייגן, זאָל דוקא וועלן ריידן הויך און ארויסזאָגן זיין מיינונג, אז דער, וועמען מען דערנידערט, זאל דוקא זיין פילבאר פאר כבוד? „שחורה אני ונאוה, בנות ירושלים, כאהלי קדר". (ש"ה, א. ה.) ווי אהלי קדר וועלכע זיינען פון אוים־ווייניק אומאנגענעם און מיאום פאר'ן אויג,39) אָבער אינעווייניק פול מיט טייערסטע אוצרות און רייכע קאָסטבארקייטן. פאר־וואָס בויט איר אייערע אורטיילן אויף די פאראיבערגייענדע דער־

38) סמכוני באשישות בשעה שיצאו ישראל ממצרים היו בהם בעלי מומין משעבוד טיט ולבנים.

39) מבחוץ הם כעורים ושחורים והם מבפנים אבנים טובות ומרגליות.

שיינונגען? פאַרוואס בליקט איר ניט אריין טיפער אין די שיינ־היטן פון דער רייכער, אינערליכער וועלט פון אידן? קענט איר רופן אזא מענטשן אוהב בצע, וואָס ער איז זיך מקריב פאַר זיין גאָט, 40) וואָס איז גאסטפריינטלאך, ברייטהארציק אין צדקה און וואוילטעטיקייט? דער אידישער פעדלער זעט אייך אוים צו־דרינגלאך און פאראכטעט, און איר פייניקט אים מיט געזעצן און פאַראָרדענונגען, וועלכע זיינען געצילט קעגן אים — באַ־טראכט אים אבער שבת, 41) אין קרייז פון זיין משפחה, ווען ער איז א מאן צו זיין ווייב און א טאטע צו זיינע קינדער, ווען זיינע קינדער באצירן אים מיט פארגעניגען און נחת מער ווי אלעם אין דער וועלט. 42) היט זיך צו פארדאמען אזוי שנעל אַ גאנצן פאָלק! משה, גאָטס ליבלינג, איז אויך באשטראפט געוואָרן שווער, „ווייל ער האָט נאָר איינמאָל אָנגערופן דעם כלל ישראל „ווידערשפעניגע“. 43)

נאָכאמאָל הויבן אָן די פעלקער זייער אנפאל און זאָגן: ישראל, מיר האָבן געלעזן אייניגע פון דיינע הייליקע ספרים, מיר האָבן דאָרט געפונען פיל קנאות, פיל פיינטשאפט, אזוינע שטעלן, וועלכע זאָגן עדות אויף דיין שטאָלץ און גרויסקייט, ווי דו האלטסט זיך אזוי הויך פאַרריסן קעגן אלע איבעריקע פעל־קער; קענסטו דאס אונז אפלייקענען? קענסטו נאָך פון אונז פארלאנגען ליבע און גוטסקייט?

„הכוני פצעוני נשאו את רדידי מעלי (ש״ה ה. ז.) ענטפערט

---

40) שחורה אני בחורב אלה אלהיך ישראל ונאוה כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע.
41) שחורה אני כל ימות השבוע ונאוה בשבת.
42) צוארך בחרוזים אלו התינוקות.
43) אל תראוני שאני שחרחורת, משה על ידי שאמר שמעו נא המורים נגזר עליו שלא יכנס לארץ.

זיי דער העלד פון שיר השירים, זיי האָבן מיר געשלאָגן אין מזרח און מערב, האָבן מיר פארוואונדעט אין דרום און צפון, האָבן מיין ערע מיט די פיס געטראָטן, צוגענומען פון מיר געזעץ און גערעכטיקייט. האָבן מיר פארביטערט מיין לופט און לעבן, האָבן קאלט און הארצלאָז מיך פון זיך געשטויסן, האָבן די שרעקלאכסטע באשולדיגונגען ווי: ברונען־פארגיפטיגונגען, קינדער־רויב, בלוטדורשטיקייט, אויף מיר געוואָרפן — ווי האָב איך געקענט זיך באהערשן אין מיין אויפגערעגטקייט, אין מיין טיפן ווייַ, אין מיין פארצווייפלונג ניט צו ריידן אויף אייך שלעכטס, ניט צו לעסטערן אייער נאָמען און ניט אייך צו שילטן? די זאך וואס איך זאָג טעגלאך איז „ואהבת", ליבע און ניט קיין שנאה 44) דאָס וואָרט, וואס איך לערן מיינע קינדער איז „ואהבת" ליבע ניט קיין שנאה; דאָס צייכן, וואס איך טראָג אויף מיין קאָפּ און אָרעם איז „ואהבת", ליבע ניט קיין שנאה; דער זאַץ, וואס איך שרייב אויף די מזוזות פון מיין הויז און טויער, איז „ואהבת", ליבע ניט קיין שנאה; איז עס מיין שולד, אז אין מיין ביטערן ווייטאָג, וואס האָט ניט דורכגעפילט קיין אנדערע פאָלק אויף דער וועלט, האָב איך אוועקגעשטויסן פון מיינע פארוואונדעטע און צעבלוטיקטע הענט דעם פאן פון ליבע, אז עלטערן, פון וועמען איר האָט אוועקרויבט מיט גוואלד זייער האָב און גוטס, זייערע ווייבער און קינדער האָבן ביי אייך ניט געפונען די אידעאלן פון ליבע און גערעכטיקייט?

ערלויבט מיר ווייטער און איך וועל אייך געבן צו דעם א משל פון די חכמים, 45) און דעם נמשל וועט איר שוין פארשטיין אליין.

---

44) ודגלו עלי אהבה, זה קריאת שמע.
45) מדרש רבה פיסקא אל תראני שאני שחרחורת.

איינמאָל איז געקומען א שווארצע שפחה פון די בנות כוש צו א ברונען און געזאָגט מיט פרייד צו אירע א פריינדין: „איך האָב דיר צו דערציילן א וויכטיקע נייס! מאָרגן שיקט אוועק מיין האר זיין פרוי און נעמט מיר פאר זיין ווייב.“ „פארוואָס וועט ער דען דאָס טאָן“? האָט די פריינדין געפרעגט, „ווייל זי האָט נעכטן אירע הענט איינגעשווארצט אין קוילן“. האָט די ערשטע געענטפערט. „נארישע“ — האָט די פריינדין צו איר גע־זאָגט — „זעסט דיין האַר שיידט זיך מיט זיין געליבטע און גוטע ווייב, נאָר ווייל אירע הענט זיינען צופעליג אויף א ווײלע שווארץ, און וועט דיר אויסקלייבן, וואָס דו ביסט שווארץ פון געבורטסטאָג אָן דורך און דורך.“

— ישראל, — זעצן צוריק די פעלקער פאָרט זייערע אָנ־פאלן — דו ביסט שטורמיש, געפערלאך פאר דער מדינה, רע־וואָלוציאָנעריש, אומעטום, וואו עס ווערן צעשטערט די אלטע הייליקע און פארערטע געזעצן, דאָרט ביסטו דאָ; ווער קען דיר פארטראָגן און מיט דיר צוזאמענלעבן?

„השבעתי אתכם בנות ירושלים“ (ש"ה ב. י.) ענטפערט דער העלד פון שיר השירים. מיר און אייך האָט גאָט באשוואָרן. מיר, איך זאָל ניט מורד זיין אין מלכות, און אייך, איר זאָלט ניט מאכן אייער יאָך אויף מיר צו שווער, ווייל, הערט עס איר פעל־קער, ווען די משא, וואָס איר וועט אויף מיר ארויפלייגן, וועט זיין צו שווער — דאמאָלט וועט מיין דערלייזונג קומען פריער, איידער די מענשלאכע אויסרעכענונג קען עס גאָר דאכטן.46)

46) השבעתי אתכם בנות ירושלים, שתי שבועות יש כאן אחת לישראל, ואחת לאו"ה נשבע לישראל שלא ימרדו בעול המלכיות ונשבע למלכיות שלא ישיתו עול על ישראל שאם מקשין עול על ישראל הן גורמין לקץ לבא שלא בעונתו.

ישראל, — לויטעט דער לעצטער אָנגריף פון די פעלקער — דו ווילסט הערשן, שטרעבסט נאָר צו דעם דורך געלט און גייסט, דורך געשיקטקייט, און פלייסיקייט, דורך וואָרט און שריפט, אלעם איבערשטייגן און אלעם צו דיר אונטערוואַרפן, דו זאָלסט ווערן דער האַר פון דער וועלט דורך שטילע עראָבערונגען; מיר קענען דיך ניט לאָזן פריי, דער אינסטינקט פון זעלבסט-פארטיי־דיגונג צווינגט אונז דיך צו באשריינקען און דערצו אונטער־דריקן!

ווייסט איר ווי גאָט רופט מיך? — ענטפערט דער העלד פון שיר־השירים — שולמית. דאָס מיינט ניט, ווי אנדערע ווילן באַהויפטאָן, די פארטיקע, וואס האָט שוין אויסגעשפילט איר ראָליע אין דער געשיכטע, 47) נאָר די פרידליכע, וועלכע לעבט מיט יעדן איינעם בשלום, וועלכע נוצט אירע טעטיקייט און קראפט נאָר צו פארטיידיקן זיך אבער ניט צו אָנגרייפן און רויבן, די, אויף וועמען גאָט ברכה ענדיקט זיך מיט שלום 48) און ווע־מענם ערשטער כהן גדול ווערט גערימט נאָר מיט דעם, וואס ער איז געגאנגען בשלום ובמישור (מלאכי ב׳ ו.) ווייסט איר דעם נאָמען וואָס איך רוף מיין גאָט? דער האַר און מלך פון שלום, דער וואָס מאכט שלום צווישן די קעמפנדע גייסטער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. 49)

---

47) העולם אומרים לישראל שולמית, שכבר נשלמתי ונגמרתי (לקח טוב).

48) השולמית אומה שמסיימין לה שלום בכל יום שנאי׳ וישם לך שלום.

49) שלמה למי שהשלום שלו ונוהג שלום עם בריותיו ועושה שלום בין מלאכים.

ג.

אין דער צייט פון דעם דאָזיקן שמועס האָט געהערשט פינס־טערניש ארום און ארום; ווייל נאָר אין דער טונקלהייט, וועלכע הילט איין די ערד און וויקלט איין די גייסטער, ווערט ישראל באפאלן.50) לאנגזאם איז אויפגעגאנגען דער מאָרגנשטערן און געוואָרפן איינצעלנע ליכטשטראלן אויף דעם •טונקעלן שווי־פלאץ, — דאָ האָט ישראל, דער העלד פון שיר השירים, אויפגע־הויבן זיינע אויגן צום הימל און אויסגערופן: „מי זאת הנשקפה כמו שחר?" (ש"ה ו. י.) דאָס איז מיין גאולה!51) יע, ליכט מוז עס ווערן אויף דער ערד: ליכט אין די פאַלאַצן, וואו די פירסטן זיצן אויף זייערע טראָנען; ליכט אין די הייזער, וואו די אויס־דערוויילטע פון פאָלק בראטן זיך מיט ערנסט און ווירדע; ליכט אויף די בימה'ס, פון וועלכע עס ווערט אָנגעזאָגט דעם פאָלק די לערן פון דער אמונה; ליכט אין די שולן, וואו דער יונגער דור ווערט דערצויגן; ליכט אין די וואוינונגען, וואו עס לעבן בשלום פאמיליעס פון פארשידענע אמונות; ליכט אין די ווערקשטאַטן, וואו עס באוועגט זיך די האנט פון פלייסיקן; ליכט אין דעם גייסט פון מענטשן, ליכט אין הארצן!" „קול דודי הנה זה בא" (ש"ה ב' ח.) הער, וואס זיינען עס פאר א טענער, וועלכע דרינגען אין מיינע אויערן? — דאָס זיינען באקאנטע קלאנגען, דער קול פון שופר, נאציאָנאלע קלאנגען, קלאנגען פון פרייהייט און גאולה, זיי הערן זיך אין פאָראויס פאר דעם מלך המשיח.52)

---

50) על משכבי בלילות, הגלות דומה ללילה כענין שנאמר שומר מה מליל, שומר מה מליל (לקח טוב).

51) מי זאת הנשקפה כמו שחר, כך תהיה גאולתן של ישראל.

52) קול דודי הנה זה בא זה מלך המשיח.

זעט, ווי ער איז ארומגענומען פון געטלאכע ליכטיקייט; ווייל „כי נחה עליו רוח ד׳ רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד׳. (ישעיה י״א, ב.) וואָס טראָגט ער דאָרט אין זיין גארטל, פינקלדיק און בליסטשענדיק? עס איז ניט קיין שווערד אויף מאָרדן פעלקער; „צדק אזור מתניו והאמונה אזור חלציו״ (שם י״א, ה.) וואָס זאָגט אָן זיין מויל הויך? „לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי״ — דורך דריקונג און פארפאָלגונג, דורך האס און גוואלדטאטן, דורך אכזריות און טיראנעריי; — „כי מלאה הארץ דעה את ד׳ כמים לים מכסים״ (שם י״א, ט.) זעט, ווי אלע פעלקער פול מיט פרייד אין הארצן און שלום אין מויל ציען זיך אהער.53) זיי בילדן צוזאמען א פריינטלאכן קרייז, שטרעקן איינע די אנדערע א ברודער האנט, זאמלען זיך אלע ארום דעם פאן פון פרייהייט און שלום און מיט קולות פון גע-זאנג און שאלן, וואס מען האָט נאָך ניט געהערט אין דער וועלט-געשיכטע זינגט מען צוזאמען דעם שיר-השירים פון דער מענטש-הייט, די העכסטע ליד פון שלום און אחדות צווישן די פעלקער. אַ נייער גייסט נעמט ארום די מענטשהייט, א גייסט וועלכער לייזט אוים פעלקער און רופט צו פרייהייט: „הנה זה בא מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות וגו׳ הנה זה עומד אחר כתלינו משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים (ש״ה ב, ח, ט.)

יע, איך האָב געזיגט, און געבליבן זיגער אויף דעם גרויסן וועלט-געשיכטלאכן שוי-פלאץ, — רופט אוים דער העלד פון שיר השירים! הויך אין מיין רעכטער האנט האלט איך טריי די פאָן,

53) משכני אחריך נרוצה.

וועלכע איך האָב טויזנטער יאָרן געטראָגן דורך פייער און וואַ-
סער, און וועלכע די גאנצע וועלט, אלע פעלקער אויף דער ערד,
די בנות ירושלים, האָבן ביי מיר ניט געקענט ארויסרייסן פון
האנט; די פאָן, 54) אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט מיט
אותיות פון פייער אדני, דער לעבעדיקער, איינציקער גאָט אויפ'ן
הימל און ערד, אמן.

54) ה' נסי.

דרוש לפרשה אמור

פרשה קטנה

אַן וועלכער עס הייגגט אָפּ די גאנצע תורה און באציאונג צו אונזער צייט.

ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי
בתוך בני ישראל אני יי׳ מקדשכם.
(ויקרא כ״ב, ל״ב)

די געשיכטע פון דעם אידנטום, מיינע ווירדיגע צוהערער, לערנט אונז דורך באגלויבטע עדות, אז אין פארלויף פון באשטימטע צייטן און אונטער דעם איינפלוס פון געוויסע צייט־אומשטענדן ענטפלעקן זיך פאר אונז איינצעלנע מאמרי קודש אין א גלאנץ פון גאָר באזונדערע באדייטונגען, וועלכע קריצן זיך איין טיף אין הארצן פון די גלויביגע. אזוינע מאמרי קודש אָדער פסוקי תורה זיינען אמאָל ווי אן אנקער, וועלכע איז געוואָרפן געוואָרן אין די טיפענישן פון דער שטורמשער צייט, אמאָל ווי א שויץ־וואנט קעגן אָנקומענדע, פארדערבליכע צייט־שטראָמונגען, אמאָל ווי א פאָן, ארום וועלכן זיך צו זאמלען אין א טאָג פון מלחמה צווישן קריגדורשטיקע פעלקער, אמאָל ווי אן אויפפאָדערונג אָדער אן אפהאלטונג, אמאָל אן אויפמונטערונג און אמאָל א ווארנונג, שטענדיק אבער — א קליינע פרשה, וואס ענטהאלט די גאנצע תורה.

ווען צום ביישפיל אין ירושלים דורך פארטגעשריטענעם דענקען, דורך אויסגעברייטעטע פאָרשונגען, דורך צאָלרייכע ספרים, דורך טיפן גריבלען, דורך דער נטיה פארנאַנדערצונג־

מען זיך און זוכן די יסודות אין אלע ערשיינונגען פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלאכן לעבן איז אויסגעוואקסן דער אומרואיקער מענטשלאכער גייסט און אָנגעהויבן וואַרפן ספקות אין ווערט פון אונזערע גייסטיקע אוצרות ווי אין די העכערע אידעאַלן— אויף וואס דער ספר קהלת איז נאָך ביז היינט אַן עדות, — דאָ איז צו יענער ספקות־זוכענדער צייט געקומען דער מאמר: (קהלת י״ב, י״ג.) „את האלהים ירא ואת מצותיו שמור“, דאָס מיינט, קליג זיך ניט און גריבל זיך ניט; „כי זה כל האדם“, דאָס הייסט, דאָס אליין איז דער מענטש אין זיין גאַנצקייט צו גאָט, ניט געטיילט און ניט געבראָכן.

ווען רוים׳ס אונגעזעטיקטער אַפּעטיט האָט איינגעשלונגען כמעט דעם גאַנצן ערד־קרייז, די רוימישע מלוכה האָט דערדריקט דעם מענטשנס פרייהייט; די מלוכה אָדער אירע פירער זיינען געווען אלעס, דער איינצעלנער אבער איז געווען גאָרניט און האָט גאָרניט געהאט, ניט קיין אָרט, ניט קיין רעכט און ניט קיין פרייען ווילן, — דאמאָלט האָט ר׳ שמעון בן עזאי אויסגערופן צו יענעם דור, וועלכער האָט אָפּגעשפּאָט פון גאָטס געזעצן פאר דעם מענטשן אזוי צו זאָגן: „זה ספר תולדות אדם זה כלל גדול בתורה (ב״ר פ׳ כ״ד) לערנט פון דעם, ווי גרויס עס איז ביי דעם אידנטום די אנערקענונג פון פערזענלאכער ווערט, פּערזענלאכע ווערדע און פּערזענלאכע רעכט קעגנאיבער די רוימער, וועלכע טראָגן זיך ארום מיט זייער מלוכה אידייע, וועל־כע פארשלינגט אין איר ברייט געעפנטן מויל יעדן יחיד אָן אונ־טערשייד.

ווען אומגעפער פופציק יאָר שפּעטער האָט איין רוימישער שלעכטער קיסר ארויפגעלייגט אויף די אידן דריקענדע שטייערן, דורך פארשידענע גזרות ביי זיי צוגענומען זייערע פעלדער, די אָרימקייט האָט זיך אזוי שטארק געמערט אז ר׳ יהודה איז גע־

ווען געצוואונגען צו פארגרינגערן אביסל אין די דינים פון מעשר און שמיטה, דאָס פאָלק האָט געטרויערט און געזיפצט, די קעפּ פון די פירער זיינען געווען געבויגן צו דער ערד, אין יענע טעג איז געקומען אבא בר קפרא און האָט גערעדט צו זיין אָרימען דור טרייסט־רייד: „בכל דרכיך" אין אלע דיינע וועגן — וואו דו גייסט און וואָס דו אונטערנעמסט אין דיזער צייט פון נויט און דריקונגען — „דעהו" מערק אויף „איהם" און ער, גאָט, וועט דיר אויסגלייכן דיינע וועגן.1)

ווען מען האָט פון די אידן אין פּאָרטוגאל צוגענומען ניט נאָר די שולן און בתי מדרשים, נאָר אפילו די ספרי תורה׳ס, און געמאכט פאר די עלטערן אוממעגלאך צו לערנען די קינדער אין אַ ספר, דאמאָלט האָט געזאָגט ר׳ אברהם סבא, א צדיק און א חכם איינער פון די גולי ספרד, „עס איז דאָך אונז איבערגעבליבן אַ קליינע ספר תורה אין דעם פסוק „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד", וועלכן מיר אלע, יונג און אלט, קענען אויף אויסווייניק; פאר דער צייט, ווען דער בארבארישער פאנאטיזמוס פון די גלחים וויל אָפּרייסן אונזערע קינדער פון אידישן דת, איז גענוג דער פסוק זיי צו דערציען אין אונזער אמונה, זיי שיצן קעגן יעדע רייצונג און זיי באוואפענען קעגן יעדן אפריידער און פאר־פירער.2)

אויך אין אונזער צייט, ווען עס זיינען באַשאַפן געוואָרן גאנץ נייע פארהעלטניסע צווישן רעליגיעס, וועלכע פירן אויך אונז אידן אין נייע באציאונגען צו אונזער סביבה, ווען עס איז געמאכט געוואָרן אן ענדע צו די אָפּגעשלאָסנקייט און אויסגע־

---

1) איזו הוא פרשה קטנה שכל גופי תורה תלויים בה, בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחתיך. (ברכות ס״ג).

2) צרור המור פ׳ ואתחנן.

שלאָסנקייט אין וועלכער מיר האָבן ביז איצט געלעבט, מיר האָבן צו זיך געצויגן די עפנטלאכקייט, וועלכע האלט איבער אונז איר אויג אָפן און וואַך — אויך אונזער צייט פאָדערט עס, מיר זאָלן זוכן א מאמר אָדער א פסוק אין דער תורה, וועלכע זאָל אונז באלייכטן די וועג, עס זאל זיין פאר אונז ווי א פרשה קטנה, שכל גופי התורה תלויים בה,(3 זי זאָל אונז באגלייטן אומעטום, אין אלעם וואס מיר ריידן, שטרעבן, אונטערנעמען, איינריכטן, איינפירן און אויספירן.

און יעצט! די קליינע ספר-תורה פון אונזער צייט ווערט אריינגענומען אין די ווערטער, וועלכע מיר לעזן היינט פאָר: „ולא תחללו את שם קדשי; ונקדשתי בתוך בני ישראל, אני ד׳ מקדשכם.“

מיר וועלן דעריבער גוט באטראכטן די פרשה, ווי עס פאָ־דערט פון אונז דער ערנסט פון דער צייט, קודם כל וועלן מיר דערציילן די געשיכטע פון דער קליינער פרשה ביז היינטיקן טאָג, און דערנאָך וועלן מיר ענטוויקלען איר באדייטונג פאר דעם הוה און פאר דעם נאָנטן עתיד.

א.

די געשיכטע פון דער פרשה קטנה פון אונזער צייט — האָט זי דען א באזונדערע געשיכטע? וועלן פילע פרעגן. יע, מיינע ווערטע צוהערער, אָן צווייפל קענען מיר וועגן איר געשיכטע אזוי ווייט ריידן, וויפל די ווערטער: „ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל, אני ד׳ מקדשכם“ האָבן געהאט איין באדייטונג פאר יענער צייט, ווען די אידן זיינען געווען פריי,

---

3) כלל גדול בתורה.

זעלבסטשטענדיק, אומאָפּהענגיק, געאכטעט און רעספּעקטירט, געהאַט אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע מלוכה אויפפאַסונג, כהנים, קרבנות און אַ מזבח, און אַן אנדער באַדייטונג פאַר אַן אנדער צייט, ווען די זון פון פרייהייט אין ישראל האָט געגומען אונטער־גיין, 4) כהונה און עבודה האָבן אויפגעהערט, דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן, צעשפּרייט און געדריקט און פאַרפאָלגט גע־וואָרן פון שונאים, און אָנגערעדט געוואָרן אָפּצוקערן זיך פון דער אמונה.

פאַרוואָס — פרעגן אונזערע חכמים — הויבט זיך אָן היינ־טיקע פרשה: (ויקרא כ״א כ״ד) „אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם״? פאַר וואָס איז עפּעס געטאָפּלט געוואָרן דאָס וואָרט „אמירה״? ווייל דאָס געטלאַכע וואָרט האָט אָפּט אַן אַנ־דער כונה און אַן אנדער באַדייטונג, לויט די פאַרשידענע אומ־שטענדן און פאַרהעלטניסע, נישט אָנרירנדיק דערביי די יסודות פון די עיקרים. 5)

ווען עס איז געזאָגט געוואָרן צום ערשטן מאָל „ולא תחללו את שם קדשי; ונקדשתי בתוך בני ישראל אני ד׳ מקדשכם.״ איז געווען די כונה, ווי רבי אברהם אבן עזרא און דון יצחק אברבנל באַמערקן, אויף די כהנים, די היטער און וועכטער פון די קדשי בני ישראל, די מענער, וועלכע דערנענטערן זיך צו דעם מזבח ד׳, וועלכע דינען פאַר אַ מוסטער פאַר דעם גאַנצען כלל ישראל. זיי, די כהנים, האָבן ניט געטאָרט טאָן קיין זאַך דורך

4) ויהי השמש לבוא והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו.

5) אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לא ניתנו דברי תורה חתוכין (כלומר פסוקין שלא יהיה פנים לכאן ולכאן) אלא כל דבר ודבר שהיה הקב״ה אומר למשה היה אומר מ״ט פנים טהור ומ״ט פנים טמא. (מדרש תהלים י״ב ועיין פסקתא דרב כהנא פסקא כ״ב).

וועלכן גאָטס נאָמען קען נאָך פאַרשוועכט ווערן אין די אויגן פון פאָלק. עס איז אויף זיי געווען א פליכט איינצוריכטן אלע ענינים פון עבודה און כהונה אין אזא אופן, אז זיי זאָלן מקדש זיין שם שמים, מען זאָל אנערקענען אז גאָט איז א פיינט פון שלעכטע און געמיינע זאכן און איז א פריינט פון אלעם גוטעם און שיינעם.

די הנהגה פון דער משפחת הכהנים אין ענינים פון נשואין איז געווען זייער הארב, עס האָט געמוזט זיין ריין און ווייט פון יעדער תועבה, ווייל „קדוש הוא לאלהיו" און יעדער מיאוסע זאך וואס וועט קומען צו אים דורך נשואין, פאַרשוועכט ער דער־מיט דעם נאָמען פון גאָט.

יעדער כהן וואס האָט געהאט א מום, האָט ניט געטאָרט מקריב זיין קיין קרבן, ניט אריין אין בית המקדש און ניט דער־נענטערן זיך צום מזבח (ויקרא כא, טז, כד.) כדי עס זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן דער כבוד פון דער עבודה, איר שלמות און איר שיינקייט.

אזוי האָט אויך דער כהן ניט געטאָרט מקריב זיין אויפ'ן מזבח קיין חיה און בהמה וואס האָט געהאט א מום, אָדער צו מקריב זיין אזא קרבן, וואס זאָל געבראַכט ווערן מיט גרויס אכזריות (כ"ב כ־כ"ח); ווייל יעדע אכזריות און אומדערבארמ־קייט וואס עס ווערט געטאָן פון כהן, דער דינער פון העכסטן גאָט, דער גאָט פון ליבע און גערעכטיקייט, אפילו קעגן א בהמה און א חיה און זאָגאר פאר דעם צורך המזבח, איז עס א חלול פון גאָטס נאָמען און כבוד. אין דער מצוה וואס די כהנים זיי־נען אָנגעזאָגט געוואָרן, צו לאָזן א ניי־געבוירענע חיה זיבן טעג ביי דער מוטער און ערשט אויפ'ן אכטן טאָג עס מקריב זיין, —

לערנט דער מדרש 6) — לייכט און גלאנצט יענע געטלאכע גע־רעכטיקייט, וועלכע דער בעל התהלים רימט און לויבט, (ל"ו, ז.), פארגלייכט עס מיט די רואיקע געטלאכע בערג און מיט דעם געוואלטיקן רוישן פון אָפּגרונט, די גערעכטיקייט וועלכע באציט זיך ניט בלויז אויפן מענטשן נאָר אויך אויף חיות און בהמות. קורץ, אלע מצות עשה ולא תעשה פון די כהנים, וועלכע עס ענטהאלט די פרשה אמור, האָבן זייער יסוד אין די ווערטער: „ולא תחללו את שם קדשי, אני מקדשכם".

ווען אבער מיט'ן חורבן בית המקדש און מיט דער אויפ־לייזונג פון דער אידישער מלוכה האָט די כהונה פארלאָרן איר באדייטונג, און דאָס אידישע פאָלק אין כלל איז געוואָרן פאר א שבט כהנים צווישן די פעלקער פון דער ערד; ווען מען האָט אויפגעהערט צו ברייגנען אויפ'ן מזבח בהמות און חיות, נאָר אָנגעהויבן מקריב זיין די טייערסטע און ליבסטע, הויז און הויף, האָב און גוטס, רו און פרידן, לעבן, ווייב און קינד, דאמאָלט האָט שוין די פרשה קטנה פון אונזער צייט מיט איר טאפעלע לערע פון חלול השם און קדוש השם אָנגענומען א גאנץ ברייטערן פארנעם, אַ טיפערע כונה און א העכערע באדייטונג; דאָ זיינען געוואָרן די צוועלף ווערטער פון דער פרשה געגליכן צו צוועלף שטערן, וועלכע שיינען אָפּט בלוט־רויט אויף דעם הימל פון דער אמונה פון אונזערע עלטערן; דאמאָלס האָט די פרשה געשאפן העלדן אָן א צאָל פאר דער אמונה, פיל מאַרטירער, וועלכע האָבן געציינגט אויף דער גאנצער ערד אז גאָט איז עס, וועלכער מאכט הייליק די אידן. ווייל פון דער צייט אָן, ווען שנאת הדת, רדיפות און השמדות האָבן זיך אויפגעהויבן מיט די גרעסטע אכזריות קעגן ישראל, דאמאָלט האָט די פרשה קטנה, לויט די אויסטיי־

6) שור או כשב או עז כי יולד וגו' שאמר הכתוב צדקתך כהררי אל משפטיך תהום רבה אדם ובהמה תושיע ה' (תנחומא פ' אמור).

טשונגען פון די חכמי ישראל,7) גערופן צום פאָלק אזוי: אויב עס וועלן פאָרקומען אין לאנד רדיפות אויפ'ן דת, צייטן פון שמד, און מען וועט אייך ישראל, די מאמנים אין אל יחיד ומיוחד, נייטן עובר צו זיין בפרהסיא פאר צען מענטשן אפילו אויף א מצוה־קלה, זאָגאר אויף א הייליקן מנהג, כדי איר זאָלט ווייזן מיט דעם אייער כפירה; אָדער ווען מען וועט אייך אין רואיקערע טעג צומוטן, איר זאָלט דינען געטער פון האָלץ און שטיין, לגלות ערוה אָדער לרצוח נפש, דאָ דאַרפט איר, ישראל, מיט שמחה מקריב זיין אייער נפש אויף קדוש השם.8) דערמיט וועט איר ניט פארשוועכן גאָטס נאָמען און אלע פעלקער וועלן אנער־קענען, אז זיי קענען שטראָפן, פייניקן, ברענען, טויטן גאָטס קנעכט אבער ניט אים באזיגן, ניט אים איינגעמען און ניט דער־דריקן; דאָס גלויבן, איבערצייגונג, טרייהייט און אמת זיינען שטאַרקע און פעסטע פעלזן, אָן וועלכע די כוואַליעס פון די רדיפות מוזן זיך אָנשלאָגן און זיך צעברעקלען.

ווער, מיינע ווערטע צוהערער, וואָלט קענען אויסרעכענען אלע פאָלגן, וואָס די צווייטע באדייטונג פון דער פרשה קטנה האָט געבראכט אין פארלויף פון די צייטן; ווער קען עס אויס־רעכענען די נעמען פון אונזערע פאָטערס און מוטערס, אלט און יונג, גרויסע און קליינע קהלות, וועלכע אין די טעג פון רעלי־גיעזן, בלוטיקן פאנאטיזם האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן צו הייליקן גאָטס נאָמען,9) (קדוש השם) וועלכע זיינען געוועזן פלינקער פון אדלערס און שטאַרקער פון לייבן, ווען עס איז ארויסגעקומען צו קוקן דעם טויט אין פנים, צו פאָלגן ווי געטרייע קינדער דעם פאַרזאָג פון זייער פאָטער, ניט צו לייקענען אין אים בשום אופן!

---

7) ספר המצות לרמב"ם לאוין ס"ג, יורה דעה סימן קנ"ד.
8) יהרג ואל יעבר.
9) קהלות הקודש שמסרו נפשם על קדושת השם.

ווער קען עס אזא פאָלק אויפוואַרפן, אז זיי יאָגן זיך נאָך געלט און דורשטן נאָך גאָלד און אז ערדישע גוטס איז זיי טייערער פון אלעם; א פאָלק, וועמענס חכמים לערנען: אויב מען לייגט ארויף אויף אַ אידן א ספעציעלן שטייער, טאָר מען זיך ניט פאַרשטעלן פאר א גוי און זיך ארויסדרייען פון דעם שטייער,10) ווייל מען טאָר ניט פארלייקענען די אמונה אין קיין זאַך, און מען דאַרף ניט געבן א פתחון פה צו זאָגן אז מען שעמט זיך מיט גאָט, צוליב וועמען ער צאָלט דעם מס.

אָ, לאָמיר דאנקן די געטלאכע השגחה, וועלכע פירט אונז אידן מיט גרוים וואונדער, מיר דאנקן אים מיט אונזער גאנצער זעלע און מיט'ן גאנצן הארצן, וואָס יענע טרויעריקע און שרעק־לאכע צייטן זיינען שוין לאנג פאָריבער, זיינען פאָריבער דורך דעם נצחון פון גלויבנס און געוויסנס־פרייהייט, און מיר אידן דארפן מער ניט פארמיידן א חלול השם און אויסאיבן קדוש השם דורכ'ן מקריב זיין אונזער דערוואַרבענע גוטס, די ערדישע צו־פרידנהייט אין אונזער לעבן, און דאָס דער פסוק „ולא תחללו את שם קדשי; ונקדשתי בתוך בני ישראל אני „מקדשכם“ נעמט אָן א נייע כונה, א באדייטונג וואס איז צוגעפאסט צו דער צייט און צו דעם נאָענטן צוקונפט.

ב.

„ולא תחללו את שם קדשי“ רופט אוים די פרשה קטנה פון אונזער צייט. חזר'ט דאָס אייך איין, בני ישראל, יעדן טאָג און יעדע שעה, חזר'ט דאָס אייך איבער אין די פלעצער פון אייערע

10) שילבש בגדי עכו"ם שלא יכירוהו שהוא יהודי ויעביר מכס או כדומה לזה אסור (רמ"א י"ד קנ"ז סעיף ב.)

געשעפטן, אין האנדל און וואנדל, אין די געבעטהייזער און אין די לער־שולן, אין אייערע געמיינדע־איינריכטונגען און אין אייערע עפנטלאכע באציאונגען; חזר׳ט דאָס אייך איבער אלס סוחרים, אלס לערער, אלס תלמידים, אלס שריפטשטעלער, אלס איינוואוינער פון א שטאָט, אלס בירגער פון א מדינה, אלס אָנ־הייגער פון דת היהדות, דאָס איר וועט שוין מער ניט זיצן אָפגעזונדערט, אָפגעשטויסן, און אָנגעשפארט אין ענגע ערטער פאר אייך אליין, דאָס הויך און נידעריק וועלן אכטן אייער אָנ־וועזנהייט, אָפשאצן אייערע מעשים און באמיאונגען, אז די מויערן, וועלכע האָבן אייך אָפגעצאמט פון די פעלקער, זיינען איינגעפאלן דורך דעם שופר־שאלן פון דער נייער צייט, דאָס איר מיט אייער גאנצן וועזן, מיט אייער גלויבן, אייערע מנהגים, אייערע רעליגיעזע זיטן, אייערע ניגונגען, אייער כאראקטער, אייערע באמיאונגען, שטייט אין דער פולער, פרייער עפנט־לאכקייט! היט זיך דאריבער, ניט צו פארשוועכן פאר די פעל־קער די הייליקייט פון אייער גאָט, און זעט, אז ער זאל וואָס וויטער אלץ זיגרייכער, גלאנציקער און הערלאכער ארויס־שיינען.

„ולא תחללו את שם קדשי!“ אידן! ווייסט, אז דאָס איז א חלול השם, א פארשוועכונג פון כבוד הדת והאמונה, אויב איר וועט דערלאָזן אַז די פעלקער זאָלן מיינען, אז דאָס עכטע, אמת׳ע און אומפארפעלשטע אידנטום באשטייט דער עיקר פון קליינ־ליכקייטן, אין מנהגים וועלכע האמפערן און שטערן אויף שריט און טריט, אין פארגליווערטע און פארפרוירענע פאָרמען, וואס אין זייער קיום היינגען אָפּ די רפואת הנפש, און ווען מען טוט זיי ניט, ווערט מען אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל „ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד.“ (ויקרא כ״ד, י״ב) זאָגט די תורה, די ריינסטע און לויטערסטע, דאָס אייביקע און

קיום׳דיקע, יעדע זאך וואס לייכט און גלאנצט, יעדע גרויסע און ליכטיקע אידייע איבער גאָט און מענטשהייט, איבער געזעלשאַפט און מלוכה סדרים, איבער ערדישע גליק און הימעלשע זעליקייט; די אידישע מצות וועלכע זיינען פול חסד און ליבשאפט צו דעם מענטשלאכן מין, וועלכע פאָדערן גערעכטיקייט, פרייהייט, צדק ואמת; די טרייהייט צו איידעלע און גערעכטע מלכים ושרים, דער שוץ צו די פרייע פעלקער, דער מיטגעפיל און רחמנות מיט אָרימע און לײדנדע, די זיכערהייט פאר דעם מענטשנס פארמעגן און אייגנטום, דער זעלבסטבאַוואוסטזיין און אכטונג פון יעדן מענטשן — די אלע זאכן מוזט איר אין פאָדער־גרונט שטעלן און ווייזן זיי די פעלקער מיט זייער גאנצן גלאַנץ און פראכט, מיט זייערע שיינע פאָלגן, „וראו כל עמי הארץ כי שם יי נקרא עליך" (דברים כ"ח י) אז איר זייט א געטלאכעס פאָלק. „על המנורה הטהורה יערך את הנרות" (ויקרא :"ד י"ד) און אלע ליכטיקע פונקטן פון אידנטום, אלע גרויסע לערן, משפטים און ווארהייטן, מוזן רוען אויף א ריינעם און קלאָרן אויסגעבעט, מוזן באַווייזן ווערן דורך שיינע און ליכטיקע גע־שטאַלטן; אלע אויסערלאכע פארמען פון דעם הייליקן דת מוזן ארויסקומען פון זיין ריינעם און קלאָרן גייסט. 11) „ראשו כתם פז; קוצותיו תלתלים שחורות כעורב; עיניו כיונים על אפיקי מים, שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר; ידיו גלילי זהב ממלאים בתרשיש וגו'"; מראהו כלבנון (שה"ש ה, י"א־ט"ו)—אָט אַזוי מוז דאָס היינטיקע אידנטום אויפטרעטן פאר די פעלקער מקדש זיין שם שמים. „ראשו" דאָס איז די תורה, 12) די עקרים און יסודות פון דת, פון פיינסטן גאָלד אָן דעם קלענסטן פגם

---

11) גביעיה כפתוריה ופרחיה ממנה יהיו.

12) ראשה זו התורה, קוצותיה תלתלים זה הסירגול שחורות כעורב אלו האותיות.

„קוצותיה“, די אויסערלאכע פאָרמען, וועלכע וויקלען ארום דעם אינערלאכן גייסט פון דער תורה, פול מיט חן און שיינקייט, לעבן און פרישקייט. „עיניו“ וועלכע בליקן פאָרוועדטס, די באמי־אונגען און שטרעבונגען, ווי נח׳ס טויב נאָכ׳ן מבול, 13) פאר־שפרייטן ליכט און בריינגען פרידן; „שפתותיה“, וועלכע עפענען זיך צו ריידן, טריפן מור און פארשפרייטן דעם דופט פון מענטשנ־ליבע ווי אברהם 14); „ידיה“, אירע האנדלונגען פאר דעם געזעל־שאפטלאכן לעבן, ווי גאָלדענע רינגען באזעצט מיט עדלשטיי־נער, שיין, לויבווירדיק, גלאנציק און פארפאָלקאָמט; „מראיה“, די דערשיינונג, ניט געדריקט און געבויגן, וואקלענדיק און אָנ־פאסיק, 15) נאָר שטארק און פעסט, דערהויבן און מאיעסטעט־טיש ווי דער לבנון, אויף וועמענס פלייצעם — לויט די בילדער פון די מזרח׳דיקע דיכטער — שפילט זיך דער פרילינג פול מיט חן און צו זיינע פיסן דרעמלט דער זומער באלאָדן מיט פרוכט.

„ולא תחללו את שם קדשי“ ווייסט אז דאָס וועט זיין א חלול השם, א חלול פון דער אידישער תורה, ווען איר וועט העלפן און אונטערשטיצן אזא סיסטעם פון א מלוכה, וועלכע שטרעבט אָדער ארומצושמידן די נאציאָנען מיט נייע קייטן, צו שטערן די פרייע ענטוויקלונג פון גאָטס גייסט, איינצוהאלטן די אָפגעשיידקייט פון קלאסן און פעלקער דורך אָפגעלעבטע היסטאָרישע פאקטן, אראָפצוואוארפן און איבערקליגן די הייליגע אוצרות פון יעדעם פאָלק דורך קינסטלאכע פאלשקייט — אָדער איבעראל ארויסצורופן אומאָרדנונג, צעשטערן יעדע גע־

---

13) עיניך יונים דוגמה שלך דומה ליונה כיצד כשהיה נח בתיבה מה כתיב ותבא אליו היונה וגו׳ א״ל הקב״ה מה היונה הביאה האורה לעולם אף אתם וכו׳ (תנחומא פ׳ תצוה).

14) מקוטרת מור זה אברהם, אלך לי אל הר המור זה אברהם.

15) גבן או דק או תבלול בעיניו.

זעצלאכע טעטיקייט, דערמוטיקן גראָבקייט און גוואלטאַטן, דעם שטעקן פאר ריכטער צו מאכן, אום איינצופירן א נייע ספירה, די ציילונג פון שמיץ און קלעפּ ביז פופציק אין דעם געזעץ פון א מדינה. 15־א) אייער גאָט ישראל, וועמען איר דארפט הייליקן, האָט אייך ארויסגענומען פון מצרים, און האָט אייך געגעבן די צוויי לוחות הברית, אויף וועלכע פרייהייט און געזעצלאכקייט, ליבע און גערעכטיקייט זיינען ענג פארבונדן צוזאמען, און וועלכע שטאמען פון דער ליכטיקער קוועלע, וועלכע גיט לעבן, באוועגונג, פרייהייט און ברכה פאר דער גאנצער וועלט. 16)

ולא תחללו את שם קדשי". ווייסט, אז עס איז א חלול השם, א פארשווערונג פון דעם כבוד היהדות, ווען איר וועט הערן צו די מענטשן, וועלכע טוען מיט די פרייהייט וואָס זיי גלוסטן, זיי גיבן עס צו דעם גרונטבאזיצער, דעם רייכן, די מיים־טערם און פאבריקאנטן, די סטודענטן פון די הויכשולן, די וואָס ריידן א באשטימטע שפראך און געקליידעט אין באשטימטע קליידער, און רויבן עס אוועק פון דעם אָרימען, שטילן און איינ־פאכן אידן. ווען גאָט האָט אייערע עלטערן באפרייט פון מצרים, זיינען נאָך זיי נאָכגעגאנגען אן ערב רב, אבער אויך זיי האָט גאָט באפרייט פון פרעה׳ם קנעכטשאפט, נישט פרעגנדיק זיי צי פארמעגן זיי וואס, וואס פאר א שפראך ריידן זיי און וואָסערע בגדים גייען זיי, וואָס איז זייער ארבעט, און וועלכע שול האָט יעדער איינער באזוכט.

„ולא תחללו את שם קדשי". אידן! ווייסט, אז עס איז א חלול השם, א פארשוועכונג פון כבוד היהדות, ווען איר פאר־

15־א) געצילט קעגן אונגארן, וועלכע האָט אין יענע צייטן געהאַט איינגעפירט אזא געזעץ.

16) לוחות הברית חצובין מגלגל חמה. (מדרש חזית).

שטאַרקט די פעלקער אין זייער מיינונג, אז ביי אייך מעג יעדער איינער טאָן וואָס ער וויל, און יעדער איינער איז באַרעכטיקט און בארופן צו זאָגן זיין מיינונג, געבן זיין עצה און אָפּשטימען אין די ענינים פון דער אמונה. עס איז אמת, אז קיין וואנט שיידט ניט אָפּ צווישן די כהנים און דעם גאנצן כלל ישראל; ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (ויקרא יט, 6) וועט אונז באלד זאָגן דער יו"ט פון קבלת התורה; דאָך פון חורבן בית המקדש אָן און פון דער צייט וואָס אידן זיינען צעשפּרייט אין גלות, אנערקענען מיר אן אנדער אונטערשייד, דער הבדל פון תלמידי־חכמים ביז עמי־הארץ, צווישן געלערטע חכמים ובקיאים אין דיני התורה והדת און צווישן די אומוויסנדע. מעגן די לעצ־טע אפילו זיין נכבדים, טאָרן מיר זיך ניט רעכענען מיט זייער מיינונג אין ענינים פון דת אין יהדות, אין באשלוסן, איינריכ־טונגען און סדרים, וועלכע רירן אָן די עיקרים און דעם מהות, די ענטוויקלונג און דעם עתיד פון אידנטום. דער מענטש, וואָס וויל גיין מיט זיכערהייט זיין וועג, זיינען ניט גענוג פאר אים די פים אליין, ער מוז נאָך דערצו האָבן אויגן. ווער אבער זיינען די אויגן, די וואַכע, פּרובענדע און ווייט־קוקנדע אויגן פון דעם קהל? די מענער פון געלט אָדער די מענער פון תורה? 17) די גרעסטע קעפּ־מענטשן אין האנדל אָדער די לערער פון אידנ־טום? 18) די שפּיצן אין די אינדוסטרי אָדער די מנהיגי הדור? מיט א קנאות, וואס וואלט געווען רעכט פאר בעסערע זאכן, ווערט איצט אין גרויסע קהלות אונטער דער מאסקע ניט צו דערלאָזן קיין „כהונה" (פּריסטנטום) געוועלטיקן איבער׳ן אי־דישן פאָלק, — וואָס אין דער ווירקלאַכקייט זוכן זיי אליין צו געוועלטיקן — ארונטערגעגראָבן און דערנידערט דער אויטאָ־

---

17) עיניו כיונים אלו תלמידי חכמים שהם גלגל עינו של עולם.
18) עיני העדה אלו סנהדרין.

ריטעט און איינפלוס פון די תלמידי־חכמים! עס איז אפילו, אמת, דאָ צווישן די חכמים אביסל איינגעשפּארטע און קשי־ערף, וועלכע זיינען אליין שולדיק, וואָס די געמיינדע מוז זיי דער־מאנען, אז „במקום שיש חלול־השם אין חולקין כבוד לרב." דאָך זיינען אבער די מלאכי השרת, וועמען גאָט האָט געשיקט צו פירן דעם פאָלק ישראל, זיינען אנשי־רוח, אנשי־תורה און מורי ישראל, 19) וואָס לויט אונזערע חז"ל קומט זיי גרויס כבוד 20) און זיי זיינען די צירונג און שיינקייט פון ישראל. 21)

„ונקדשתי בתוך בני ישראל" זיינען די לעצטע רייד פון דער פרשה קטנה צו די בני ישראל פון היינטיקן דור, א דור, וועלכער הויבט אָן לאנגזאם צו פארשטיין און אנערקענען גאָטס רייד אין היינטיקער סדרה. „משפט אחד יהיה לכם כגר כאזרח" און גאָט זאָגט זיי אָן, אז זיי וועלן שניידן מיט פרייד דעם שניט פון פרייהייט נאָך די לאנגע טעג וואס זיי האָבן געזייט מיט טרערן. דיזע נייע, בעסערע, פרידלאכערע און פריינטלאכערע צייט דארף אייך, אידן, ניט מאכן שלאף אין אייער אָפּהיטונג פון אייערע אלטע און ערווירדיקע זיטן, אין די הייליגונג פון אייערע ימים־טובים, וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין היינטיקער פרשה תיכף נאָך דער פרשה קטנה. איהר מוזט פיל מער שטייגן און מערן אין אייך די טרייהייט, באגייסטערונג און איבערגעבנ־הייט פאר דעם אידנטום, ווייל דאס, מיינע ווערטע צוהערער, וואָלט געווען דער גרעסטער חלול השם אין דער געשיכטע, ווען נאָכדעם ווי איר זייט געוואָרן פרייע מענטשן און עס זיינען אראָפּ־גענומען געוואָרן די שווערע קייטן, וועלכע האָבן אייך געהאלטן

19) מאן מלאכי השרת רבנן.
20) כל המעיז פניו בתלמידי חכמים כאלו מעיז פניו במלך (מדרש קהלת פסקא טובה חכמה).
21) ויצא מבת ציון כל הדרה אלו תלמידי־חכמים (מדרש איכה).

געבונדן, און איר זייט געוואָרן גלייכבארעכטיקטע בירגער, זאָלט איר ווערן ווינציקער געטריי און צוגעבונדן צו דער אמונה פון אייערע עלטערן; ווען די באקומענע פרייהייט זאָל זיך ארויס־ווייזן ניט אלס אן דערקוויקענדער טוי, נאָר אלס א פארגלי־ווערטער פראָסט פאר דאס אידנטום; ווען די פרייהייטס־לידער, וועלכע איר זינגט מיט, זאָלן פארוואנדלט ווערן צו קלאָג און טרויער לידער אויף דעם קבר פון דער אידישער אמונה, פון ליבע צום דת און פעסטיקייט. אז די ברכה פון די כהנים מיט דער געטלאכער בשורה פון שלום האָבן געמאכט אייערע עלטערן פאר העלדן 22) אין צייטן פון בלוטיקע רדיפות, דארף מען דאָך אייך, די לעבעדיקע עדות אויף וועמען די ברכה איז מקוים גע־וואָרן, געווים געפינען שטארקע און בעסערע טעג, שטארק אין גלויבן, שטארק אין אנערקענונג פון גאָט, שטארק אין שטרעבן, דורך מעשים פון צדקה דורך ווערטער פון ליבע, דורך באמי־הונגען, ווארהייט, שיינהייט און גוטסקייט ארויסצוברייננגען און פארערלאכן, דעם גאָט „המקדשכם“, וועלכער האָט אויסגע־קליבן ישראל פאר א גוי קדוש און ממלכת כהנים. אמן.

---

22) ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל אלו ששים אותיות בברכת כהנים שהם מגברים את ישראל. (מדרש חזית).

דרוש לשבועות
רות

ותאמר נעמי לשתי כלתיה: לכנה,
שבנה אשה לבית אמה! יעשה ד׳ עמכם
חסד כאשר עשיתם עם המתים ועמדי.
(רות א׳ ח׳)

משוררים, נביאים און חכמים באמיען זיך איבערשטייגן איינער דעם אנדערן, ווי דעם אָנזאג פון די עשרת הדברות ביים בארג סיני, דעם גרעסטן און וויכטיקסטן מאָמענט אין דער אידישער געשיכטע און אין דער ענטוויקלונג פון דער מענטשהייט, דורך שענערע און ערהאבענערע בילדער צו פייערן.

„גאָט, ווען דו ביסט ארוים פון שעיר, ווען דו האָסט איבערגעשריטן די פעלדער פון ארם, די ערד האָט געשטורמט, אויך די הימלען זיינען געוואָרן צופלאָסן, אויך די וואָלקנס האָבן געטריפט וואסער. בערג זיינען צעגאנגען פאר גאָט, דאָס איז — סיני פאר דעם עוויגן, דעם גאָט פון ישראל“. (שופטים ה׳ ד.־ה.) — האָט געזונגען די העלדנפרוי דבורה.

„גאָטס שטימע שפריצט פלאמען פייער, גאָטס שטימע ערשיטערט דעם מדבר, גאָט מאכט ציטערן דעם מדבר קדש; גאָטס שטימע מאכט ציטערן די דעמבן, און ענטבלויזט די וועלדער, און אין זיין היכל זאָגט אלעס וועגן זיין כבוד“ (תהלים כ״ט, ז.־ט.) קלינגט עס פון מויל פון לידערדייכן בעל התהלים.

„גאָט קומט פון תימן און דער הייליקער פון בארג פארן, דער הימל דעקט זיין שיינקייט און זיין לויב איז פול די ערד. זיין

גלאַנץ וועט זיין ווי די ליכט פון זון, שטראַלן שפּרייטן זיך פון זיין האַנט, דאָס איז די פאַרהילונג פון זיין מאַכט." (חבקוק ג. ג.-ד.) — רופט אויס באַגייסטערט דער נביא חבקוק.

„ווען גאָט האָט געגעבן די תורה, איז אונטערגעבראָכן געוואָרן דער געזאַנג פון די פייגל און אָפּגעהאַקט געוואָרן זייער פליען, די חיות זיינען פאַרשטומט געוואָרן, די מלאכים, אופנים האָבן אויפגעהערט ברומען און די שרפים האָבן ניט געלאָזן שאַלן זייער „קדוש", דער ים האָט איינגעהאַלטן זיין רוישן און פון מענטשלאַכן צונג איז פאַרשטאָרבן יעדעס וואָרט; טיפער שווייגן האָט געהערשט אין דער גאַנצער וועלט, נאָר איין רוף האָט זיך געהערט איבער דער פאַרגליווערטער ערד דער רוף: „איך, אדני, בין דיין גאָט" — דריקט זיך אויס אַ חכם ביי אידן (שמות רבה כ"ט).

און אין דעם דאָזיקן גרויסן יום-טוב פון געטלאַכער ענט-פּלעקונג, וועלכע האָט פאַרדונקלט די זון דורך זיין מאַיעסטע-טישן גלאַנץ, דעם דונער פאַרשעמט דורך זיינע גוואַלטיקע, דורך דער וועלט דורכרוישנדע טענער, די ערד געמאַכט אויסזען אָרים דורך זיינע אָן אַ צאָליקע פּרוכטבאַרקייט, — אין דעם יום-טוב לעזן מיר לעבען די צען ווערטער פון ענטפּלעקונג, לעבן דעם ליכטשיינענדן נביאישן פּנים פון יחזקאל, לעבן דעם ברייט אויפשטייגענדן הימן פון חבקוק — די מגילה רות, אַ קליינע און אומעטיקע דערציילונג פון דער צייט פון די שופטים, וועלכע פירט אונז אריין אין דעם שטילן לעבן פון אַ פאַמיליע, מאַכט אונז באַקאַנט מיט איניגע מענער און פרויען, מיט אלימלך, מחלון, כליון און בועז, מיט נעמי ערפה און רות, ווייזט אונז די פולע און רייפע זאַנגען פון די זאַטפעלדער און באַזעצט אונז אינמיטן צווישן מונטערע שניטער.

וואָס פאר א שייכות האָט דער ספר רות צו אונזער יום־טוב פון קבלת התורה און וועלט־געזעצגעבונג? ווי קומען תבואה־פעלדער און שנייד־מעסער קלאנגען דאָרט וואו בערג ציטערן, בליצן לייכטן, דונערם ראָלן און גערטנער צעשליידערט ווערן?

אויף דעם וועלן מיר ריכטן אונזער באטראכטונג, מיר וועלן זיך באמיען אויפצואווייזן, אז דער קליינער ספר רות דארף מיט רעכט און מיט קלוגער אויסגערעכנטקייט רעקאָמענדירט ווערן פאר אלע גלויביקע צו לעזן אין דעם יום־טוב; ווייל — דאָס בוך רות איז אן אורא‎לטער דענקמאָל פון אידישער געדולדזאמ־קייט, פון אידישער ליבע און טרייהייט.

א.

עס איז, מיינע ווערטע צוהערער, א דערהויבענער געפיל און א צופרידענער באוואוסטזיין, ווען מען איז ביי זיך קלאָר פון וויכטיקע ווארהייטן, פון ניט געפעלשטע און באגרינדעטע געזעצן פון לעבן. אָבער נאָך ערהאבענער איז דער געפיל און נאָך פריידיקער איז דאָס באוואוסטזיין ווען עס האנדלט זיך וועגן די העכסטע ווארהייטן, וועגן דער אידייע פון גאָטהייט, זיינע אייגנשאפטן, ווילן, ווירקן און באציאונגען צו די אָפט־בייטנדע ערשיינונגען פון דער וועלט, וועגן ערקענטנים פון דעם מענטשן, זיין וועזן, קראפט און אויפגאבע אויף דער ערד, וועגן די באצי־אונגען פון איינעם צום אנדערן, וועגן די וועגן פון געזעלשאפט־לאכע איינריכטונגען, מלוכה אָרדענונגען, וועגן דער מאָס פון צייטווייליקן גליק און אייביקע זעליקייט, וואָס יעדער זאָל קענען געניסן, קורץ, ווען עס האנדלט זיך וועגן רעליגיעזע אמת'ן. האָט דאָך דער באוואוסטזיין פארמאָגט אזויפיל טרייסט פאר אונזערע

עלטערן, וועלכע זיינען דעריבער ניט געווען אימשטאַנדע צו ווערן אומטריי צו דעם רוף פון גאָט, וועלכער האָט אמאָל ער־שיינט פון בארג סיני: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" — זאָלסט זיך ניט מאכן קיין אפבילד פון א געגענשטאַנד וואס דו זעסט אין נאַטור, אום דאס פארהייליקן פאר א גאָט. איז דאָך דער באַזיץ פון דער אמת׳ער אמונה ביים אידישן פאָלק פאר אלע צייטן געווען דער שילד און פאנצער 1) קעגן די פיילן פון שפאט און האַס!

מיר קענען אויך באגרייפן דעם וואונש, וועלכער לעבט פון אייביק אין די הערצער פון אלע איידעלע און פרומע, אז די ריינע און לויטערע ווארהייטן פון דער אמונה זאָלן זיך פארברייטערן און ווערן דאָס אייגנטום פון אלע מענטשן, אז אירע ברכות זאָלן רוען אין אלע ערטער, וואו נאָר מענטשן האָבן געשלאָגן זייערע געצעלטן. ענטפלעקט זיך דאָך אין דעם דער אויסדרוק פון העכסטע, רעליגיעזע ליבע, ווען מיר ווילן זיך טיילן מיט אנדערע מיט יענע אוצרות „וועלכע זיינען טייערער פון גאָלד." 2)

דער אייביקער און ניט פארשוואונדענער לויב פון אונ־זערע נביאים, וועלכע האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק מיט א פייערדיקן צונג און אין גליענדע ווערטער אויסגע־דריקט די בענקשאפט פון יעדעם אידישע הארץ, אז דער אמת פון דער אידישער אמונה זאל אָנפילן די ערד! דאָס אליין, מיינע ווירדיקע צוהערער, ווער פארמאָגט עס צו שילדערן דעם איבל, וואָס איז געבראכט געוואָרן איבער פאמיליעס, פעלקער און מלוכות, דורך דעם פארלאנג צו פארברייטערן די ספערע אין די לערן פון רעליגיע? אין די הענט פון פאנאטיזם איז רעליגיע

1) צנה וסחרה אמתו. (תהלים צ"א ד).
2) ללמוד וללמד זו היא תורה של חסד.

ניט קיין גוטס ברייננגענדער פייער, נאָר אַן אויפפרעסענדער בראנד פאקל, ניט א שטיצנדער שטעקן, נאָר א טויטענדער שטאָב, ניט קיין פרידנס פאלמע, נאָר א קריגס ווערקצייג, ניט קיין מילדער ריר, נאָר א רווישיקער שטורם! דאָס אידנטום האָט זיך געהאלטן דעריבער פון אָנפאנג אָן פריי פון יעדן סאָרט פא־נאטיזם; זיינע כהנים זאָגן ניט קיין "הודו", קיין „דאנק דעם עוויקן“, ווען די אומגלויביגע ווערן פארניכטעט; די ליבע פון זיין גאָט אנטפלעקט זיך געדולדיק און ניט דורך פארפאָלגונג, זיינע ביידע לוחות פארשפרייטן ריח ניחוח, 3) ניט טויט און פארדארבונג.

ווען גאָט האָט זיך אנטפלעקט צו די אידן אויפ'ן באַרג סיני, און די גאנצע וועלט האָט אויפגעציטערט פון זיין מאיעסטעט־טישע ערשיינונג — זאָגן אונזערע חכמים (מכילתא לפ' יתרו)— האָבן די מלכים פון דער ערד געאיילט צו בלעם דעם נביא און אויסגעשריען:

„וויי, וויי! וועט אמאָל ניט ווידער אויסברעכן א מבול און אונז אלעמען פארדארבן?“

„שוטים, — האָט דער נביא געענטפערט די היידן — גאָט האָט דאָך שוין איינמאָל געשוואוירן, אז ער וועט מער קיין מאָל קיין מבול ניט ברייננגען וואס זאָל פארניכטן אלע מענטשן.“

„אפשר וועט ער אבער אין פייער פלאמען די וועלט פאר־צערן?“

„אָ, ניין, — האָט זיי בלעם ווייטער געזאָגט — שרעקט אייך נישט, איר הערשער און פאָרשטייער פון די פעלקער, — גאָט באוויליגט נאָר צו זיין ליבלינגס־פאָלק די תורה: א לערע, וועלכע

---

3) לחייו כערוגת הבשם אלו הלוחות (מדרש חזית).

וועט פון זיך אליין זיגן, דורך דער מאכט פון ווארהייט, וועלכע זי טראָגט אין זיך, דורך דעם שפע פון ברכות, וועלכע רוען אין איר, דורך די באפרידיגונג, וועלכע זי באוויליגט דעם דיינקער, דורך די פרייהייט, וועלכע זי פאָדערט, דורך דעם זעלבסט באַוואוסטזיין, וועלכן זי שפייזט, דורך די ליבע, וואס זי פארברייטערט, דורך די טרייהייט, וועלכע זי שטארקט, דורך די בארעמהארציקייט, וועלכע זי פארזאָגט; דורך די ריינהייט פון איר גאָטס-אידייע, דורך דעם אדעל פון איר מענטשן-אידייע, דורך די גערעכטיקייט איר מלוכה-אידייע; דורך אירע פאָרשריפטן, ווי די נשיאים זאָלן רעגירן, ווי די עלטערן זאָלן ערציען זייערע קינדער און ווי די קינדער זאָלן ערן זייערע עלטערן, ווי די משפחות זאָלן זיין ראפינירט און פיין אין מדות, ווי לעבן און אייגנטום זאָלן זיין זיכער. הערט עס, מלכים פון דער ערד, דאָס איז ניט קיין רעליגיאָן, וועלכע מוטשעט און פייניקט דעם קערפער, כדי צו ראטעווען די נשמות פון אָפגרונט; קיין גלויבן, וועלכער שטרעבט צו אומרוען און טומלענישן אין מלוכות, העצט נאציאָנען, ברייגנט קריג, טרייסלט אויף טראָנען, לערנט צו בונט און אומגעהאָרכזאמקייט, אבי ער זאָל נאָר קענען אויסברייטערן זיין איינפלוס און שטארקן זיין הערשאפט; ניין, דאָס איז א לערע, וועלכע ווערט גערופן „עוז“, וועלכע שטרעבט רואיק, פרידלאך צום נצחון, וואס וועט געוויס קומען.“

ווי די מלכים האָבן פארנומען די דאָזיקע רייד, האָבן אלע צוזאמען אויסגערופן:

„גאָט בענשט זיין פאָלק, דורך אן אמונה פון שלום, וועלכע שטרעבט ניט צו גוואלטזאמע עראָבערונגען און וועלכע מיינט קיינעם ניט צו באדריקן“ — און בארואיקט האָבן זיי זיך אומגעקערט אין זייערע לענדער צוריק, צו זייערע טראָנען, צו זייערע פעלקער!

דיזע גלענצנדע ליכטיקע זייט פון אידנטום, די דאָזיקע גע־דולדזאמקייט קעגן אנדערע רעליגיעס ווייזט אונז דער ספר רות, וועלכער דערציילט אונז אין א באשיידענעם אופן, ווי נעמי האָט געזאָגט צו אירע ביידע שניר: „גייט, קערט זיך אום, יעדע איינע צו דעם הויז פון איר מוטער". דריי מאָל האָט זי, 4) ווי דער אידישער דין פארלאנגט, צו זיי געזאָגט: „קערט זיך אום", קיין פארזוך ניט געמאכט, זיי אָפּצורייסן פון זייער היימאט און פון זייערע עלטערנס הויז, כדי זיי צו געווינען פאר'ן אידנטום. ערשט נאָכדעם ווי רות האָט פעסט און באשלאָסן ערקלערט: „דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט," מענטשלאכע און געטלאכע פליכטן וויל איך ערפילן נאָך דעם געבאָט פון דיין גלויבן, ערשט דאן האָט נעמי אויפגעגעבן ניט צוצורעדן מער דער איבערצייגטע רות זי זאָל זיך אומקערן צו איר פאָלק און אירע געטער.

איז אבער דאָס אידנטום טאקע אזוי גלייכגילטיק קעגן דעם וואויל פון די איבעריקע מענטשן? איז עס ווירקלאך אזוי איינג־הערציק, אזוי עגאָאיסטיש, אז עס קימערט זיך ניט וועגן אוים־ברייטערן די מצות און דעם אמת פון זיין אמונה פאר אלעמען? געוויס ניט! פינף און פערציק מאָל — באמערקן די אידישע חכמים 5) — פארזאָרגט גאָט די אידן גערעכטיקייט, ליבע און בארעמהערציקייט פאר דעם פרעמדן.

אפשר אבער פארבאָרגט עס זיין לערע אזוי פלייסיק, הילט עס איין אין א טיפן שלייער, כדי דער פרעמדער זאָל זי ניט

---

4) בשלשה מקומות כתיב כאן שובנה כנגד ג׳ פעמים שדוחין את הגר (מ"ר).

5) מ"ה אזהרות הזהיר הקב"ה על הגר, ילקוט רות.

אַנגעמען? — די תורה — זאָגן ווידער די אידישע חכמים 6) — ווערט פריי און אָפן ארויסגעבראַכט; ווער עס וויל קען זי מאַכן פאר אן אייגנטום, גאָט פארמאוסט ניט קיין מענטשן, ער נעמט יעדן גנעדיק אויף, די טויערן פון זיין לערע זיינען ברייט גע־עפנט פאר יעדן מאן, וועלכער וויל זיך אריינציען אין איר טעמפל. דאָך האלט זיך דאָס אידנטום פון דעם פארזוך אריינ־צוקריגן גרים ווייט, ווייל פון איין זייט טרויט עס אָן דער מאכט פון דער ווארהייט אליין און פון דער אנדער זייט איז עס איבער־צייגט, אז זיינע לערן פון אמונה זיינען זריעה קערנער אין דעם באָדן פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, וועלכע דארפן אָבער נאָך דעם זונען־שיין פון א פאָרטגעשריטענעם בילדינג פון טויזנ־טער יאָרן אום צו שלאָגן וואורצלען, אויפגיין, בליען און רייפן.

איז עס ניט א קלוגער געברויך, פרעג איך אייך, וואָס אין דעם זעלבן יום־טוב, אין וועלכן מיר פייערן די ענטפלעקונג פון גאָטהייט, לעזן מיר אויך די מגילה רות, דעם דענקמאָל פון אי־דישער געדולדזאמקייט קעגן אנדערע פעלקער, א בלאט פון די הייליקע שריפטן, וועלכע באפעסטיקט אין אונז דעם יסוד, אז רעליגיעזע ווארהייט דורך זיך אליין, אָן צוואנג און אָן דרוק, וועט אין פארלויף פון דער צייט טריאמפירן מיט נצחון?

ב.

אַמאָל, דערציילט דער תלמוד (קדושין מ.) האָט מען אין א פארזאמלונג פון אידישע חכמים ארויפגעטראָגן די פראגע:

---

6) ניתנה תורה דימוס בפרהסיא במקום הפקר וכל הרוצה לקבל יבא ויקבל (מכילתא יתרו) בחוץ לא ילין גר, שאין הקב"ה פוסל לכל בריה אלא לכל הוא מקבל; השערים נפתחים בכל שעה וכל מי שמבקש ליכנס יכנס (ש"ר י"ט).

וואָס איז די וויכטיקסטע זאַך אין אמונה? זיינען דאָס די אי־דייען און די לערן פון דער אמונה אָדער די מעשים און האנד־לונגען, וועלכע זי פאָדערט? האָט ר׳ טרפון געזאָגט, „מעשה גדול“, די טאטן זיינען די הויפטזאכן, דאס פארווירקלאכן פון דער אמונה אין לעבן, דורך פרומע און גוטע מעשים; ר׳ עקיבא דאגעגן האָט באהויפטעט, אז „תלמוד גדול“, אז דער שווער־פונקט ליגט אין די אידייען, אין דעם אמת פון די עיקרים, וועל־כע דערהויבן דעם מענטשן. האָבן אבער אלע אָנגענומען די מי־טעלע וועג, אמת די לערן זיינען אמוויכטיקסטן, דאָך נאָר ווייל זיי פירן צו לעבנספולע ווירקלאכע ברכה׳דיקע מעשים,7) ווייל די אידייען אליין, פריי און אבסטראקט פון דער דרויסנדיקער וועלט, אָן אינערלאכן צוזאמענהאנג מיט דעם ווירקלאכן לעבן, רייצן צו אומפרוכטבאַרע נזירות, צו פוסטע גריבלען זיך, צו ווילדע ענטוזיאזם און מעשים, מיינע ווירדיקע צוהערער, איז אָן אלטער יסוד פון אידנטום! ווען ישראל האָט תיכף ביי די התגלות פון גאָט אויפ׳ן בארג סיני אויסגערופן: „נעשה ונשמע“ דערציילט אונז א הייליקע אגדה (שבת פ״ח) זיינען ארונטער־געגאנגען מלאכים פון הימל און אויסגעצירט יעדן אידן מיט א דאָפעלטן קרוין, מיט דעם קרוין פון מעשים און קרוין פון אי־דייען.

דיזע יסודות׳דיקע השקפה, וועלכע באטראכט די לערן אלס די וואָרצלען און די גוטע מעשים אלס פרות פון דער אמונה, רעכענען אונז אוים די צען געבאָט פון בארג סיני אין פארבינ־דונג מיט דער דערציילונג פון מגילת רות, וועלכע, לויט ר׳ טוביה פון מאינץ, לעזן מיר דעריבער אום שבועות, ווייל עס איז א

---

7) תלמוד גדול שמביא לידי מעשה.

דענקמאָל פון ליבע און טרייהייט, און ליבע און טרייהייט ביל־דעט דעם מיטלפּונקט פון דער תורה.

לאָמיר גיין נעענטער צו דער דערציילונג און לאָמיר די העלדן פון מגילת רות נעענטער באטראכטן.

צוערשט דערזען מיר אלימלך מיט זיינע ביידע זין מחלון און כליון, וועלכע געהערן צו די אנגעזעענסטע, פארנעמסטע און רייכסטע מענטשן ביי אידן. עס ברעכט אוים א הונגער אין לאנד, עס גייען אוים די אָרימעלייט, עס יאָמערן הילפלאָזע אלמנות און יתומים, — און ווי באנעמט זיך די רייכע און אנ־געזעענע משפחה פון אלימלך צו אזא צייט פון נויט? געדענקט זי, אז די אמונה פון ישראל איז א תורת חסד, אן אמונה פול מיט מעשים פון ליבע, אז דער בוים פון גלויבן אין איין־און־אייציקן גאָט בלייבט נאָר אן אויסגעדארטע שטיק האָלץ, ווען עס וואקסן אויף אים ניט קיין פרוכט פון מענטשלאכקייט און בארעמהער־ציקייט? עפנט זי אירע אוצרות? שטרעקט זי אוים א פריי־גיביגע האנט מיט נדבות? — זי וואנדערט אוים! אין א צייט פון שווערער נויט שיידט זי זיך מיט אירע ברידער, קימערט זיך ניט אום דעם גורל פון טויזנטער, פארלעצט די הייליקע געבאָטן פון מענטשנליבע, רעדט איינגהערציק און צאָרנדיק: „מיינע וואוינונגען וועלן יעצט באלאגערט ווערן מיט לויטער דירפ־טיקע, אלע ווילע וועט מען ארומגיין קליבן נדבות, מען וועט נעמען אין חשבון מיין פארמעגן, איך וועל בעסער פון דאנען שנעלער אוועקגיין. 8) און וואוהין? — נאָך מואב! צו א פאָלק, וועמענס אכזריות איז דעם אידישן פאָלק געווען גענוג באקאנט.

אזא מאנגל פון ליבע און טרייהייט פון א אידישער משפחה מוז אלם א ווארנונג פאר אלע צייטן באשטראפט ווערן, און איז

8) רות רבה פ״א.

טאקע באשטראפט געוואָרן! אלימלך שטארבט, מחלון וכליון שטארבן, שטארבן אָן קינדער, און ווען די אמאָליקע רייכע נעמי קומט צוריק אין בית לחם, רוישט די גאנצע שטאָט און אלע ריידן: „איז דאָס נעמי?" און זי אליין מוז מודה זיין: „פול בין איך אוועק, און ליידיק האָט מיך גאָט צוריקגעקערט."

דאן שטייט פאר אונז רות, איינע פון די איידלסטע פרויען־געשטאַלטן פון ביבלישן אלטערטום, וועלכע איז אָנגעפילט מיט דעם אידישן גייסט פון ליבע און טרייהייט, וועמענס נאָמען אליין, וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געענדערט, אָטעמט מיט פריינטלאכקייט און גוטסקייט. 9) זי ווייסט, אז נעמי איז אָרעם, אז זי האָט איר, א יונגע פרוי, קיין זאך ניט פאָרצושלאָגן, זאָגאר ניט קיין זיכערע נארונג און דאָך שיידט זי זיך ניט פון איר, זי איז גרייט אויסצואוואַנדערן, פון הויז און היים זיך צו שיידן, זי פארשווערט זיך מיט דעם ליבעפלאם פון א פרויען האַרצן: „דער טויט אליין זאָל אונז איינע פון אנדערן אָפּשיידן." דאָס איז א אידישע פרוי, כאָטש פון מואב׳שן שטאָם אויסגעשפראָצט, אָן עכטע און פרומע אידישע פרוי, און דאָס אידנטום באצאָלט איר פאר איר ליבע, ווען עס האָט איין ספר פון די הייליקע כתובים אָנגערופן מיט איר נאָמען, געשטעלט א דענקמאָל צו איר ליבע, טרייהייט און ווירקן, און דערציילט איר לעבנסגעשיכטע אין דעם גרויסן יום-טוב, אין וועלכן די ענטפלעקונג פון תורת חסד, ליבע און טרייהייט פון דער אידישער אמונה איז געפייערט אויף דער גאנצער וועלט.

ענדלאך ווארפט פאנאַנדער דער ספר א כאראקטעריסטיק פון בועז, אן איידעלער איד, וועלכער געהערט צו דער פאמיליע אלימלך און דאָך צייכנט ער זיך אויס מיט ליבע און טריי־

9) רות-רעות.

הייט. 10) ווי פריינטלאך גריסט ער, דער האר, זיינע ארבײ־טער: „גאָט מיט אייך!" ווי טריי ער היט דעם שפּרוך פון די חכמים: „שיין ביסטו, ישראל, דורך דיינע מצות דעם עני און אביון, אָן אונטערשייד פון אפשטאמונג און רעליגיע, מיט די ברכות פון דיין שניט, זיי אויך איינצוטיילן." 11)

ווי פול מיט ליבע און אויפמונטערונג רעדט ער צו רות'ן: „מען האָט מיר דערציילט, אלעס וואס דו האָסט געטאָן מיט דיין שוויגער נאָכ'ן טויט פון דיין מאן, דו האָסט פארלאָזן פאָטער, מוטער און דיין געבורטס־לאנד און ביסט געגאנגען צו א פאָלק, וואָס דו האָסט פריער ניט געקענט. זאָל גאָט דיר באצאָלן פאר דיין טאט, און זאל דיין באצאָלט זיין פאָלקאָמען פון דעם אײ־ביקן, פון גאָט פון ישראל, אונטער וועמענס פליגלען דו ביסט געקומען זיך צו פארבאָרגן." ווערטער, פון וועלכע עס רעדט די ווייכע, מילדע, דערבארמונגספולע אידישע הארץ, וועלכע טוט איבערוועגן אין איר ניט באפוצטע איינפאכקייט די קינסטלע־רישע ריידן פון די היידן. ווי ער באמיט זיך דאָס אָפצוהיטן דעם נאָמען פון זיין פריינט אלימלך פאר זיין פאמיליע, דער פארנעמענער בועז איז גרייט צו נעמען דער אָרימער אלמנה רות פאר א ווייב, כדי „דער נאָמען פון פארשטארבענעם זאל ניט אויפהערן צווישן זיינע ברידער". וואָס פאר א פּאָר, וואָס פאר א ליבע, וואָס פאר א טרייהייט, אבער אויך וואס פאר א גאָטס באצאָלט, וואס פאר א גאָטס ברכה!

און אזוי ווי דער ספר הויבט זיך אָן מיט א דערציילונג פון שטראף, וואס האָט געטראָפן אלימלך'ס פאמיליע צוליב זייער

10) איש גבור חיל ממשפחת אלימלך.
11) הנך יפה במצות השדה בלקט שכחה ופאה (מדרש חזית).

הארטקייט, אזוי שליסט ער זיך מיט דעם באריכט, אז בועז און רות זיינען געווען די פאָרעלטערן פון די גרעסטע אידישע מלכים, העלדן, משוררים און געזאלבטע פון בית־דוד, אז זיי האָבן געגרינדעט א הויז ביי אידן, אָן וועמענס נאָמען די גלאָר־רייכע עראינערונגען און די הערלאכסטע האָפענונגען פאר די אידן און דער מענטשהייט זיינען אָנגעקניפּט.

אזוי זעען מיר אין ספר רות איינעם פון די שענסטע דענק־מאלער פאר׳ן אידישן גייסט, א דענקאל, וועלכער מאָנט אונז אין אלע צייטן, מיר זאָלן פון איין זייט לאָזן די רעליגיעזע ווארהייטן מיט זייער אייגענעם כח צו זיגן — און אזוי ווי אונזערע חז״ל זאָגן, אז יעדעם אמן, וועלכער קומט ניט ארוים פון די טיפענישן פון איבערצייגונג האָט ניט קיין ווערט 12) — און פון דער אנ־דערער זייט טעטיקע ליבע און טרייע אלם די פרוכט פון רעלי־גיע צו באטראכטן.

מיר לעזן דעריבער די מגילה אין יום טוב פון ענטפלעקונג כדי צו באקענען אלע פעלקער, אז מיר, סיי זיפצנדיק אונטער א שווערן דרוק אָדער אָטעמדיק פריי, קוקן ניט אוים אבי אריינ־צוקריגן וואָס מער אָנהענגער צו אונזער אמונה, און באטראכטן דער עיקר די גוטע מעשים פון ליבע אלם גלענצנדע אויסשטרא־לונגען פון די אידייען פון דער רעליגיע.

וואויל וועט זיין די פעלקער, ווען דער גייסט פון רעליגיעזער דולדזאמקייט, די אנערקענונג פון טעטיקער ליבע און טרייע, וועלכע זיינען די טייערסטע דיאמאנטן אין דעם קרוין פון דער תורה, וועלן געפינען אלץ מער אָנהייגנער און פארטיידיגער

12) אין עוניו לא אמן הטופה ולא אמן קטופה. (ברכות ט״ו).

צווישן זיי אין אלע מדינות, אויף דעם טראָן פון פירסטן, אין די פארזאמלונגען פון די געזעצגעבער, דאָרט וואו די מענער פון וויסנשאפט און גאָטס-זוכער לאָזן הערן זייער וואָרט: דאַ־מאָלט וועלן איבעראל ליבע און טרייהייט זיך באגעגענען, גע־רעכטיקייט און פרידן זיך בארירן. דאן וועט דער אמת מיט אַמאָל פון דעם באוואוינטן ערד ארויסשפּראָצן און גערעכטיקייט ווי א ליכט פון הימל אראָפּשיינען. דאן וועט גאָט באווילקן יעדן פאָלק אלע זיינע ברכות, און אויך אונזער פאָטערלאנד וועט געבן זיין רייכן חלק צו אלע שטאמען, וועלכע וועלן זיין פאר־אייניקט אין ליבע און טרייע. אָמן.

דרוש לחג הסוכות

דאָס אידנטום פון אונזער צייט

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר
כפת תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל
ושמחתם לפני ד׳ אלהיכם שבעת ימים.
(ויקרא כ״ג מ).

עס איז ניטאָ קיין ערשיינונג אין אונזער צייט, מיינע גע־ערטע צוהערער, וואס זאל זיין אזוי פרעמד און שלעכט פאר־שטאַנען, בלאמירט און פול מיט רכילות, ווי דאס יודנטום פון דער איצטיקער צייט.

מיר ווייסן עס גענוי, און וואָלטן מיר ניט וויסן, וואָלטן מיר ארום אונז געהאט גענוג אורזאכן צו ערפארן, ווי ווייט עס האלט ניט אָפּ קיין צייט און קיין רום, אבי נאָר עפּעס ערגעץ אין אונ־זערע ספרים צו געפינען א שאָטנדיקן אָרט, וועלכער זאָל ארוים־ווייזן אונזערע שלעכטע געדאנקען, מען זאל דורכדעם האָבן א גרונט אונז פיינט צו האָבן.

אויך דאָס אידנטום פון אונזער צייט, ווי זי האָט זיך ניט ענטפלעקט אין שיינעם זייט מיט אירע טעטיקייטן, פאָדערונגען, מיט איר פרעדיקן ביי מויל און שריפט פאר דעם גונסטן פון דער מדינה און געזעלשאפט, איז אויך ניט געשאנעוועט געוואָרן פון די נידריקע רכילות. צו אונזערע אלטע אייביקע פיינט, האָבן זיך אויך באהעפט (צו אונזער גרויסע חרפה מוזן מיר דאָך עס מודה זיין) פילע פון אונזערע ברידער אידן. פאראייניקט צו־זאמען פאלן זיי אָן אויף דאָס אידנטום, וועלכעס פראגרעסירט צוזאמען מיט דער מענטשהייט, און שטרעבן אָפּצולייקענען פון

איר יעדע מעלה און יעדן כשרון און איר נאָר צו דערשטיקן אונ־
טער דעם יאָך פון זלזולים און לעסטערונגען.

ביידע, אידן ווי ניט אידן, האָבן אויסגעפונען אזוינע שטעכ־
ווערטער מיט וועלכע זיי באצייכענען דאָס געגענווארטיקע אידנ־
טום און שטעמפלען אים צו שאנד. מיט די שלאָגווערטער בא־
מיען זיי זיך דאָס צופאסן צו דער היינטיקער צייט און צום גע־
שמאק פון המון, וועלכער כאפט זיך אָן אין קורצע ווערטער,
וועלכע קלינגען שטארק אָבער זיינען פוסט: זיי רופן זיך רע־
פאָרם־אידן אָדער דאָס רעפאָרמירטע אידנטום.

צי דיזע באצייכנונגען האָבן עפּעס א ממשות, אָדער צי איז
גאָר דאָ א מעגלאכקייט פאר די אידן צו ענדערן זיין אלטע
אמונה, די אידייע פון גאָטהייט אָדער בייטן זיין איבערבליק
אויף דער וועלט, אדער אראָפּווארפן פון זיך דעם יאָך פון מלכות
כהנים, — וועגן דעם טראכט ניט קיינער. ניט די שונאים פון די
אידן און ניט די נארישע אָנהייגער, פאר זיי איז גענוג, אז דער
שטעכוואָרט איז דאָ און מיט אים דער מקור פון חשד, רכילות
און באשימפּפונגען.

מיר האָבן דאָ ניט בדעה ארויסצוברייגען, וואס פאר א
טרויעריקן איינדרוק דאָס מאכט, ווען מען זעט א טייל פון אונ־
זערע ברידער, אומבאוואוסט און אומבאטראכט, פארגרעסערן
דעם כאָר פון אונזערע פיינט אין זייער מלחמה מיט אונז. —
„לו חכמו ישכילו זאת יבינו לאחריתם" (דברים ל"ב, כ"ט) —
נאָר כדי צו בארואיקן, אויפצוקלערן און באלערנען די שוואכע
און וואקלענדיקע, וועלן מיר שילדערן די הערלאכע מעלות וואס
דאָס אידנטום פאר אונזער נייע צייט — וועלכע איז באמת ניי
אין אלע הינזיכטן — פארמאָגט. מיר וועלן עס פאָרשטעלן אין
געשטאָלט פון אתרוג, כפת תמרים און ענף עץ עבות. דיזע

בילדער־שפּראַך איז ניט נײַ און ניט זאָנדערבאַר. אונזערע חכמים האָבן נאָך פאַרצײַטן מרמז געווען אַז די פלאַנצונגען זײַ־נען סימבאָלם פאַר די מעלות, אײַגנשאַפטן און צדקות פון דעם אידישן פאָלק.

א.

די ערשטע זאַך, וואָס מיר נעמען אין אונזער האַנט אין יום טוב סוכות איז, לויט דער תורה, דער אתרוג. אַט דיזע שײנע און ליבליכע פרוכט דאַרף, לויט דעם דין, זײַן פאָלקאָם גאַנץ און שײן,1) אזוי אויך די ערשטע מעלה פון אונזער געגנוואַרטיקן אידנטום, איז זײַן שטרעבונג צו דערגרייכן די שלמות אין שײנ־קייט, אין אַלע דערשיינונגען און פירונגען. זי האָט איין גרויסן יסוד: זה אלי — דאָס איז דער חותם פון יעדער יופי (שמות ט"ו ב.) וועמעס דורכזיכטיקע קלייד, די גרויסע וועלט, איז אויך דער אויסדרוק פון שלמות און שיינקייט. (תהלים ק"ד, א) אין די שטאָט, וואו ער האָט אויסגעוויילט צו רוען ווערט אויך אָנ־גערופן כלילת יופי (איכה ב', ט"ו) און איך וויל אים אויך לויבן דורך דער פאַרמיטלונג און פאַרווירקליכונג פון שיינקייט „מיין געליבטער, דו, צו וועמען מיין זעלע בײַנקט און מיין האַרץ געלוסט, ווי שיין ביסטו! ווי קען איך אַרויסברײַנגען אין דיין אמת'ע אחדות דעם העכסטן אידעאַל פון שיינהייט" — אַזוי רעדט די כנסת ישראל צו גאָט אין ספר שיר השירים. (א, ט"ז.)

פאַרצייטן, ווען אונזערע עלטערן האָבן געמוזט לעבן אָפּגעז־שלאָסן און דערדריקט אונטער דעם שווערן יאָך פון די פעלקער, איז ביי זיי דורכדעם אוועקגערויבט געוואָרן דער געפיל פאַר

1) עלתה חזזית על רובו נטלה פטמתו נקלף נסדק ניקב וחסר כל שהוא פסול.

שיינקט. עס קענען אויף דעם עדות זאָגן די פילע דרשות, די אויפגעבויטע משונה׳דיקע בנינים אָן א מאָס און אָן א פּלאַן, די פּרושים און רמזים, וועלכע יעדער האָט געלערנט ווי אים האָט זיך געוואָלט.2)

די יהדות פון אונזער צייט, וועלכע זוכט צו אויסשפּרייטן אירע פארבונדענע כחות, וועלכע איז פול מיט געשמאַק און וויסנשאפט, האָט אויך אָנגעהויבן דעם יופי אריינצוברייננגען אין דער אמונה און ראשית כל אין די שולן.

וואָס פאר א שיינע, פּראכטפולע און וואנדערבארע שולן האָבן דאָס די אידן געבויט, נאָר אין פארלויף פון דעם לעצטן צענדליק יאָר? מיט וואס פאר א ווארימקייט פילע מענער און פרויען ברייננגען עס טייערע זאכן צו באצירן די ספרי תורות, ארון קודש, טיש און בימה? איז עס אלעס א צופאל, אָדער די פרוכט פון א נייעם, העכערן שטרעבן?

געוויס, מיינע טייערע צוהערער! ווען עס האָבן זיך גע־מערט די אידן אין אלכסנדריא של מצרים, צווישן דעם גריכישן פאָלק, וועלכער ווערט גערופן „יפת“3) צו באצייכנען א פאָלק, וועלכער זוכט שיינקייט און קונסט אין אלע זיינע ווערק און יצירות, האָבן זיי דאָרט געבויט א שול. אויף דער שול האָט ר׳ יהודא געזאָגט: ווער עס האָט ניט געזען די שול אין אלכסנדריה האָט ניט געזען דעם אידישן כבוד.4) זי האָט געהאט איין און זיבעציק קתדראות פון גאָלד אנטקעגן די איין און זיבעציק סנהדרין; אינמיטן איז געווען א הילצערנע בימה, דער

2) דרושים לכל חפציהם (תהלים קי״א ב).

3) יפת אלהים ליפת יפיופותו של יפת יהיו באהלו שם (מגילה ט, ע״ב).

4) מי שלא ראה דיופלוסטין של אכסנדריה של מצרים לא ראה בכבודן של ישראל.״

חזן פלעגט דאָרט שטיין מיט א טיכל אין האנט, און ווען עס פלעגט קומען צו ענטפערן אמן, פלעגט ער א פאָך טאָן מיט'ן טיכל און דאָס פאָלק פלעגט אים אָפּענטפערן, (סוכה נ"א ע"ב). אויך אין טאָלעדא ווייזט מען נאָך היינט די דורכרייזנדע א וואונ־דערבארע שול, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן אין שפּאַניע אין דער גאָלדענער תקופה וואס די אידן האָבן דאָרט געהאט ווען זייער הארץ איז געווען אָפן פאר זונענשיין און שיינקייט.

„זה אלי ואנוהו", מיט אלע פאָרמען פון שיינקייט, זאָגט דאָס היינטיקע אידענטום, און עס באנוגנט זיך ניט בלויז מיט ביישטייערונגען און נדבות אויפצושטעלן נייע שולן און טעמפּ־לען, נאָר עס שטרעבט אויך צו באפרייען די עבודת ד' פון אלע פארדאָרבענע, געשמאקלאָזע און אומגעלומפּערטע זאכן. עס בא־מיט זיך, אז עס זאָל הערשן גוטער אָרדענונג און טאקט אין די תפלות, געזאנגען, דרשות און אין אלע איבעריקע זאכן, וועלכע באצוועקן צו מכבד זיין דעם נאָמען פון גאָט ברוך הוא וואָס איז באמת דער כליל פון יופי ותפארת.

זייט דעם חורבן בית המקדש אין ירושלים האָט מען נאָך ביי אידן ניט געהערט אזוינע פייערלאכע, ערמוטיגענדע און רירנדע קלאנגען, ווי די וואס מען הערט היינט אין די אידישע הייליקע שולן.

איך ווייס געענוי די טענות און חוזק וואס מען וועט קעגן דער דערמאנטער מעלה פון היינטיקן אידנטום אנטקעגנברייינגען, מען וועט זאָגן, פאר פילע אידישע קינדער זיינען די שולן, די גע־זאנגען און די דרשות, בלויז טעאטער שטיק. זיי גייען דאָרט, ווי מען גייט אין א טעאטער א ווייל'ע צו פארברייינגען און זיך צערשטרויען. יע, די רייד זיינען אוועק אזוי ווייט, אז עס האָט זיך געפונען דאָ ניט לאנג א מנהיג, א פאנאטיק, וועלכער האָט

געמאכט דעם פאָרשלאג, אז מען זאָל צושליסן אלע שולן אויף הונדערט יאָר, כדי מען זאָל זיך איבערצייגן, אז ניט אָן די שולן היינגט אָפּ דער קיום און כבוד פון אידישן פאָלק, און די איין אזהרה פון גיד הנשה איז וויכטיקער פון די אלע צערעמאָניעס אין שולן. אזא דעה, מיינע געערטע צוהערער, איז אין דעם דרך פון דעם קפדן און איינגעשפּארטן שמאי. מיר וועלן אבער זיך ווענדן צו דעם עניו הלל, און ער, מיט זיינע ווייכע און מילדע רייט, וועט זיי, די קנאים, געבן אן ענטפער:

אמאָל, דערציילט דער תלמוד (שבת ל״א, א) איז א גוי אן עכו״ם דורכגעגאנגען פארביי א שול און האָט געהערט ווי מען האָט געלערנט די ווערטער פון דער תורה: „ואלה הבגדים אשר יעשו חשן ואפוד“ (שמות כ״ח) און מען האָט אויסגערעכנט די טייערע שטיינער און צירונגען וואס דער כהן גדול דארף טראָגן. האָט עס געמאכט אויפ׳ן גוי א שטארקן איינדרוק און ער האָט באשלאָסן זיך מגייר זיין, כדי ער זאל ווערן א כהן גדול. ער איז אוועק צו שמאי און געזאָגט: רבי, איך וויל ווערן א איד, כדי איך זאל אויסגעקליבן ווערן פאר א כהן גדול. האָט אים שמאי אָפּגעשטויסן פון זיך מיט א גאס-שטעקן, וואס ער האָט געהאלטן אין האנט. איז ער אוועק צו הלל׳ן. הלל האָט אים מגייר געווען און נאָכהער צו אים געזאָגט: „ווען איינער וויל ווערן א מלך, מוז ער זיך אפריער לערנען די וועגן און זיטן ווי צו פירן א מלוכה. אזוי דו, ווען דו ווילסט ווערן א כהן גדול, מוזטו אויך לערנען די פליכטן און דינים פון די עבודות פון כהן-גדול.“ האָבן זיי געלערנט צוזאמען. אז זיי זיינען געקומען צו דעם פסוק „זר הקרב יומת“ (במדבר א׳) פרעגט דער גר: „וועמען מיינט דער פסוק?“ זאָגט אים הלל: „אפילו אויף דוד מלך ישראל“. האָט דער גר אראָפּגענומען א קל וחומר און געזאָגט: „מה דאָך א געבוירענער איד און א מלך בישראל טאָר ניט דערנענטערן

זיך, איך, א פרעמדער און א גר, וויל האָבן די העזה צו ווערן א כהן גדול?" אָבער די גרויסקייט און די הייליקע אמת'ע לערע פון יהדות האָבן געמאכט אזא טיפן איינדרוק אויף דעם גר, אז ער האָט געזאָגט צו הלל'ן דו ענו הלל, זאָלן רוען אַלע מיינע ברכות אויף דיין קאָפּ, וואס דו האָסט מיר דערנענטערט צו די פליגלען פון דער שכינה. שפּעטער האָבן זיך צוזאמענ־געטראָפן דריי גרים, וועלכע זיינען פון שמאי צוריקגעשטויסן געוואָרן און זיי האָבן געזאָגט: „שמאי'ס קפדנות האָט אונז געוואָלט אומברייינגען פון דער וועלט, הלל'ס עניוות האָט אונז דערנענטערט אונטער די כנפי השכינה".

און פיל זיינען אויך די אידן, וועלכע זיינען געווען פאר־פרעמדט פון דער אמונה פון זייערע עלטערן, אָדער זיינען געווען פארפירט פון א נארישן געדאנק, אז מען קען איבערמאכן די יסודות פון דער תורה נאָכ'ן אייגענעם פארלאנג. זיי זיינען צו־פעליג פארבייגעגאנגען די נייע פּרעכטיקע שולן און טעמפּלם, זייער אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די שיינע דעקאָרירטע ווענט פון אויסוויינינג. זייער אויער האָט פארכאפּט אָפּגעריסענע קלאנגען פון אינעווייניג. זיי זיינען א ווײַלע פון נייגעריקייט אריין אינעווייניג, און זיי האָבן דערוויל געהערט, ווי מען האָט גע'דרשה'ט פון די הייליקייטן פון יהדות און דער תורה און די הערלאכקייטן פון פאָלק ישראל. זיי זיינען אזוי געקומען צום צווייטן און דריטן מאָל. אלטע זכרונות און נייע געפילן האָבן זיך דערוועקט ביי זיי אין הארצן. עס האָבן זיך אויפגערירט דינע סטרונעס וועלכע זיינען לאנג געווען פארשלאָסן און פארשטומט. זיי זיינען געוואָרן באוועגט, צוגעקומען אלץ נענטער און נענ־טער, געוואָרן ווארימער און ווארימער, ביז — מיט איינמאָל און זיי שטייען שוין תחת כנפי השכינה און עס רוט אויף זיי גאָטס כבוד.

יע, פיל אידן אין היינטיקער צייט קענען זאָגן מיט גערעכ־
טיקייט צו די איינגעשפּארטע לערער, די קפדנים און קנאים,
אייערע עקשנות, ביי וועלכע עס איז לייכטער געווען צו מפקיר
זיין טויזנטער אידישע נפשות ווי חס ושלום אַפּלאָזן א ווייל דעם
אָמת הבנין, מיט וועלכע איר האָט געמאָסטן די תפלות און
עבודת ד׳, האָט פאר אונז פארשלאָסן די וועלט פון אמונה, איר
האָט אונז פארטריבן און געוואָלט אומברייינגען פון דער וועלט.

ב.

די צווייטע זאך, וואס מיר נעמען, לויט דער תורה, אין יום
טוב סוכות, איז די צווייגן פון פאלמען בוימער (כפת תמרים),
וואָס, ווי דער נאָמען אליין זאָגט, רייסן זיך אין דער הויך און די
שטארקע וואָרצלען רוען אין דער ווארימער ערד.

דער שטאם פון פאלם־בוים איז שטארק און פעסט, און
פעסקייט, קראפט און מוט — זיינען די צווייטע מעלה פון דעם
אידנטום פון אונזער צייט. שטארק און פעסט איז דאָס אידישע
הארץ, און דעריבער, פראָקלאמירט עס פריי און אָפן זיינע היי־
ליקע וואָרהייטן; ערנסט און פול מיט ווירדע איז דאָס אידנ־
טום, ווען עס דארף פארטיידיקן זיין שטעלונג אין געזעלשאַפט־
לאכן לעבן.

דאָס היינטיקע אידנטום האָט גאָר ניט צו פארבאָרגן און
גאָר ניט צו פארבאהאלטן. עס עפנט זיינע טויערן פון די פרעכ־
טיקע שולן פריי און ברייט און רופט אלע פארבייגייער הויך
און דייטלאך: „קומט אריין! דאָ זיינען אונזערע תפלה ספרים
אין עברית און אין אייערע שפראכן, קומט, הערט די לידער, וואס
מיר האָבן היינט געזונגען: „מקימי מעפר דל מאשפות ירים

אביון“ (תהלים קי״ב ז.) אויך דאָס אָרימע און געדריקטע אידישע פאָלק הויבט אויך אָן אויפצוהויבן זיין קאָפּ איבער דער וועלט, „הארץ נתן לבני אדם“ (שם קט״ו, ט״ז.) די ערד געהערט צום מענטשן פון טאָג פון איר געבוירן און אלע האָבן אין איר א טייל. אָדער ווי דער תלמוד זאָגט, אז דער מענטש איז העכער פון דער בהמה, דורכדעם וואס ער האָט א חלק ונחלה אין דעם באָדן וואס ער זיצט; 5) „לא המתים יהללו יה„ (שם קט״ו, י״ז) אזוי ווי אונזערע חכמים האָבן מפרש געווען, „לולב היבש פסול, שנאמר לא המתים יהללו יה“ (ילקוט תהלים) גאָט וויל ניט א טרוקענע און אן אויסגעלערנטע עבודה אָן פאַרשטאַנד, נאָר אַ פרישע און א פעטע עבודה, וואָס איז פול מיט לעבן; הללו את ד׳ שבחוהו כל האומים“ (שם י״ז א). מיר רופן אויך אלע מענטשן און פעל-קער, זיי זאָלן צוזאמען מיט אונז לויבן גאָט פאר זיינע חסדים צו דער גאנצער מענטשהייט, פון וועלכע ער איז דער פאָטער. אָט די טייערע מגילה, וואס איז באצירט מיט זילבערנע און טייערע שטאָפן, וועלכע מיר טראָגן דאָ ארום און קושן, איז עס אונזער תורה. פון אָט דער תורה איז עס גענומען געוואָרן דער פסוק „ואהבת לרעך כמוך“ (ויקרא י״ט, י״ח). מיר פרייען זיך און וועלן זיך נאָך מער פרייען אויב איר וועט אָפּהיטן דעם גע-באָט צו דעם פאָלק, ביי וועמען די מצוה איז אויפגעהיט געוואָרן און וועלכע זיינען געווען די ערשטע טרעגער פון דעם געבאָט. פון דער תורה האָט איר איבערגענומען אלע געזעצן פון גערעכ-טיקייט, צדקה און חסד; אין דער תורה וועלן מיר לעזן אין דעם לעצטן טאָג פון דעם יום טוב, די ווערטער: „אף חובב עמים“ (דברים ל״ג, ג.) אן אונטערשייד צו זיי זיינען די מערהייט אָדער מינדערהייט אין לאנד. אָט דאָ איז אונזער בימה, כאָטש זי האָט געקענט זיין גרעסער, דאָך פארמעגט זי גענוג פּלאץ צו ברייננגען

5) כל אדם שאין לו קרקע אינו אדם (יבמות ק״ג).

הילף און גליק צו אלע פעלקער, ווען זיי זאָלן נאָר אָפּהיטן די זיבן מצוות פון די בני־נח. מיט שטאָלץ און ווירדע די קאָפּ אויפגעהויבן ווי דער פּאלמען־בוים שטייט דאס היינטיקע אידנטום, ווען עס האנדלט זיך וועגן זיין פּלאץ אין דער געזעלשאפט. עס בויגט זיך ניט און בוקט זיך ניט אויפצוקלייבן די טרוקענע ברעקלאך אונטער די גרינע טישן, ביי וועלכע עס זיצן די פאָרשטייער פון יעדעם פאָלק. עס פארלאַנגט ניט מער און ניט ווינציקער ווי רעכט, איין רעכט א גלייכע רעכט, א געמיינזאַמע רעכט מיט אלע פעלקער און שטאַמען גלייך. דאָס אידנטום איז מוחל אויף דעם ניי־ערפונדענעם רעכט צו זיין „היסטאָריש־פּאָליטישע אינדיווידואליטעט." און אויב איר וועט פרעגן מיט זאָרג און וואונדער, אז דורכדעם וואס מען וועט מאכן איין גלייכע רעכט פאר אלע אמונות, וועט דאָך אָפּגעשוואכט ווערן דער כבוד פון אלע אמונות? אויף דעם וועט דאָס היינטיקע אידנטום ענטפערן מיט אָנווייזונגען אויף היינטיקן יום־טוב. זעט דעם אתרוג, ער איז א שיינע פרוכט און האָט א געשמאקן ריח, אָבער דער תמר, גיט פרוכט און האָט ניט קיין ריח, אזוי איז אויך יעדע אמונה. פון איין זייט האָט זי א ריח נעים, דאָס זיינען די דאָגמען, די יסודות און די פּרינציפּן פון דת, וועגן אלקות, דעם נפש פון דעם מענטשן און וועגן חיים הנצחיים, דאָס זיינען אלץ זאכן וואס מען קען נאָר פילן דעם ריח אבער ניט אָנטאפּן. פאַראַן אָבער אויך פרות, וואס מיר קענען זיי ציילן, באשטימען א מאָס און זיי באהאנדלען מיט אונזערע חושים, דאָס זיינען די מעשים און האנדלונגען, וואס יעדע אמונה לערנט ווי זיך צו פירן. אין די קרייזן און געמיינדעס פון דער אייגענער אמונה, וועלכע זייגען טאקע צוליב דער אמונה פארבונדען צוזאמען, זאל יעדע אמונה געגליכן ווערן צו אן אתרוג, וואָס עס גיט פרוכט און צייכנט זיך אויך אוים מיט'ן ריח; אבער אין דער געזעלשאפט

פון דער מלוכה, וואס איז געבויט ניט אויף דאגמעס, נאָר אויף געגנזייטיקע רעכט און פליכטן, זאָל זי אויפהויבן איר קאָפּ ווי דער תמר, פון וועלכע מען פארלאנגט ניט קיין ריח, נאָר גוטע, זיסע פרוכט. דאמאָלט וועט גערעכטיקייט הערשן אין דער וועלט. ווי דער פאלם-בוים וועט די וועלט זיין פעסט און שטארק, און וועט זיין פאר א שוץ שאָטן, און באשיצונג צו די וואס זוכן איר שטיצע און הילף.

יע, די מעלה פון דעם געגנווארטיקן אידנטום איז זייער וויכטיק, און אירע קינדער, וועלכע ווערן ניט מיד און שוואך צו לערנען און ארויסברייגנען, דורך מויל און שריפט, אז גערעכ־טיקייט מוז הערשן אויף דער וועלט און דארף פון קיינעם ניט אָפּגעריסן ווערן, זיינען טייערע מענטשן, מענטשן וועלכע זיינען פול מיט ליבע צום אמת און יראת אלקים. זיי אַרבעטן מיט זיי־ערע אלע כחות כדי עס זאל זיין ווי דער נביא זאָגט: „התר אגודת מוטה ושלח רצוצים חפשים.“ (ישעיה נ״ח, ו׳) (די בונדן פון די אונטערדריקטע זאָלן אויפגעלייזט ווערן און די אונטערדריקטע זאָלן געשיקט ווערן פריי).

ג.

די דריטע זאך, וואס מיר נעמען, לויט דער תורה, אין יום־טוב סוכות איז די ענף עץ עבות, וועלכער צייכנט זיך אוים מיט זיין גוטן ריח. אויך די דריטע מעלה פון דעם איצטיקן אידנטום איז זיין שטרעבן ישראל׳ס צו נאמען און בארוף, וועלכער ווערט פארגליכן צו א גוטן ריח (קהלת ז׳ א׳) צו פארשענערן און דער־הויבן.

אונזערע עלטערן, מיינע ווירדיגע צוהערער, האָבן אונז אי־

בערגעלאָזן א טרויעריקע ירושה. זיי האָבן זיך גאנץ ווינציק געקימערט, וואס מען האָט וועגן זיי ערגעץ וואו געשריבן, זיי האָבן זעלטן געלערנט פרעמדע שפּראכן און כמעט זיך ניט גע־קענט אויפריידן אויף אַן אנדער שפּראַך. אזוי איז עס געקומען, אַז אין פארלויף פון עטלאכע יארהונדערטער איז עס אויסגע־וואקסן א גרויסע ליטעראטור, וואָס האָבן געוואָרפן שאנד און שמוץ אויפ׳ן אידישן נאָמען, און עס האָט זיך ניט געפונען קיין מענטש, וועלכער זאָל אויפהויבן זיין האנט אנטקעגן און זיי אלעם אָפּלייקענען. „בלשוננו נגביר שפתינו אתנו מי אדון לנו״? (תהלים י״ב ה׳) (מיט אונזער צונג זיגן מיר, אונזער שפּראַך איז מיט אונז, ווער קען איבער אונז געוועלטיקן? האָבן אונזערע פיינט געקענט אויסרופן זיכער, ווער האָט עס איצט די ארבעט אָנגעהויבן און אויף זיך גענומען צו קעמפן פאר אונזער ערע און לערע, אין וואָרט און שריפט? דאָס אידענטום פון אונזער צייט, וועמענס קינדער האָבן שוין געלערנט די שפּראכן פון די פעלקער און זיך איינגעאיבט אין דעם גייסטיקן קאמף. זיי זיינען אימשטאַנד דעם אידישן נאָמען זיגרייך צו פארטיידיקן. און אויב מען זאָל היינט פרעגן די אידן: וואָס האָט איר בייגעטראָגן צום וואויל פון די פעלקער? דורך וועלכע ערפינדונגען און ענטדע־קונגען, דורך וועלכע שאפונגען אין קונסט אָדער ווערק און וויסנ־שאַפט האָט איר זיך אויסגעצייכנט? וועלן די קינדער פון דעם געגנווארטיקן אידנטום ענטפערן: שוין אכטצן הונדערט יאָר ווי מיר דינען פאר א ביישפּיל צו די פעלקער, אז אמונה נויטיקט זיך ניט אין די הילף פון געזונטע אָרעמס, אז אויך אָן פּאָליטישע מאכט און אָן קירכן־שוץ שטייט דאָס אידישע פאָלק פעסט און ענטוויקלט זיך נאָך מער. איז עס ניט א גרויסע, וויכטיקע און נוצבארע ענטדעקונג? וואָלטן דען ניט פיל מדינות גליקלאכער געוועזן פון איגעווייניג מעכטיקער און אנגעזעענער פון אויס־

וויניק, ווען זיי וואלטן זיך נאָר באנוצט מיט דער ענטדעקונג? אויב די תשובה איז ניט גענוג — זאָגט דאָס געגענוואר־טיקע אידנטום — זאָל איינער פון אייערע גרויסע רעדנער פאר אונז זאָגן א וואָרט.

עס איז געווען אין 27טן דעצעמבער מיט פערצן יאָר צוריק, און איינער א בארימטער רעדנער, א קריסט, האָט באטראָטן די בימה אין דער הויפט שטאָט אין פראנקרייך און גערעדט — וועגן אידן. און פון וואס האָט ער גערעדט? אפשר פון זייער פאלשקייט, פון זייער שנאה צו גוים, פון זייער בלוטדורשטיקייט, פון זייער פארדאָרבנקייט, פון זייער פארשאָלטנקייט ביי גאָט? אָ, ניין, ער האָט אויפגעקלערט זיינע צוהערער, אז דאָס אידישע פאָלק איז דאָס וואונדערבארסטע פון שטענדיק וואס אמבא־לאנגט צו אמונה און חברה. ווילט איר האָבן א באגריף, האָט ער אויסגערופן פון דעם ריזיקן און שטארקן בנין פון תורת משה, וועלכער שטייט פאר א צייכן צו די פעלקער שוין טויזנטער יאָרן און קיין שטורם־ווינט קען אים ניט אומווארפן און צע־טרייסלען, טאָ דערמאנט זיך נאָר, פראנקרייכ׳ס קינדער, ווי אָפט אין פארלויף פון די לעצטע פופציק יאָר האָט איר געביטן די פאָרמען פון אייער מלוכה, און ווילט איר האָבן נאָך א באווייז וועגן די אייביקייט פון דעם פאָלק, וואס האָט דעם דת משה פאר אַ ירושה, וועט איר עס געפינען ביי דעם היינטיקן אידן. ישראל לעבט, לעבט איבעראל, לעבט אכטצן הונדערט, אָן א האַר און מושל, אָן א טעמפל, אָן א לאנד, פארפרעמדט אָפט פון זיינע אייגענע ברידער און פארפאָלגט אָן אן אויפהער. ער לעבט מיט דעם כח פון זיין אמונה, זיינע איבערצייגונגען און אומפארענ־דערטע אידייען. נאָך מער איז גרויס זייער שיינקייט, וואס זיי האלטן זיך אָן א שטיצע און מאכט פון אויסן. „זעט איר ניט — האָט ער בוכשטעבלאך געזאָגט — אז ישראל איז שטארקער פון

אייך? דאָס ער אַליין פון אַלע אַלטע פעלקער האָט הינטער זיך פיר טויזנט יאָר? דאָך ביז היינט זעט זיך ניט ביי אים קיין צייכן פון פוילקייט און צופאַלנקייט? פּרובירט נאָר איינמאָל, גראָבט פאַר אים אויס אַ טיפן קבר, פאַרמינערט עס ווי פעסט איר ווילט, שטעלט אַ וואַך אַרום — מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, וועט ישראל זיך אויפהויבן פון קבר און וועט אייך איבערצייגן, אַז אַלע מאַטעריעלע אַנשטריינגונגען זיינען אָנמעכטיק קעגן דעם גייסט.״ איז געגונג פאַר אייך די תשובה, דער ענטפער פון אַ גרויסן מאַן פון אייערע רייען, וועלכער, זייענדיק קליגער פון אייך, פאַרערליכטער די אידן און דאָס אידנטום, ווייל פון זייער גלאַנץ שטראַלט אויך אויף די זאַך וואָס איז אים הייליק און טייער?

און אויב איין עדות איז פאַר אייך ניט גענוג, זאָגט דאָס געגנוואַרטיקע אידנטום, וועלן מיר אייך ברענגען אַ צווייטן עדות, באַגלייטעט מיר צו דער רעזידענץ פון נידערלאַנד. דאָרט האָט מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק איינער פון אייערע גרויסע רעדנער געפּרעדיקט וועגן וואָלטעטיקייט. זיין רעדע האָט געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק אויף די צוהערער, אַז ביים אוועקגיין האָבן פילע אַראָפּגענומען די צירונג, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט און עס אָפּגעגעבן די אָרימע.

מיט וואָס האָט עס דער רעדנער אַרויסגערופן די גוואַלטיקע ווירקונג? נאָר דורכדעם וואָס ער האָט פאַר זיי פאַרגעשטעלט די אידישע וואָלטעטיקייט! ער האָט געשילדערט וויפיל די אידן האָבן צעטיילט אַ יאָר אין ארץ ישראל אויף בכורים, תרומה, מעשר און קרבנות; ער האָט אויסגערעכנט אַלע מצות, וואָס די אידן זיינען פאַרזאָגט אויף צדקה צו אָרימע לייט, גר, אלמנה און יתום. ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, וואָס אפילו היינט איז ניטאָ די קלענסטע קהלה ביי אידן, וואָס זי זאָל

ניט פארמאָגן א וואָלטעטיגע חברה, צו וועלכע אלע אידן שליסן זיך אָן און זיינען מנדב געלט.

אָט די וואָלטעטיקייטן פון די אידן, וועלכע מעגן דינען פאר א משל, האָבן אזוי שטארק געווירקט אויף די צוהערער און זיי ווירקן אויך אויף דעם גאנצן איראָפּייאישן געדאנקן גאנג.

יע, דאָס געגענווארטיקע אידנטום איז געגליכן צו א צווייג פון עץ עבות. דאָס אידנטום ניט נאָר עס קעמפט און פארטיי־דיקט דעם אידישן נאָמען קעגן אלע שונאים און פארפאָלגער, נאָר באמיט זיך אויך צו פארברייטערן און פארשענערן אינע־וויניק, כדי זיין גוטער ריח זאל זיך הערן ווייט. זאָל מען דורכ־פאָרשן די היסטאָרישע געשעענישן פון דער פארגאנגנהייט אין די אלטע ספרים, זאל מען ארויסציען פון די דונקעלע ביבליאָ־טעקן די פארבאָרגענע אוצרות פון אונזער ליטעראטור און זיי לערנען, וועט מען גלייך זען די הויכע מאָראלישע קראפט פון אידן אין זיינע שווערסטע פעריאָדן, דעם פרישן לעבעדיקן גייסט פון דעם אידישן פאלק אין די צייטן פון בארבעריי; עס וועט צייגן, וואס פאר א גרויסן טייל די אידן האָבן אין דער ענט־וויקלונג און פארברייטונג פון קולטור און וויסנשאפט; אז די אידן האָבן פארמאָגט אויסגעצייכנטע דענקער, אסטראָנאָמער, דאָקטוירים, נאטור־פאָרשער און געזעצגעבער, אז איין איינצי־קער איד אין פאָריגן יאָרהונדערט האָט געלייסטעט פאר דער דייטשער שפּראך מער ווי די גרויסע עסטרייך! דאָס אידנטום פון אונזער צייט האָט אויפגעהויבן דעם כבוד פון תלמוד — דעם פיל געריעדטן און ווינציק באקאנטן ווערק פון אידישן גייסט — ניט דורך דעם הונדערט־ארעמדיקן פלפול און ניט דורך די פליטער גאָלד פון חלוק, נאָר דורכדעם וואס דער תלמוד האָט געוויזן אלע איראָפּייאישע שפּראכן וויפיל פּערלען פון אמת׳ער

חכמה, טייערע אוצרות פון גאָלדענע שפּריכווערטער און גלענצנ־דע לערען פון מדות זיינען אין אים פאַרבאַהאַלטן.

וואָלטן מיר וועלן איינגאַנצן אַרויסברענגען די מעלות פון געגענוואַרטיקן אידנטום, וואָלטן מיר נאָך געדאַרפט פיל ריידן. מיר וואָלטן נאָך געקענט פאָרשטעלן די תכונות פון דער ערבה, וואָס וואַקסט אויפ'ן ברעג טייך, אָבער דאָס געזאָגטע איז גענוג עס צו פאַרטיידיקן און פאַרערלאַכן. ווארום אויב מיר זאָלן אויף אַ ווײַלע איינוויליגן מיט אונזערע שונאים, וועלכע ווינשן, אַז דאָס איצטיקע אידנטום זאָל ניט עקזיסטירן, וואָס וואָלטן גע־ווען די רעזולטאַטן? מיר וואָלטן נאָך ביז היינט געגאַנגען אין די אַלטע שולן, מיט זייער גרויסן טומל וואָס איז געוואָרן למשל ולשנינה, מיר וואָלטן נאָך היינט געהערט די געשמאַקלאָזע נגינות; מיר וואָלטן נאָך היינט צוגעקוקט מיט ווייטאָג ווי די יונגע און אינטעליגענטע כחות פאַרלאָזן אונז און שליסן זיך אוים פון עבודת ד'; מיר וואָלטן נאָך היינט געשטאַנען ווי בעט־לער ביי די טירן פון די פּאַלאַצן פון די געזעצגעבער, פילנדיק גליקלאַך און צופרידן פון אַ ליבן שמייכל פון וועכטער ביים טיר; מיר וואָלטן נאָך היינט גערעדט מיט אַ צוקאַליעטשעטע שפּראַך וואָס וואָלט געווען צום שפּאָט פאַר אַלע פעלקער; מיר וואָלטן איבערגעלאָזן אונזער נאָמען, אונזער באַרוף, אונזער ערע, אונ־זער אמונה, אונזערע מנהגים, אונזער ליטעראַטור און אונזערע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהייט אויף הפקר אין די הענט פון אונזערע שונאים זיי זאָלן טאָן מיט דעם וואָס זיי ווילן.

בני ישראל! איך מאַך אייך אַליין פאַר ריכטער, פּרובט, פאָרשט, אורטיילט, ענטשיידעט און ווײַלט!

———:———

דרוש לשמיני עצרת
קהלת

וואונדער און השתוממות נעמט אונז אָן, טייערע ברידער, ווען מיר עפענען היינט דעם ספר קהלת און לעזן אין אים מיט אויפמערקזאמקייט.

וויפיל זיינען אין אים דאָ ספקות איבער ספקות! ספקות אין די גוטעס פון דער וועלט, אין די האָפענונגען פון עולם הבא! ווי שטארק עס שטורמט אין אים דער גייסט פון כפירה שלייערט בליאונגען און פרוכט פון דעם עץ החיים אין דעם אָפּגרונט פון נישטיקייט, און דראָט אויך אומצואווארפן אפילו זיין שטאָם און ווארצל? ווי שטארק עס זיינען אין אים די געגנזאַצן, וועלכע קענען ניט אויסגעגליכן ווערן, די סתירות וועלכע קענען ניט באשיידט ווערן, וועלכע וויסטקייט, טיפע פוסטקייט טוען פון אים וועיען, וואס פאר א שרעק, טרייסטלאָזיקייט און גרויקייט טוט ער ארום זיך פארברייטערן.

אוואו עס טרעט נאָר די פוס פון קהלת צו באָבאכטן און צו באטראכטן; אוואו ער ווארפט נאָר זיין שארפן דורכדרינגלאכן בליק, אין די זאַלן פון חכמה, אין די גערטנער פון לוסט און פרייד, אויף די מארקן פון גאָלד געיעג און מסחר, אין די פאלאצן פון הארן און פירסטן, אין די פארזאמלונגען פון ריכטער און מחוקקים, אין די געבעטהייזער, אין די פאמיליע וואוינונגען, אין די פרויען חדרים, אין די וויגן פון זויגלינגע, אין די קברים פון טויטע — אלעס איז בלאס, בלייך און פארוועלקט. עס דארט און שטארבט. יעדער מענשלאכער געפיל, יעדע באוועגונג, יעדע

האָפענונג, עהרע און גלאנץ, פארגעניגן און פרייד, רייכקייט און שיינקייט, חכמה און וויסנשאפט — די האנט פון פלייסיקן ווערט געליימט, דער צונג פון דעם בעטער פארגליווערט און דער מו־טערס הארץ צעבראכן; ער ווייזט אונז ווי נאַריש און פוסט עס איז יעדער האנדל און וואנדל אין אלע באַזיצונגען אויף דער ערד. זיינע ליפּן עפענען זיך תמיד צו איינעם און דעם זעלבן אויסרוף: „הכל הבל ורעות רוח" (ב' י"א). אלעס, אלעס וואס דו זעסט, וואָס די דענקער טראכטן און וואָס די דיכטער באַ־זינגען, וואָס די שטערבלאכע גלוסטן און וואָס עס שטעלט זיי צופרידן, וואס זיי ווינשן און וואס זיי האָפן, פארוואס זיי האָבן מורא און וואס זיי מיידן אויס, זייער ליבע און זייער האַס, זייער קנאה און מיטגעפיל, זייער לוסט און פרייד, זייער שמערץ און זייער טרויער, זייערע געזעצן און זייערע איינריכטונגען, זייער קריג און זייער פרידן, זייער מוט, העלדנטום, חכמה און אויסגע־רעכנטקייט — זייער גאנצעם לעבן און שטערבן איז נאַריש, ליי־דיק, נישטיק, אן איבערגייענדער שאָטן, א פארשווינדענדער הויך, א ראשן און יאָגן נאָכ'ן ווינט. אלע מעשה בראשית זיי־נען געוואָרן ווי גאָרניט — ווי די חז"ל זאָגן — ווען קהלת האָט זיך צו זיי דערנענטערט 1) און פון אלע טיילן פון לעבן איז צו־גענומען געוואָרן זייער רייץ און צויבער. 2)

ער זעט, צום ביישפּיל, א הויכבעגאבטן פאָטער פון א משפחה. (י' ג.) עס רינגלען אים ארום צאָלרייכע אייניקלאך און אוראייניקלאך, זיי שפּילן זיך לעבן אים צופרידן און גליק־לאך. רייכקייט און פארגעניגן הערשט ארום זיי, און דער וואס זעט זיי, באוואונדערט זייער גליק און לויבט גאָט פאר זיין

1) שבעה הבלים שאמר קהלת כנגד שבעה ימי בראשית (מדרש קהלת פסקא הבל הבלים).

2) שבעה הבלים שאמר קהלת כנגד שבעה עולמות שאדם רואה (שם).

גוטס, אבער קהלת׳ס קאלטע ליפּן פליסטערן צום אלטן: מיין פריינט, א נפל וואס האָט ניט געזען די ליכט פון טאָג, ניט גע־וואוסט פון די פריידן און ליידן פון לעבן, איז דאָך גליקלאכער פון דיר. 3)

ער שטייט ביים קבר פון א מוטער, עס וויינט דער מאן, עס וויינט דער זון, עס וויינט די טאָכטער, עס וויינען ברידער, שוועסטער, פריינט, פריינדינען, קרובים און באקאנטע, אָרימע און באדירפטיקע, יעדעס אויג איז א טריפענדער קוואל פון די שמערצן פון שיידונג — קהלת אליין בלייבט קאלט פארגלי־ווערט, אָן מיטלייד, אָן אויפרעגונג, עס באוועגט זיך ניט קיין מוסקל אויף זיין געזיכט, און אלעס, וואס ער האָט צו זאָגן לוי־טעט (ג. כ׳) ליבע לייטע, זעט, דאס איז די שטענדיקע דרייענדיקע שפּיל פון דער וועלט; אלעס, וואנדערט צוריק אויף דעם זעלבן אָרט, ווי געבוירן אזוי פארלוירן; אלעס קומט פון שטויב און קערט זיך אום צו שטויב. 4) קהלת גריבלענדיקע האנט ווישט אָפּ דעם גאנצן פארבן־רייץ פון לעבן, און אונטער דעם בילד פון יעדן מענטשן — אָן אונטערשייד צו ער טראָגט א כתר מלכות אויפ׳ן קאָפּ אָדער באצירט מיט א קראנץ פון לויב איז זיין נאָ־מען, צי איז ער א פירסט אין דער מלוכה פון וויסנשאפט אָדער ער געוועלטיקט איבער מיליאָנען — שרייבט ער אונטער די ווערטער (ה׳ י״ד) „נאקעט איז ער ארוים אָט דער מלך, דער העלד, דער חכם, דער רייכער, פון זיין מוטערס בויך און נאקעט וועט ער זיך אומקערן.“ 5)

אָבער דורך די גראבע וואָלקנס וועלכע וויקלען אלעס ארום

---

3) טוב ממנו הנפל: כי בהבל בא ובחשך שמו יכסה, גם שמש לא ראה ולא ירע נחת לזה מזה.

4) הכל הולך אל מקום אחד, הכל היה מן העפר והכל שב אל העפר.

5) כאשר יצא מבטן אמו ערום ישוב ללכת כשבא.

טוט דאָך אמאָל ארויסשפּראָצן די פרייד פון לעבן, און פון די טיפענישן פון קבר, וואו קהלת האָט אראָפּגעלאָזט אלע שאפונגען פון דער צייט, דערגרייכט דאָך צו אונזערע אויערן פיל ווערטער, זאצן און שפּריכן, און וועלכע ווייזן עכטע לעבנס חכמה און אמת׳ע דעת ד׳. אָט די ווערטער דינען אונז אלס וועג-ווייזער אין אונזער ערדישן לעבן.

איבערהויפּט האָבן מיר דאָ ניט צו טאָן מיט א להכעים׳דיקן גייסט פון כפירה, וועלכער שטרעבט צעצעשטערן און צעשטויסן אלעס וואס ער זעט און הערט. ניין! דער טיפער ערנסט און די משא פון די שווערע געדאנקען זיינען אויסגעקריצט אויף זיין שטערן, יאוש און געדריקטקייט וויינען פון זיינע אויגן און ביטערנים שעפּטשען זיינע ליפּן, אויך ביינאכט שלאָפט ניט זיין הארץ (ב׳ כ״ג) עס שיינט פאר אונז ווי מיר הערן די קלאפּענישן פון זיין הארץ, ווען ער ליגט אויף זיין איינזאמען געלעגער, און טראכט און דיינקט וואָכעדיק.

ווי אזוי קומט עס אזא זאך, מיינע ווירדיקע צוהערער, אז אזא ספר וואָס איז אָנגעפילט מיט סתירות און ווידערשפּרוכן, וועלכן קענען לייכט פארפירן דעם לעזער, זאָל געפינען א פלאץ אין דער זאמלונג פון די ספרי הקודש? 6) ווי האָט מען דאָס געקענט אזא שטורמדיקן ים מיט שלאָגנדיקע כוואליעס ארייננפירן אין דעם שטילן שטראָם פון אונזער תורה, וועלכע פליסט אַזוי מאַיעסטעטיש און שפּיגל-גלאט ביי די ברעגן פון אמונה און פארטרויען?

און דאָך, מיינע טייערע ברידער, וואלט די ספרי הקדש זיין

---

6) בקשו לגנוז ספר קהלת לפי שדבריו סותרים זה את זה (שבת דף ל׳).

פעליג און ישראל וואלט פיל אַנגעוואוירן, ווען עס וואלט פעלן דער גרויסער און הייליקער ספר צווישן אלע ספרי קודש.

ווייל קהלת, אויב מיר זאָלן אים נאָר גוט פארשטיין און באגרייפן, ברעכט דורך די גרענעצן פון ארץ כנען, גרייפט אָן מוטיק און שטארק אין די גרויסע פעלקער ארום אים און עפנט פאר אונזערע אויגן איינעם פון די גרויסארטיקסטע קאמפן.

דאָס בוך קהלת צייגט אונז נעמליך דעם גוואלטיקן קאמף און דעם גלענצענדן זיג פון אידישן גייסט אין אזעלכע צייטן, ווען די מאָראלישע קראפט פון לעבן איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט געווען זייער שוואך. אוןווירקליך, דער קאמף און דער זיג פארדינען מיר זאָלן זיי שיינקן אונזער טיפסטע אויפמערקזאמקייט.

א.

קודם כל, טייערע פריינט, דארפן מיר קענען די וועלט, אויף וועלכע קהלת האָט געריכטעט זיין דורכנעמענדע אויג, זיין דיינקענדן גייסט און זיין ווארימע הארץ, און מיר וועלן איר באשרייבן מיט זיינע אייגענע ווערטער:

„אין דעם אָרט, וואו עס האָט געדארפט געוועלטיקן גערעכטיקייט, דאָרטן הערשט דאָס אומרעכט, ווייל די גערעכטיקייט איז זיי פרעמד געבליבן". (ג, ט"ז). 7)

שווער געדריקטע גייען איינגעבויגן אונטער דער משא פון

7) ועוד ראיתי תחת השמש מקום המשפט שמה הרשע ומקום הצדק שמה הרשע.

זייער טרויער. ביטער וויינט זייער הארץ איבער זייער שווערן יאָך, און עס האָט זיך ניט געפונען איינער וואָס זאָל וואגן זיי אָפּן טרייסטן און זיי בארואיקן (ד, א). 8)

יעדעס וואָרט פון קעניג איז א באפעל, און קיינער וואגט אים ניט זאָגן וואָס טוסטו. (ח. ד). 9)

דער נאַר זיצט אין דערהויך און די גייסטרייכע — אין דער נידער; די פוילע קנעכט רייטן אויף פערד מיט גאוה און די בארעכטיקטע צו משפט'ן גייען ווי קנעכט צופוס. (י, ו, ז.) 10)

אין פריען מאָרגן זעצן זיך שוין די האַרן טרינקען און זאָרגן ניט וועגן בראָך פון זייער פאָלק. דורך זייער פוילקייט וואקלט זיך דער בנין, און דורך זייער שוואכקייט פארדאַרבן זיי אזוי דאָס הויז, ביז וואנען טראָפּנס רעגן טריפן אריין אינעווייניק און פירן אלעס איבער. (י, ט"ז, י"ח). 11)

שטילע שפּיאָנען, זינד-זוכער און אויסקוקער קריכן אריין אזש ביז די שלאָפצימערן, און אין די גאַסן קוקט יעדער מענטש אין דערהויך, צי הערט אמאָל ניט א פויגל אין דער לופט א וואָרט פון אומצופרידנהייט, און וועט עס איבערגעבן. (י, כ). 12)

די לייכט-פיסיקע קענען ניט אנטרינען, די גבורים ניט זיגן, פון די קלוגע נעמט מען צו דעם ברויט, און פון די פארשטענ־

8) והנה דמעת העשוקים ואין להם מנחם ומיד עושקיהם כח ואין להם מנחם.

9) באשר דבר מלך שלטון ומי יאמר לו מה תעשה.

10) נתן הסכל במרומים רבים ועשירים בשפל ישבו: ראיתי עבדים על סוסים ושרים כעבדים על הארץ.

11) ושריך בבקר יאכלו: בעצלתים ימך המקרה ובשפלות ידים ידלף הבית.

12) בחדרי משכבך אל תקלל עשיר כי עוף השמים יוליך את הקול ובעל כנפים יגיד דבר.

דיקע די מעגלאַכקייט צו שטייגן, דער וואָס ווייס און פאַר־שטייט ווערט ניט געליבט. (ט, י״א). 13)

קורץ, אַלע מאָראַלישע כחות פון מוסר און מדות, ווי צדק, משפט, סדר, גוטע הנהגה, פרייהייט, געוויסנהאַפטיקייט, שפּאַר־זאַמקייט, מעסיקייט, טעטיקייט, שאַצונג און אָנערקענונג פון דעם אמת, אַט די אַלע מעלות זיינען געוואָרן דערדריקט, געליימט און געדעמפּט.

אין אַזוינע קראַנקהאַפטע צייטן — לערנט אונז די געשיכטע — וואַרפן זיך אַנדערע מענטשן אין רויש פון פאַרגעניגן און לוסט אין וועלכע זיי פאַרזינקען, זיי בויען לאַנד־הייזער, פלאַנצן גערטנער און פאַרקן, גראָבן קינסטלאַכע טייכלאַך און סאַזשעלקעס, 14) האַלטן צאָלרייכע דינער, הויז חיות, וואָגנס און וואָגנס, 15) זיי פאַרקערן מיט זינגער און זינגערקעס און מאַכן מאָלצייטן ווי זיי האָבן ליב (ב, ד־ח). אַנדערע יאָגן זיך נאָך געלט, זיי האָבן קיינמאָל ניט גענוג, ווערן קיינמאָל ניט זאַט און זיי געניסן קיינמאָל פון די געלט אויך ניט, ווייל זיי זיינען שטענדיק באַשעפטיקט מיט׳ן ציילן די גאַנצע, האַלבע, דריטלען און פערטלען. „אַט א מאַן גייט אַרום אַליין, ער האָט ניט קיין זון און קיין ברודער, דאָך ווערט ער ניט מיד פון אַרבעט און זיין אויג ווערט ניט זאַט מיט רייכטום.״ (ד, ח). 16)

13) שבתי וראיתי תחת השמש כי לא לקלים המרוץ ולא לגבורים המלחמה ולא לחכמים לחם וגם לא לנבונים עושר וגם לא ליודעים חן.

14) ברכות מים כמו ביברין של דגים שהופרין בקרקע (רש״י).

15) שדה ושדות מרכבות גוי עגלות צב ובלשון גמרא יש שדה תיבה ומגדל (רש״י).

16) יש אחד ואין שני גם בן ואח אין לו ואין קץ לכל עמלו וגם עינו לא תשבע עושר.

אויך דער מיטעלער קלאס מענטשן, די וואס זיינען נאָך עמפּפינדליך פאר די איינפלוסן פון גייסט און זייער נפש דורשט נאָך העכערע פארלאנגען, טיילן זיך איין אין צוויי קלאסן.

אנדערע פון זיי שוועבן אין וועלטן פון אבסטראקטע געדאנקען, וועלכע האָבן ניט קיין אנשפארונג און שטיצע אין לעבן. זיי צעשטערן און צעשטויסן אלעס וואס איז וויכטיק און הייליק, מאטערן זיך שווער און אָן אן אָטעם אויפצובויען לופטשלעסער, און שווינדלענדע סיסטעמען, וועלכע פארמאָגן ניט קיין יסוד אין גייסט; זיי לייקענען אין גאָט, אין השגחה פרטית, אפילו אין זייער אייגענער נשמה, זיי צעשטערן ביז'ן גרונט אלע זייערע גוטע מדות און פארדארבן זייער זעלע.

אנדערע ווידער ווארפן זיך אין די אָרעמס פון אמונה, אבער ניט פון דער ריינער און קלאָרער אמונה, וועלכע איז פריש מיט לעבן און קראפט, נאָר, מיט אזא סאָרט רעליגיעזער געשפענסט, וואס האָט ניט קיין אויגן צו זען און קיין הארץ צו פילן. אן אמונה, וואָס אירע ביינער זיינען טרוקן און איז פול מיט צלמות־שרעקן. זי פארמעגט אָן א שעור תפלות און אָן א צאָל פון נדרים, וועלכע עס איז אוממעגלאך אָפּצוהיטן.

אויף דעם אָרט פון דער געשיכטע ערשיינט קהלת מיט א געזעצטע דעה, וועלכע איז ניט בויגזאם און ניט פארשטאָכן מיט שוחד, נאָר דורכגעדרונגען מיט אמת און גערעכטיקייט, מיט א באָאבאכטענדער אויג און מיט א פאָרשענדן גייסט, מיט א גליענדן הארץ פאר די ליידן און פריידן פון דער מענטשהייט — און א גוואלטיקער קאמף שטורמט אויף זיין ברוסט.

אין דער נאַטור אליין, אין דעם ווערקשטאַט פון גאָט, אָן דער אריינמישונג פון א מענטשלאכער האנט, האָט ער געפונען אָרדענונג, דיסציפּלין און געזעץ. „אַ דור גייט און א דור קומט.“

„עס שיינט די זון, עס פארגייט די זון," „אלע טייכן גייען צום ים און דער ים איז ניט פול," „וואָס עס איז געווען דאס וועט זיין און וואס עס איז געטאָן געוואָרן דאָס וועט געטאָן ווערן." (א, ד, ה) — נאָר אין דער ממשלה פון פרייען גייסט האָט ער געפונען א צומישעניש און אומאָרדענונג, אן אָפּוויטערונג און פאר־פרעמדקייט פון דער אָריגינעלער, אורשפּרינגלאכער מענטשן־נאַטור, פון דעם וועג פון געזעץ און גערעכטיקייט.

„לכה נא אנסכה בשמחה" (ב, א־י.) טראכט קהלת און חבר'ט זיך מיט מענטשן, וועלכע יאָגן זיך נאָך פארגעניגן, פי־לייכט וועט ער דאָרט אין זייער געזעלשאפט קענען שטילן זיין שטורמישע הארץ, דורכ'ן אונטערבראָכענעם גוטן לעבן געפינען באַרואיגונג. ער האָט מיט זיי שפּאַצירט אין זייערע גלענצענדע וואוינונגען, אין זייערע לוקסעס הייזער און גערטנער; ער האָט געשפּילט און געטרונקען מיט זיי, ארומגערייזט אין זייערע רייטוועגן, זיך צוגעהערט צו זינגער און זינגערינס — אבער א טייערער גייסט קען לאנג אין אזאַ געזעלשאפט ניט אויסהאַלטן. אם ענדע מוז עס פול מיט איבערדרוס אויסשרייען: „הכל הבל ורעות רוח" — ליידיג און וויסט זיינען די מַעשים פון די מענטשן, א געיעג נאָך ווינט און לופט.

דאן טרעט ער אריין אין דער געזעלשאַפט פון גאָלד־דורשטי־קע און געלט־יאָגנדע מענטשן, ער נעמט א טייל אין זייערע אונ־טערנעמונגען און פּלאנען, ער געווינט גרויסע סומען געלט, ער ערווערבט א באדייטנדן פארמעגן, ער זעט ווי עס מערן זיך גאָלד און זילבער אין זיינע קאַסעס — אבער באלד מאטערט אים ווי־דער דער רוף „הכל הבל" (ד, ו') וואָרים וועלכער בעסערער מענטש קען דאָס געפינען א שטענדיקע באפרידיגונג אין זאמלען און הויפן פון געלט, וועלכע זיינען טויט, אָן א גייסט פון לעבן!

האָט ער גענומען האַלטן מיט יענע, וועלכע זיינען זיך מתבודד פון דער וועלט און ווירקלאַכקייט און גיבן זיך אָפּ נאָר מיט זייערע אייגענע געדאַנקען. ער האָט ניט גערוט, ניט גע־שטילט און ניט געשלאָפן. ער איז נאָר געזעסן און געטראַכט, גע־דענקט, געפּרואווט, אונטערזוכט, געפאָרשט, געדרונגען און גע־שלאָסן, צושיידט און געבונדן, צוגעגליכן און זיך געגריבלט; ער האָט אויסגעטריקנט די בלומען פון לעבן ביז זייער פאַרב און ריח זיינען פאַרשוואונדן, און איבערגעלאָזט פאַר'ן גייסט נאָר א פאַרוועלקטן באַגריף, אפילו אלעם האָט ער אריינגעצויגן אין זיין געדאַנקען־נעץ „וואָס איבער אים, וואס אונטער אים, וואָס פאַר אים און וואס נאָך אים." 17) — אָבער ביים ענדע האָט דער פאַקל, דורך וועלכן ער האָט אלעם באַלויכטן, אונטערשיידט און געזוכט די יסודות, זיין אייגענעם איך געשטעקט אין פייער. 18)

דאַמאָלט האָט ער פאַרלאָזן אלע חקירות און זיך געווענדעט צום בלינדן גלויבן. ער איז געלאָפן מיט אלע אָפּטע גאָט־בעטער אין די שולן, האָט געמערט און געהויפט ווערטער אויף ווערטער, תפלות אויף תפלות, נדרים אויף נדרים און נזירות אויף נזירות; ער האָט אויסגעהערט אויספירלאכע שילדערונגען פון די איינ־ריכטונגען פון גיהנום און גן־עדן. ער איז געוואָרן ענטציקט, באַרוישט, פאַר'שיכור'ט און פול מיט וואונדער פון דער נייער גלאַנציקער, שימערנדער און פאַנטאַסטישער וועלט — אָבער עס נעמט ניט לאנג און זיין פאַרשידענער גייסט האָט זיך ערוועקט; ער האָט זיך אויפגעוועקט פון זיינע בונטע חלומות, וועלכע האָבן אים פאַרפירט מיט זייער פאַלשן צויבער און זייער פאַל־שער ליכט, וואס איז געווען פול מיט שאָטנס, — אזוי איז קהלת געבליבן שטיין גאַנץ פאַראיינזאַמט אויף דער ערד, פאַרלאָזן פון

---

17) מה למעלה ומה למטה, מה לפנים ומה לאחור.
18) כי ברב חכמה רב דעת ויוסף דעת יוסיף מכאוב.

זיך, אומבאפרידיקט פון אלע דערשיינונגען און פארמאוסט ביי זיך אליין פון אלע ניט איינגעגעבענע פּראָבעס; דאָס גאנצע לעבן איז אים געשטאַנען ווי פארגליוועדט אנטקעגן, געבונדן און גע־שמידט אין קייטן, אָן ווארהייט און אָן מדות, אָן האָפענונג, מוט און אונטערנעמונג. דאָ איז געשטאַנען פאר אים אן אָפּגעלעב־טער מענטש פון געיעג נאָך לוסט, פארגעניגן און געלט, דאָ אַ פינסטערער גריבלער, דאָרט אַ פרעכער גאָט־לייקענער לעבן אַ פינסטערן גאָט־בעטער אַ פאַנאַטיק. — טויזנטער דענקנדע גייסטער זיינען אין אזעלכע גייסטיקע שטימונגען אונטערגע־גאנגען, אבער קהלת האָט אבער געפונען אן אויסגאנג „נכנס בשלום ויצא בשלום“ — ער האָט זיך זעלבסט צוריק געפונען און געפייערט א גלענצענדן זיג.

ב.

„איך האָב געזען — דערציילט קהלת (ט, י"ד ט"ו) — א קליינע שטאָט מיט אַ קליינע צאָל איינוואוינער, איז געקומען צו איר א מעכטיקער קעניג, איר באלאגערט, איר איינגעשלאָסן און איינגעריכטעט גרויסע ווערק קעגן איר. אין דער קליינער שטאָט האָט זיך אבער געפונען אן אָרימער און קלוגער מאן, וועלכער האָט מיט זיין חכמה געראטעוועט די שטאָט פון דעם שונא. קיינער האָט אבער ניט געדענקט דעם אָרימען, קלוגן מענטשן.“

די פּאסירונג, וואס איז אפשר געשען אין קהלת'ס צייטן, האָבן געווירקט ווי א צויבער ביי אים אין הארצן, עס האָט אים אויפגעוועקט פון זיין שווערן דרעמל. ווי! האָט קהלת גערעדט צו זיך, איז דען דער מענטש אויך ניט א קליינע שטאָט, וועלכע איז באלאגערט און איינגעשלאָסן פון ווידערשפּרוכן, קעגנזאצן

און פיינטלאכע אויסערלאכע כחות פון לעבן, און קען דאָס זיין, אַז אין אים זאָל זיך ניט געפינען אן אומבאמערקטער שוץ־גייסט פון אמת'ע חכמה, וועלכער זאָל זיין בכח צו פארטרייבן די דרינגענדע און שטורמנדע פיינט?

ער האָט געטראכט, געזוכט און געפונען דעם שוץ־גייסט אין דער נאַטירלאכער, אויסגעמאָסטענער און אורשפרינגלאכער שטימע פון זיין ברוסט, אין דעם גלייכן רוף „עשה האלהים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים" (ז, כ"ט.) דיזע ערנסטע שטימע ציט דעם מענטשן אינסטינקטיוו צום לעבן, „גם את העולם נתן בלבם" (ג, י"א). גאָט האָט געגעבן די וועלט פאר פרייד, הנאה, געמיטלאכע חבר'שאפט און טעטיקייט, מען זאָל באַשטימען לויט די געזעצן פון חכמה און יושר — אָט דעם קול האָט קהלת געהערט און אינגאנצן נאָכגעפאָלגט. ער האָט זיך דערוויטערט פון יעדע איבערמאָסיקייט און איבערגרעניצקייט, פון צופיל גריבלען זיך, פון איבערפליסיקן געניסן, פון אומגלויבן און פון פאנאטיזם, פון אומאויפהערלאכער טעטיקייט און פון פוילע אָפגעלאָזנקייט — זיין פלאַץ איז צום ערשטן מאָל געוואָרן ביי די איינפאכע פרייד פון לעבן.

„לך, אכול בשמחה לחמך, ושתה בלב טוב יינך כי כבר רצה אלהים את מעשיך" (ט' ז.) האָט אים גערופן דער קול. זוך ניט דעם לעבנס גליק אין ווילדע, שטורמישע, אויפרייצנדע און גרענעצלאָזע תענוגים, נאָר אין יענע זאנפטע, רואיקע און גע־רוישלאָזע פרייד, וועלכע באטראכט די איינפאכע הנאה ווי א מתנה פון גאָט. (ב' כ"ד, ג' י"ג) פון דעם גאָט, וואס האָט איינ־געפלאנצט ביי דיר אין הארצן די תשוקה נאָך הייטערקייט און פרייליכקייט און ער וויל ניט מען זאָל דיך פייניקן, דריקן און אָפטויטן דיינע נאטירלאכע באגערן.

און ווילסטו אז די איינפאכע לעבנס-פרייד זאָל ביי דיר האָבן א קיום, זיך נאָך פארמערן און פארזיכערן, טאָ היט זיך פון התבודדות. פאָלג דיין איינגעוואָרצעלטן באגער צו געזעל־שאפט. היט דעם לעבן נאָכדעם ווי דו האָסט זיך פארבונדן מיט אָ פרוי, 19) וועלכע דו ליבסט און וועלכע ליבט דיך; נעם אנטייל אין דיין פרייד און גרייט שטענדיק צו דיין הילף. וואָרים זע, אין אלע מענטשלאכע שטארקע פארגעניגנס, וואָס דו האָסט פאר מיר אויסגעמאָלן, האָב איך געפונען: הייזער, גערטנער, פרדסים, טייכן, הויז-חיות, רייטוועגנס, דינער זינגער און זינ־גערינס — אָבער ניט קיין ווייב, קיין מוטער, קיינע קינדער, איז נאָך ביי דיר א וואונדער, פארוואס די אלע לוקסוסן זיינען ביים ענדע דיר פארמאוסט געוואָרן?

און אויב דו האָסט אן איבערפלוס פון טאלאנט און כשרונות — און געוויים האָסטו עס, ווי יעדער מענטש האָט זיי — וועלכע גרייכן ווייטער פון דעם קרייז פון דיין הויז און פאמיליע, טאָ „כל אשר תמצא לעשות בכחך עשה" (ט. י.) בבקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך." (י"א ו'.) באנוץ זיך מיט יעדער געלעגנהייט, וואו דו קענסט דיינע קרעפטן ענטוויקלען, דיינע פייאיקייטן פארוואירקלאכן, דיינע מתנות פארווערטן אין נוצלאכעס און היילזאמעס פארברייטערן, — שטרעבט נאָך חכמה און ווינסשאפט; ווייל „טובה חכמה מכלי קרב" (ט, י"ח) אנטקעגן אלע דיינע פיינט, וועלכע זוכן צו צעשטערן דיין אי־נערלאכע וועלט. אבער „קליג זיך ניט און גריבל זיך ניט צופיל, זיך פאראיינזאמען אין דיינע חקירות, וואָרים פארוואס זאָלסטו זיך אליין צעשטערן? (ז, ט"ז.) און אויך אין דיין גאָטעס-דינסט, אין די זיכטבארע וועגן פון דער אמונה, דארפסטו טאָן מיט אָ

19) ראה חיים עם האשה אשר אהבת.

מאָס „שמר רגליך כאשר תלך אל בית האלהים" (ד׳ י״ז) ווייל ניט דאָס גיין אליין איז דער עיקר, נאָר ווי דו גייסט דאָרט, דיינע געדאנקען און רעיונות וואס דו ברייגנסט מיט זיך, ווען דו גייסט זען את אדון ד׳ צבאות. אויך זאָלסטו זיך ניט איילן ארויסצוזאָגן מיינונגען וועגן אמונה, און זיי ניט ראשיק אין די אורטיילן פון דיין הארצן וועגן געטלאכע זאכן, ווייל „האלהים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים" (ה׳ א׳.) דער וועג איז ווייט, דער ציל הויך, דו ווייסט ניט אלעס, קענסט אלעס ניט וויסן, דעריבער זאָלן דיינע ווערטער זיין ווינציק, אויך איז „טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם" (ה׳ ד׳) און ניט וויסן פון קיין רו און שטילקייט אין דיין זעלע.

און ווען דו וועסט שוין האָבן געפונען איינמאָל די מאָס און דו וועסט מעסטן אין זיך, צו זיך, ארום זיך און איבער זיך; ווען דיין הארץ וועט שוין מער ניט זיין א שטורמישער ים, נאָר אַ רואיקער שטראָם, וועלכער וועט האלטן אין זיך די בליאונגען און פרוכט פון דער איינפאכער פרייד אין גאָט; ווען די אלע אויסערלאכע קעגענזאצן וועלן ביי דיר ווערן שלום און פאר־איניקט צו א העכערער הייליקייט, — דאמאָלט וועסטו גיין זיכער דיין וועג, דאן וועסטו ניט בלאָנדזשען איבער דער וועלט. און ווען דו וועסט זען אין דער אָדער יענער מדינה פון צייט צו צייט הערשנדע הפקרות, פארדאָרבנקייט און אומגערעכטיקייט, וועסטו וויסן פון דיינע אייגענע נסיונות, אז נאָר דורך דעם סוף ווייסט מען און מען באגרייפט די ענטוויקלונג פון די אלע גע־שעענישן 20) „כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע," אַז גאָט ברייגנט צום געריכט יעדע טאָט אויף דער ערד, און עס איז דאָ גערעכטיקייט אין דער גע־

20) סוף דבר הכל נשמע (י״ב, י״ג).

שיכטע, פריער אָדער שפּעטער משפּט גאָט ביד חזקה ובזרוע נטויה; עס איז דאָ אן אָפּצאָל און אן עונש צו די מעשים פון אלע פעלקער, ווען די מאָס ווערט פארפולט און די שטראָף־צייט קומט.

אזוי האָט גערעדט די שטימע און קהלת האָט צוגעהערט און געפאָלגט. זיין זעלע איז פול געוואָרען מיט פרייד, און די שאַרפע און שרייענדע סתירות פון לעבן האָבן זיך אויפגעלייזט ביי אים אין גייסט צו א געטלאכער הארמאָניע — און זיגרייך איז ער ארוים פון דעם גוואלטיקן קאַמף, אין דער קראַנקהאַפטער און צעשטערענדער צייט.

אז דיזע שטימע, מיין ווערטע צוהערער, לערנט פארשטאַנד און חכמה ווי צו לעבן אויף דער וועלט אין אזוינע פארדאָרבענע צייטן פון פריעת מוסר, זיינען עדות אלע אידן דאס גאנצע אי־דישע פאָלק. וואָרים וואס אויפמערקזאַמער מיר באַטראַכטן דעם קהלת, און וואס נענטער מיר טרעטן צו אים צו, אלץ מער איז ער אונזערער, אלץ מער, דוכט זיך, האָבן מיר אים שוין אָפּט געזען, און אלץ דייטלאכער דערקענען מיר אין אים שטאַם־צייכנס פון אידישן פאָלק.

האָט דען ניט ישראל זייט טויזנטער יאָרן געהאט די ביי־טערסטע ערפאהרונגען מיט זיך אליין אז „אין דעם אָרט אוואו עס האָט געדארפט געוועלטיקן שטרענגער צדק, דאָרט הערשט אומרעכט, ווייל די גערעכטיקייט איז זיי געבליבן פרעמד“? האָבן זיי דען ביי זיך אָפט ניט געזען אז „זיי גייען איינגעבויגן אונטער זייער טרויער, ביטער וויינט זייער זעלע אונטער דעם לאַסט פון זייער יאָך: מוטערס, פון וועמען מען האָט אָפּגעריסן קינדער און זיי פארפרעמדט; פאָטערס, ביי וועמען מען האָט אוועקגערויבט די האָפענונגען פון זייער עלטער; געמיינדעס,

פון וועלכע מען האָט צעטראָטן, פאַרשעמט, באַשימפּט און באַשפּאָטן זייערע הייליקייטן, זייער גלויבן, זייער כבוד און זייער שיינקייט. עס האָט זיך ניט געפונען איינער, וועלכער זאָל האָבן געוואגט אָפן און פריי זיי צו טרייסטן און צו באַרואיקן? ווען ישראל האָט געוואַנדערט צווישן פעלקער האָט ער זיך דען ניט באַגעגנט אויפ'ן וועג און ניט געקומען אין בערירונג מיט רעליגיעזער גריבלעריי, מיט גראָבע און נאַרישע חקירות, מיט כפירה, מיט פאַנאַטיזם, מיט פאַרשטיינערטע אמונות, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער פרישקייט און לעבנס-קראַפט? וואָלט שוין דען ניט יעדעס אַנדערע פאָלק פאַרלוירן זיין לעבנס-פרייד און געזונקען אין אים פון ספקות איבער די שטאַרקייט און יכולת פון גאָט און איבער דעם נצחון פון צדק ויושר?

וואָלט עס דען געווען א וואונדער, ווען מיר וואָלטן זען די חכמי ישראל וואַרפן זיך פון איין קעגנזאַץ אין א צווייטן, פון רויש און טומל אין אָפּשוואַכונג און טעטיקייט, פון הויכן דעת אין תהום פון כפירה, פון דער ממשלה פון לעבן און ליכטיקייט אין דער אונטערוועלט פון פינסטערניש.

אָבער, ניין! ישראל האָט קיינמאָל ניט פאַרלוירן זיין נאַטירלאַכע איינפאַכע פרייד אין די מתנות פון לעבן. ער באַהאַלט זיך אוים ווען די וועלט דריקט אים אין טרייען קרייז פון זיין משפחה, פאַרבונדן מיט א ווייב, און דאָרט ביי אים אין הויז ענטוויקלט ער זיינע קרעפטן, ער געשטאַלט זיי אוים און פאַרפאָלקאָמט זיי צום וואויל און בעסט פון דער מענטשהייט, וויפיל עס איז אים מעגלאַך לויט די גרענעצן וואס זיי האָבן ארום אים ארומגעצאָמט. ישראל היט זיך אוים פון די לערע שאָטנס אָן לעבן, אָן גייסט און אָן וואַרהייט. און דאָס אַלעס, די לעבנס-פרייד אין מיטן די באַדריקונגען, האָט ער עס צו פאַרדאַנקען זיין אמונה! ווייל דאס אידנטום איז ניט א רעליגיע פון טויט

און טרויער, נאָר פון לעבן און פרייד. ישראל זאָגט ניט צו דעם שטערבלאכן מענטשן: ווען דיין אינערלאכע וועלט איז וואקלענדיק, ווען די סתירות שטויסן זיך אין דיר איינע אין די אַנדערע, גיי און זוך היילונג און שלום אויסערלאך פון דיר, אין דעם טונקל פון די סודות. ניין! אין דיר — רופט עס אוים — אין דעם מאָס און גלייכגעוויכט פון אלע דיינע שטרעבונגען און נייגונגען, אין דער קליינער וועלט ביי דיר אין דעם מיט שמחה פון גאָט אין הארצן רוט דער שלום. „עבדו את ד׳ בשמחה בואו לפניו ברננה“ (תהלים ק׳ ב.) „ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך ועברך ואמתך והלוי והגר והיתום והאלמנה אשר בשעריך“ (דברים ט״ז י״ד) אלעם ארום דיר זאָל אָטעמען מיט פרייד און יום-טוב פון גאָט.

איין גרויסער משורר, מיינע טייערע צוהערער, פאַר ווענען דייטשלאנד וועט באלד פייערן זיין הונדערט יאָריקן געבורטסטאָג, דריקט אוים אין איינע פון זיינע לידער די בענקשאפט נאָך די גריכישע געטער, ביי וועלכע, ווי ער זאָגט, דער פינסטערער ערנסט און די טרויעריקע נזירות האָבן ניט פארפינסטערט זייער מונטערע עבודה און די פרייד איז דאָרט ניט געווען צום שאַנד. ער האָט ניט דערמאנט דעם פריילאכן גייסט אין דער אידישער אמונה, ווייל ער האָט איר ניט געקענט, ניט פארשטאַנען און ניט באגריפן. זאָל ער זיך בענקען! די פריילאכע וועלט פון די גריכן איז אונטערגעגאנגען און מוז אונטערגיין, ווייל ביי זיי איז געווען די פרייד מיט דער גריכישער נאַטור, ערד און זעלבסטשטענדיקייט און ווי זיי זיינען אָפגעריסן געוואָרן פון זייער מלוכה און ערד זיינען זיי אינגאנצן אונטערגעגאנגען, אָבער ישראל׳ס פרייד נעמט זיך ניט פון כרמל און לבנון, נאָר פון דעם הארצן פון מענטשן וואָס גאָט רוט דאָרט. זי ציט איר יניקה פון די זאפטן פון מחשבות און מעשים, און וועט דע-

ריבער אייביק עקזיסטירן. און אפילו אין טעג פון חשך און צרות פייערן די אידן דעם יום-טוב „זמן שמחתנו“ ניט האָבנדיק קיין פעלד און גאָרטן, קיין שניט און אסיף. ישראל קען ניט דעם בלינדן צופאל, דעם רעטזועלהאפטן שיקזאל, נאָר דעם גע־רעכטן, אלמעכטיקן גאָט, וועלכער פירט די וועלט מיט גערעכ־טיקייט; ער געוועלטיקט איבער דעם הויכן און נידריגן, איבער גוטן און שלעכטן, איבער גרויס און קליין, און די זון פון זיין גערעכטיקייט וועט שיינען איבער די פעלקער, וואס האלטן איין זייער יוגנט אין פארלויף פון טויזנטער יאָרן איבער די מעי מפלה פון די פארשוואונדענע פעלקער. אויף זיי וועט רוען זיין כבוד און עס וועט דערהויבן ווערן זיין גבורה, זיין צדק, זיין חכמה און זיין תפארת. אמן.

דרוש לפרשה וירא

די לערן פון אידישן דת

חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית
צדיק עם רשע והיה כצדיק כרשע חלילה
לך השופט כל הארץ לא יעשה משפט.
(בראשית י״ח, כ״ה)

אין דער צייט פון חורבן בית שני, ווען די אידן האָבן איינ־געבויגן דעם אקסל צוליידן אונטער דעם שווערן יאָך פון די שטאַרקע רוימער, איז אויפגעשטאַנען א גרויסער שרייבער, א געצן־דינער, און האָט אָנגעשריבן א פאַמפלעט פול מיט רכילות געגן אידן. ער האָט זיך געגריבלט אין די פילע ביכער אין די ביבליאָטעקן אין דער שטאָט אלכסנדריה פון מצרים און וואו ער האָט נאָר געפונען א שלעכט און גיפטיק וואָרט קעגן אידן האָט ער איבערגעזעצט און נאָך צוגעגעבן מיט רשעות פון זיינע איי־גענע. צווישן זיינע בלבולים אויף אידן זיינען אויך געווען די אלטע באשולדיגונגען, אז אידן זיינען מענטשן־פיינט און זיי טראָגן אן איינגעוואָרצעלטן האָס אין הארצן צו די גריכן בפרט און צו אלע פעלקער בכלל.

יוסף בן מתתיהו הכהן, וועמען מען האָט גערופן פלאַוויוס, האָט זיך לאנג גע׳ישובט אין הארצן, צי זאָל ער עפּעס ענטפערן דעם שונא ישראל אָדער ניט.

פלאַוויוס האָט געהאלטן אז די נארישע רייד פון דעם שריי־בער, זיינען אלץ בלבולים וואס האָבן ניט קיין טעם, און פאר־דינען ניט מען זאָל זיי שענקן די קלענסטע אויפמערקזאמקייט,

אָבער דאָך האָט ער בארעכנט, אים יא צו ענטפערן, ווייל עס געפינען זיך פיל מענטשן, וועלכע קענען זיך ניט אריינדרינגען אין די זאכן און גלויבן די שונאים וואס באשולדיקן די אידן אין אלעם. אָט די אומשולדיקע מענטשן מוז מען אויפקלערן און ווייזן, אז די רייד פון די צוררי ישראל זיינען גרונדלאָז און געבויט אויף אומוויסנהייט.

אכטצן הונדערט יאָר זיינען פארלאָפן פון יענעם טאָג וואס דער צורר האָט געלעסטערט די אידן, און צו אונזער גרויסן ווייטאָג זיינען נאָך ניט אויסגעגאנגען און פארשניטן געוואָרן די משפחות פון די צוררים. פון צייט צו צייט שטייען אויף נייע פיינט קעגן ישראל, אבער ניט מער קיין געצן־דינער! ניין! מענטשן, וועלכע באשיינען די טעמפלען פון א רעליגיע, וועלכע לערנט ליבע צו גאָט און מענטש, וועלכע רופט צו די גלויביקע און זאָגט זיי: „האָט ליב אייערע פיינט; בענטשט אייערע שילטער; טוט גוט מיט אייערע פיינט און בעט גאָט פאר אייערע פארפאָלגער און לעסטיגער."

אזוינע מענטשן פון וועלכע מען האָט געקענט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן צוימען ניט נאָר זייערע אייגענע שלעכטע הארץ נייגונגען, נאָר אויך די מיילער פון אנדערע אין פאָלק, ביי וועמען די רייד פון דער תורה זיינען הייליק אזוי ווי ביי אונז, אָט די פירער זיינען דאָס די צוררים, וועלכע האָבן דעם מצח אשה זונה צו פארדרייען, צו איבערקערן און צו צוקרימען אלעס וואס שטייט אין תורת אלקים. זיי ערקלערן נאָך ברבים, אז די היטער פון דעם אלטן אידישן דת, תורת משה, די דינער פון דעם איינציקן גאָט, היחיד והמיוחד, פארשעמען און האסן אלע פעלקער, און זייער גאנצע שטרעבונג איז נאָר זיי צו בארויבן און איבער זיי צו געוועלטיקן.

לאָמיר טאקע האָבן א ויכוח! איין בליק אין די ערשטע פּאַסירונגען ביי דער ענטשטייאונג פון אידישן פאָלק איז גענוג אום צו מאכן צו נישט די נארישע מלשינות פון די שונאים.

אין די ערשטע פאסירונגען ביי א פאָלק, מיינע טייערע ברידער, אין די פריע בילדער, וועלכע זאָגן אָן ווי די פרימאָרגן שטערן דעם קומענדיקן טאָג, ענטפּלעקט זיך ווי אין א געשליפן שפּיגל דער גייסט פון פאָלק. מיר זעען דורך זיי זיין תוך און עצם און קיין זאך קען ניט ווערן פארבאָרגן. און וואס זעען מיר ביים אידישן פאָלק? פון זיינע ערשטע טעג איז איינגעקריצט געוואָרן אין די הערצער פון אידישן פאָלק די דמות דיוקנו פון אברהם, א געשטאלט וואס איז ניט אָפּצושאצן און וואס האָט ניט קיין גלייכן אין ליבע צו מענטשן און אין ווילן צו טאָן חסד. אויף אים, אברהם'ן, האָט עס גאָט געזאָגט (בראשית י"ח, י"ח) ונברכו בו (בו, מיינט צוליב אים, צוליב זיינע טע־טיקייטן, וועלכע זיינען פול מיט ליבע און חסד צו מענטשן) כל גויי הארץ.

אברהם זיצט ביים טיר פון זיין געצעלט, ווען די זון שיקט אירע ברענענדע שטראלן אויף דער הייסער ערד, און ער זעט דריי אורחים קומען. און די דריי מענטשן, ווי אונזערע חז"ל זאָגן, זיינען אים אויסגעקומען ווי פון דריי באזונדערע שבטים 1) האָט דער פאקט, וואס זיי זיינען קינדער פון אנדערע פעלקער, האָט אים אָפּגעהאלטן פון אריינצוברייינגען זיי אונטער זיין דאך און זיי דערפרישן מיט עסן און טרינקען? ניין! ווי ער האָט נאָר דערזען אז זיי גייען אין איין וועג, ניט שטערנדיק איינער דעם אנדערן, ניט מאכן ווייטאָגן דעם חבר, ווי עס פאסט פאר אָרנט־

1) אמר רבי לוי אחד נדמה לו בדמות סרקי ואחד נדמה לו בדמות נווטי ואחד בדמות ערבי (ב"ר פ' מ"ח).

לאכע מענטשן מיט ריינע הערצער — איז ער תיכף געלאָפן זיי אנטקעגן און זיי איינגעלאדן צו זיך אין הויז.

אויך ווען גאָטס צאָרן איז ארויס אויף סדום ועמורה זיי אי־בערצוקערן און צו פארטיליקן, האָט דער מאן וועמענס הארץ עס האָט געברענט מיט מענטשן ליבע ניט גערוט און ניט געשטילט! ער האָט זיך דערנענטערט צו גאָט, געפירט א ויכוח, געבעטן און תפלה געטאָן. 2)

זאָגט נאָר, טייערע ברידער, ווען אפילו היינט קענען קומען די פעלקער צו דעם אָרט וואו עס איז געשטאַנען דער פאָטער פון די אידישע שבטים מיט טויזנטער יאָהרן צוריק? זיינען דען ניט הונדערטער אידישע קהלות ארויס שולדיק אין משפט, ווען ניט נאָר עס זיינען אין די קהלות נאָך געווען צו פופציק צדיקים, נאָר אומגעקערט, אלע זיינען געווען צדיקים און נאָר פופציק רשעים זיינען דאָרט אפשר געווען?

דער תלמוד ירושלמי דערציילט אונז, אז גאָט משפט די פעלקער ביינאכט ווען זיי שלאָפן און טוען ניט קיין שלעכטס, אָדער ער קלייבט אויס די אָרנטלאכע און משפט אלעמען נאָך זייערע מעשים. 3)

סדום ועמורה זיינען איבערגעקערט געוואָרן, ווייל עס האָבן זיך דאָרט ניט געפונען אפילו צען צדיקים, און אברהם איז גלייך אַוועק אין גרר — ווי עס דערציילן אונז ווייטער די חז״ל — צו זוכן א נייעם אָרט, וואו ער זאָל קענען טאָן צדקה וחסד. 4)

---

2) הנגשה למלחמה, הנגשה לפיוס, הנגשה לתפלה (שם מ״ט).

3) אמר רבי לוי ידין לאומים במישרים, הקב״ה דן את האומות בלילה בשעה שהן בטילין מן העברות. שמואל אמר ידין לאומים במישרים בכשרים שבהם (ירושלמי ר״ה פ״א).

4) ויסע משם אברהם, לפי שחרב מקומה של סדום פסקו העוברים ושבים ואמר מה אני מפסיק צדקה מביתי הלך ונטה לו אוהל בגרר. (ב״ר פ׳ נ״ב).

אָט אזוי שטייט פאר אונז לעבעדיק א בילד פון מענטשן־ליבע אין געשטאַלט פון דעם פאָטער פון די אידן, און אזוי הויבן אָן די געשעענישן מיט די אידן צו פליסן פון א ריינעם קוואַל, פון א מענטשן וואס איז געווען פאר א מופת צו דער וועלט מיט זיין קלאָרע און ריינע ליבע צו דעם מין האנושי. אָט די ריינע ליבע האָט געשלאָגן וואָרצלען ביי אונזער פאָלק און איז אזוי געשטיגן און געוואקסן און זיך ענטפלעקט פריער דורך משה איש אלקים, דורך דוד נעים זמירות ישראל און דורך שלמה זיין זון, שפעטער אויך דורך די נביאים און משוררים, און אזוי האָבן אונז אויך געלערנט די חכמים ומחוקקים אין די בתי־מדרש אין ארץ ישראל און אין בבל און אין אלע לענדער, וואו מיר זיינען נאָר פארשפרייט געוואָרן.

לאָמיר פייערן דעם אנדענקען פון אונזער פאָטער אברהם, לאָמיר דורך דעם באטראכטן די לערע פון אידישן דת אין די באַציאונגען צווישן איד און ניט־אידן. לאָמיר פריער דורך דעם ענטפערן אויף דער פראגע: וואָס איז די אידייע פון יהדות וועגן די זאכן נאָך די יסודות פון דת און אמונה? און נאָכדעם וועט קומען דער ענטפער אויף דער פראגע: וואָס האָט אונז אין דערווירקלאכקייט די יהדות געלערנט וועגן דעם אין אלע צייטן און אלע ערטער?

א.

עס זיינען פאראן דריי פונדאמענט־זיילן, מיינע ווערטע ברידער, אדער גרונד־פרינציפן אויף וואס דאָס אידישע פאָלק שפארט זיך אָן. דאָס זיינען: דער שכל, די אנערקענונג פון גאָט און מענטשן און די באציאונגען צווישן זיי.

תאווה, קנאה און שנאה, די דריי פאַרדאַרבענע מדות, פירן אראָפּ דעם מענטשנ׳ס שכל פון גראדן וועג און עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואס זאָל פאר זיי זיין הייליק. דעריבער האָבן די אידישע שונאים איבערגעקערט צו פינסטערניש די ביסל ליכטיקייט וואָס אין זייער אמונה, אז גאָט איז אן אלקים אמת. זיי טראכטן אויס ווי די געצן־דינער, אז דער אידישער גאָט איז נאָר א גאָט פון איין פאָלק, זיין רו־פּלאץ איז ארץ־כנען, זיין הייליקער בארג — דער הר־המוריה, זיין איינציקע פאָלק — איז דאָס עם ישראל.

אזוי קומט ביי זיי אויס, אז דער גאָט, וואס — ווי די תורה דערציילט ביים געבורטס פון הימל און ערד — „בראשית ברא אלהים את השמים (די הימל, וואס נעמט ארום דעם גאנצן כדור הארץ) ואת הארץ" (די גאנצע ערד, וואו עס לעבן אלע פעלקער); דער גאָט, וואס האָט געגעבן דעם רעגן־בויגן פאר א צייכן פון א ברית־שלום מיט אלע פעלקער, זאָגנדיק „עוד כל ימי ארץ זרע וקציר וגו׳ לא ישבתו" (בראשית ח׳ כ״ב), אז יעדער מענטש וואס וועט באארבעטן די ערד וועט זיין זאַט פון די פרוכט פון זיין מי; דער גאָט וואס האָט געזאָגט צו אברהמ׳ן: „ונברכו בך כ ל מ ש פ ח ו ת האדמה" און אברהם רופט גאָט מיט׳ן נאָמען „שופט כל הארץ"; דער גאָט, וועמען משה פּראָקלאמירט מיט׳ן נאָמען יחיד ומיוחד, און דוד האָט צו זיין כבוד געזונגען די שירת היצירה (תהלים ק״ד) וועלכע איז געלויבט און פארהייליקט ביי אלע פעלקער, און צו וועמען שלמה האָט מתפלל געווען „למען דעת כ ל ע מ י ה א ר ץ כי הוא האלהים אין עוד (מ״א ח׳ ס.); דער גאָט, וואס האָט געשיקט יונה הנביא אין דער שטאָט נינוה, א שטאָט פון געצן־דינער, ער זאָל זיי רופן און וועקן, זיי זאָלן זיך אומקערן צו גאָט און פארבעסערן זייערע מעשים און פירונגען, — אויף דעם גאָט זאָגן

זיי דאָס אז ער איז נאָר דער גאָט פון אידן, און אין זיין געט־לאכקייט האָט דער איבעריקער מין האנושי גאָר ניט קיין חלק, גאָר ווי להבדיל ווי א פירסט און א נשיא וואס באנוגנט זיך מיט אַזאַ קליינע לאנד ווי ארץ כנעז און עטלאכע מאה רבוא׳ס אידן?

קען דען אין דעם רוח־הנבואה פון ישעיה הנביא, וועלכער רופט צו הימל און ערד פאר עדות, אז גאָט האָט גערעדט (ישעיה א, ב), וועלכער מאכט די הימל פאר גאָטס שטול און די ערד פאר א ביינקעלע צו זיינע פיס, (שם ס״ו, א.) אויך לעבן דער באגריף אז גאָט איז באגרענעצט, און די גרענעצן פון זיין לאנד זיינען דער ירדן און לבנון?

טוט דען ניט ברענען אין דעם הויכן גייסט פון די נביאי ישראל דער הייליקער אמת, אז גאָט איז א גדול ונורא, וועלכער רינגלט ארום און פילט אָן אלע אומות, האלט זיי אויף און טראָגט זיי? האָבן דען ניט די הייליקע נביאים ישעיה, ירמיה און יחזקאל געוואָרפן זייערע ברענענדיקע שטראַף פיילן אויך צו אלע אנדערע פעלקער, אין אַזיע און אפריקע? פארוואס איז ניט אויפגעשטאַנען אמאָל א נביא אין אַטון, ספארטאאו אָדער רוים און אויסגערופן: אז עס וועט קומען א טאָג ווען אלע פעלקער וועלן דינען די געטער פון יון אָדער רוים, אזוי ווי זכריה האָט געטאָן וועגן דעם אמת׳ן גאָט (זכריה י״ד ט) מיט א שטארקן גייסט און פעסטן גלויבן אז דאָס וועט קומען? איז דען ניט א מצות עשה אין דער תורה „ונוקב שם ד׳ יומת“ (ויקרא כ״ד) כדי קיינער זאָל ניט מיינען, אז גאָטס נאָמען איז א שם פרטי, באגרענעצט ווי די נעמען פון אלע אָפגעטער פון די פעל־קער?

דאָס וואס מיר אליין רופן גאָט „אלקי ישראל“ איז עס נאָר צייטווייליק, ביז אלע פעלקער וועלן אים דערקענען, וואָרים ווי

זאָלן מיר אים ביז דאמאָלט אנדערש רופן, אויב ניט „אלהי־ישראל?“

שוין צענדליקער יאָרן, מיינע טייערע ברידער, האָט זיך דאָ ביי אונז אין שטאָט אין אוניווערסיטעט געפונען א גרויס געלערנטער מאן. ער האָט געקענט אונזער גאנצע תורה און עס געלערנט זיינע תלמידים, ער האָט געקעמפט מיט זיין גרויס חכמה קעגן די פאלשע דעות, וואָס די תורה און דער הייליקער רוח אין איר איז ביי זיי ווי א געלעכטער, און וואָלטן ביי היינטיקן טאָג ניט פאלן אזוי נידעריק דער הויכער גייסט און די דרישות וחקירות אין אונזער תורה אין די בתי חכמה אין אונזער לאנד, וואָלטן מיר גאָר ניט געהאט נויטיק אויפצואווייזן, אז דער אלקי ישראל איז דער גאָט פון חסד ורחמים פאר אלע פעלקער, און אז דאָס איז דער גרעסטער חרוף וגדוף פון גאָט צו זאָגן, אז די אידן זיינען ערשטע גלויבער, היטן אין זייער הארצן פיינט־שאַפט און האָס צו אנדערע פעלקער! „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?“

אויך די לערע וועגן דעם מענטשן, וועלכע ווערט געבראכט אין אונזער תורה, טוט איינפלאנצן ליבע און גנאדע צו אלע מענטשן אין די הערצער פון יעדן אידן. „ויברא אלהים את האדם בצלמו“ (בראשית א׳ כ״ז) אָט דער יסוד, וועלכער ווייזט דעם תכלית השלמות פון מענטשלאכן מין און אלע זיינע באמי־אונגען צו שטייגן העכער און העכער, רעכנט דעם מענטשן, אין יעדן אָרט וואו ער לעבט, אין יעדן אויסזען וואס ער האָט, אין יעדע שפראך וואס ער רעדט און אין יעדע קליידער וואס ער איז אָנגעצויגן, פאר א זון פון דעם איינציקן גאָט דער בורא כל; דער יסוד לערנט, אז די מענטשן זיינען קינדער פון איין פאמיליע, וואָס ווי ווייט די מיטגלידער פון דער משפחה זיינען אנדערש מיט׳ן געשטאַלט, קול, נייגונגען, כשרונות און

מעלות, דאָך פאַראייניקן זיך אַלע ווי קינדער צו זייער פאָטער אין הימל; דער יסוד האַלט פאַר שלעכט, דאָס איינטיילן די פֿילע משפחות אין פעלקער, מיט באַזונדערע לענדער גרענעצן — וואָס הענגט אין דער געשיכטע פון אַמאָל און אויך ביי היינטיקן טאָג ווי אַ שווערער וואָלקן איבער אונזער לעבן — אַלס אַן אומ־נאַטירלאַכע און פאַרדאָרבענע זאַך, וואָס עס איז דער חוב פון אַלע קולטורעלע פעלקער, מיט דעם צו מלחמה האַלטן, דאָס איבערשטאַרקן און דאָס אראָפּנעמען. די העברעאישע שפּראַך, פון וועלכע עס רעדט דער גייסט פון פאָלק — אַזוי ווי דער גייסט פון יעדן פאָלק אין זיין שפּראַך — און אויף וועלכע אונזערע עלטערן האָבן גערעדט, געפינט זיך ניט איין וואָרט, וואָס זאָל לערנען דעם מושג פאָלק ווי מיר פאַרשטייען דאָס וואָרט נאַ־ציאָן, אַלס אַ פולשטענדיקע היסטאָרישע און פּאָליטישע פאַר־איינִיגונג; אָט די אַלע נעמען גוי, עם, אומה, לאום, קהל, עדה, ווייזן נאָר אויף אַ קבוץ מענטשן וואָס איז אויפגעזאַמלט גע־וואָרן צוזאַמען דורך אַן איינהייטלאַכע באַמיאונג, דורך גלייכע סדרים און ענינים פון דת ואמונה אָדער תקונים אין געזעל־שאַפטלאַכן און עקאָנאָמישן לעבן — אַזוי שפּייזט אין זיך דער גייסט פון דער הייליקער שפּראַך נאָך פון פאַר טויזנטער יאָרן דעם ערהויבענעם געדאַנק, וועלכער ווערט ביסלאַכווייז פאַר־ווירקלאַכט אין דעם פאַרלויף פון די געשעענישן אין דער וועלט, אַז די פונדאַמענטן פון קעניגרייכן דאַרפן זיין געבויט אויף מאָ־ראַלישע און געזעלשאַפטלאַכע תכליתים, אָבער ניט אויף דעם אַנטייל פון פעלקער פאַמיליעס לויט דער תולדה און שפּראַך.

אויך דער יסוד: קדושים תהיו כי קדוש אני ד׳ אלהיכם (ויקרא י״ט כ׳) וועלכע לערנט וועגן די באַציאונגען בין אדם למקום, דערווייטערט יעדע שנאה און פיינטשאַפט צווישן די מענטשן. עס לערנט, אַז יעדע עולה וואָס מיר טוען, יעדעם

שלעכטעס וואָס מיר פאַראורזאַכן, יעדעס עושק וואָס מיר מאַכן, יעדע פיינטשאַפט וואָס מיר האַלטן אין האַרץ און טראָגן אין אונזער זעלע, יעדער באַטרוג, פאַלשקייט, אָפּנאַרונג, ליגן און קרומקייט, — דערווייטערט אונז פון גאָט און זיינע וועגן; מאַכט פינסטער די הייליקייט פון אונזער זעלע, וואָס דאָס איז אונזער עולם הפנימי. „חלילה לך לעשות עול אזוי ווי חולין צום כהן" 5) שרייט אברהם צו גאָט. אויך אין זוהר געפינען מיר, אַז יעדע מעשה פון צדקה וחסד דערוועקט פון שלאָף אַ נייעם כח אין אונזער זעלע און ברענגט אים אַרויס אל הפועל; פאַרקערט ווידער, אַ מעשה רע שוואַכט אָפּ דעם נפש און טויט איר. 6)

דאָס זיינען די זאַכן וואָס די יהדות לערנט דורך די יסודות פון דער אמונה וועגן גאָט און מענטש. זי לערנט אַ פּאָזיטיווע התחייבות דורך יסודות פון משפט וצדקה, אין די באַציאונגען צווישן איד און ניט־איד. אַזוי האָט די יהדות אונז געלערנט אין יעדער צייט דורך אַלע הייליקע ספרים.

אַזוי איז דאָס, טייערע ברידער, דער לשון „כל שאינו מרחם על הבריות בידוע שאינו מזרעו של אברהם אבינו" (ביצה ל"ב). רופט אויס ווי אַ שופר וועגן די משפטים פון די בני ישראל.

אויב מיר ווילן, טייערע ברידער, קלאָר מאַכן די לערן וועגן די באַציאונגען פון איד צום ניט־אידן, אויך ווי אַזוי זיי זיינען פאַרווירקלאַכט געוואָרן אין לעבן, און דערביי זיין געטריי צו

---

5) חלילה לך חולין הוא לך (ילקוט שמעוני בשם מ"ר).

6) אי בר נש עביד עובדא לתתא כדקא יאות הכי אתער חילא כדקא יאות לעילא, עביד בר נש חסד בעלמא אתער חסד לעילא ושארי בההוא יומא ואתעטר ביה בגיניה. כגונא דא בהפוכא דדא אי עביד בר נש עובדא דאכזרי הכי אתער בדהוא יומא (זוהר ח"ג, צ"ב).

דער געשיכטע פון דער וועלט, דאַרפן מיר קודם כל געדענקען, אז דער נאָמען „ניט-איד" איז ביים אידן ניט קיין אלגעמיינע דאָגמע פאר אלע פעלקער. די אידן מאכן אן אונטערשייד צווישן די פארצייטיקע פעלקער, וועלכע ווערן גערופן די „היידים", און צווישן די היינטיקע פעלקער מיט זייערע גלויבנס.

די „היידים" (היידן) ווערן אָנגערופן „נכרים", „גויים", „אומות העולם". פון זיי זיינען געווען צוויי סאָרטן: איין מין „עכו"ם", וועלכע האָבן געדינט צו געצעס, ניט אָפּגעהיט עריות, גערויבט און געמאָרדעט, ניט געהאט קיין שופטים און שוטרים, און געווען פארזונקען אין נאוף; דער אַנדער מין זיינען געווען די „בני נח", „גרי תושב", „חסידי אומות העולם"; זיי האָבן שוין אָפּגעהיט די „שבע מצות",7) און געלעבט מיט בעסערע מדות צו זיך און צום צווייטן און ניט געווען אזוי פארדאָרבן, דאָך האָבן זיי אויך ניט געגלויבט אין דער תורה און מעמד הר סיני.

די היינטיקע פעלקער זיינען שוין אבער גאָר אנדערש, זיי גלויבן ווי אידן אין גאָט און דער קדושת התורה און מעמד הר סיני; זיי לויבן די נביאים און ביי זיי איז טייער די אידישע זמירות, זיי טיילן זיך נאָר אָפּ פון אידן אין די חובות פון קיום התורה און איהר נצחיות. זיי גלויבן ניט אין משיח און זיינען ניט מודה אין אחדות פון גאָט. זיי זיינען דאָס די נוצרים און ישמעאלים.

עס איז זעלבסטפארשטענדלאך, אז די הייליקע אלטע ספרים און צוזעקומענע ווי ספרי פילון ויוסף הכהן, האָבן נאָר צו טאָן מיט די צוויי מינים גוים פון די פארצייטיקע פעלקער, ווייל די

---

7) על ששה דברים נצטוה אדם הראשון, על עבודה זרה ועל ברכת השם ועל שפיכת דמים ועל גלוי עריות ועל הגזל ועל הדינים, הוסיף נח אבר מן החי (רמב"ם הלכות מלכים פ"ט).

נוצרים און בכלל הײנטיקע גלויבנס האָבן נאָך ניט פאַרנומען קײן אָרט אין געשיכטע און האָבן ניט געהאַט קײן באַדײַטונג, אויך דער תלמוד, — דערהויפּט תלמוד בבלי — איז דאָך פאַר־פאַסט געוואָרן אין די לענדער פון בבל און פרס, וואו דאָס אידנ־טום האָט געהאַט די מאַכט און געפירט די מלוכה. עס איז דעריבער אוממעגלאַך אַז אין אונזערע שריפטן פון תלמוד און מפרשים, זאָלן זיך געפינען דינים איבער געזעצן צווישן אידן און גוים, וואס זאָלן מײנען אַנדערע און ניט די הײדן.

איצט לאָמיר זען וואס זאָגן אונז אָט אַלע דינים און משפּטים צווישן די אידן און הײדן?

די הײדן פון ערשטן מין, די פאַרדאָרבענע און ווילדע, איז בײַ דער תורה פאַראַכטעט. די תורה הײסט אונז זיך דער־ווײַטערן פון זײ, ווײַל זײער ענד וועט זײַן ביטער און זײ וועלן אומקומען, ווי דער דור המבול אָדער סדום, און מיר מוזן זיך היטן פון זײ זיך ניט אָפּלערנען קײן זאַך, און זיך ניט אַרײַנ־ברײַנגען אין אַ סכנה פון אַ חבר׳שאַפט מיט זײ.

גלײַכצײַטיק זאָגט אונז אָבער אָן די תורה, אַז אויך מיט זײ מוז מען זיך באַגײען מיט צדק ויושר, משפּט וצדקה, מיט אמת און אמונה מיט חסד ורחמים, און מען טאָר זײ ניט נאַרן און שווינדלען.

אונזערע הײליקע ספרים דערצײלן אונז פון אברהמ׳ן, אַז ער האָט געהיט דעם בונד, וואס ער האָט געמאַכט מיט אבימלך (בראשית כ״א ל״ג), פון יוסף, אַז ער האָט געראַטעוועט פון הונגער-טויט די לאַנד מצרים, פון משה׳ן, אַז ער האָט געהאָלפן די בנות יתרו (שמות י״ז), פון יהושע׳ן, אַז ער האָט געהאַלטן די שבועה, וואס ער האָט געגעבן די גבעונים (יהושע ט), פון דוד׳ן, אַז ער האָט אָפּגעטאָן חסד צו בן נחש זײַן פרײַנד, פון

שלמה'ן, אז ער האָט אין זיין תפלה אין דעם טאָג פון חנוכת בית המקדש אויך ניט פארגעסן די בני נכר, (מ"א ח, מ"א מ"ג.) פון ירמיה'ן, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די בני הגולה צו בעטן פאר דעם שלום פון דער לאנד, וואו זיי זיינען פארטריבן געוואָרן, (ירמיה כ"ז ז.) פון צדקיהו'ן, וואס גאָט האָט פיינט געהאט דאָס וואָס ער האָט מורד געווען אין נבוכדנצר, וועמען ער האָט גע־שוואוירן צו זיין טריי.

איז דען נויטיק נאָך צו ערקלערן, אז די דיני התורה, וועלכע זיינען נוגע צו גנבה, גזלה, רציחה, וואג און מאָס, געזעצן, קנעכטשאפט, שכר שכיר, שנאה, נקמה און נטירה, וועגן אלמנה, יתום אָדער אָרימאן, — מאכן ניט קיין אונטערשייד צווישן איד און קריסט? וואָלטן מיר געגאנגען נאָך בריינגען ראיות צו דעם, וואָלט עס געווען גאָר א זינד געגן דעם גאנצן געטלאכן גייסט פון דער תורה, וואס איז דורכגעדרונגען מיט די געדאנקען פון גלייכקייט.

אויך די שפּעטערע ספרים, וועלכע ווערן צוגערעכנט צו די הייליקע ספרים זאָגן אונז אָן, מיר זאָלן טאָן צדקה וחסד מיט די נכרים (חכמת שלמה י"ב, י"ט.) אויך פילון ויוסף הכהן ערקלערן דעם פסוק „אלהים לא תקלל (שמות כ"ב), אז א איד טאָר ניט פארשעמען און לעסטערן אנדערע געטער וואס אנדערע אומות דינען, 8) אויך זאָגט די משנה „אל תהי בז לכל אדם (אבות ד' ג') און אז מען דארף ניט שטערן עניי עכו"ם אין קלייבן לקט שכחה ופאה. (גטין פרק ה') ; די תוספתא לערנט אונז : אז די גזל פון א גוי איז שווערער פון גזל ישראל צוליב חלול השם (תוספתא דב"ק) אויך אז מען שפייזט אָרימע נכרים מיט אידישע אָרימע לייט און מען באזוכט קראנקע נכרים מיט קראנקע אידישע און

(8 Philo vito Mosis III, 684 de Monrchia antt. IV contro Apion em, III 2.

מען באגראבט די מתי נכרים מיט מתי ישראל (תוספתא דגיטין) דער ספרא לערנט אונז: „פתחו שערים ויבאו כהנים, לוים וישראלים לא נאמר, אלא ויבא גוי צדיק שומר אמונים,“ אויך „זה השער לד׳ כהנים ולוים וישראלים לא נאמר אלא צדיקים יבואו בו„ (ספרא פר׳ אמור פ׳ י״ג); דער ספרי לערנט אונז, אז ווען די אידן זאָגן צוויי מאָל טעגלאך „שמע ישראל ד׳ אלהינו“ אונזער גאָט, איז די כונה ווענן דעם עצם, וואס צו אים געהערן אלע משפחות פון דער ערד. 9)

דער תלמוד בבלי, אויף דעם יסוד פון פרוש התורה, האָט ארויסגעגעבן די דינים, אז נארן, טעותים און פאלשקייט, פאר־שעמען און באליידיגן, טאָר מען ניט אפילו צו די פעלקער די עכו״ם גמורים ווי דור המבול, דאגעגן מוזן מיר זיין טריי צו זיי מיט אונזער צוזאָג, לעבן מיט זיי בשלום און טאָן מיט זיי צדקה. 10)

עס איז אמת, אז מיר געפינען אמאָל אין תלמוד שארפע רייד קעגן עכו״ם ווען מען דערמאנט פון זייערע שלעכטע מעשים, פארדאָרבענע מדות און מקולקל׳דיקע געדאנקען און דעות. מיר דארפן זיך אויף דעם ניט וואונדערן, ווייל די חז״ל דורך זייער קנאה צו גאָט און זיינע מדות טובות, ווילן זיי צו־נעמען ביי די עכו״ם דעם כבוד׳יקן נאָמען מענטש, אדם שנברא בצלם (אתם קרוים אדם ואין עכו״ם קרויין אדם (ב״מ קי״ד).

---

9) ד׳ אלקינו, על כל באי עולם וכו׳ מה״תל אלהי ישראל, אלא על ישראל ייחד שמו ביותר.

10) אסור לרמות את בני האדם במקח וממכר או לגנב את דעתם ואחד עכו״ם ואחד ישראל שוים בדבר הזה (רמב״ם הלכות מכירה פרק י״ח). לעולם יהא אדם מענה רך ומשיב חמה ומרבה שלום וכו׳ אפילו עם עכו״ם בשוק. אמרו עליו על ר׳ יוחנן שלא הקדימו אדם שלום מעולם אפילו עכו״ם בשוק (ברכות י״ז ע״א).

מיר געפינען אבער, אז נאָך שטארקערע און שארפערע רייד פון די האָבן די נביאים גערעדט אויף די אידן אליין און זייערע מלכים, ווען יענע האָבן געדינט פרעמדע געטער, גערויבט און בעולה'ט דעם ארימאן, יתום ואלמנה, און זייער זעלע באשמוצט מיט תאוות נמבזות „שמעו דבר ד׳ קציני סדום והאזינו תורת אלקינו עם עמורה" — רופט ישעיהו צו די אידן די איינוואוינער פון ירושלים (ישעיהו א׳ י׳).

גאָר אנדערש אבער זיינען געווען די באציאונגען פון די בני ישראל צו די אומות, וועלכע זיינען גערופן געוואָרן בני נח. די אומות, וועלכע טיילן זיך אָפּ פון די איבעריקע פעלקער, אזוי ווי נח האָט זיך אויסגעטיילט פון זיין פארדאָרבענעם דור, דורך דעם גלויבן אין אמת'ן גאָט, דורך ריכטיקע סדרים און פאמיליען־לעבן, דורך אָפּהיטן זיך פון שפיכת דמים און גזלה. אָט די פעל־קער, וועלכע היטן אָפּ די שכל'דיקע מצות, וועלכע באריבן מדות און דעם קיום פון מענטשלאכן מין, דערפילן מיט דעם אלע פאָ־דערונגען פון יהדות, וועלכע האָט געגעבן אירע געזעצן און דינים ניט נאָר צו די אידן אליין, אזוי ווי עס שטייט (דברים ל"ג ד׳) אז זי פאָדערט עס פון יעדן מענטש און פון יעדעם פאָלק, און עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן זיי און א איד, ניט ביים לעבן און ניט ביים טויט, ניט אין הימל און ניט אויף דר'ערד. אזוי ווי דער זוהר החדש זאָגט, אויב איינער וועט קו־מען און צו דיר זאָגן, איך וויל זיין א כהן ביי אידן, זאָלסטו אים ענטפערן, מיין טייערער, די זאך איז אוממעגלאך, ווייל כהונה ווענדט זיך אָן געבורט און שבט; אבער אָן דעם קענסטו אויך זיין א צדיק וישר אפילו ניט זייענדיק א איד אָדער כהן, נאָר א מענטש. 11)

11) אם מבקש אדם להיות כהן אינו יכול, אבל אם מבקש אדם להיות צדיק אפילו הגוי יכול (זוהר חדש ס"ד א).

אויך די ווערטער אין אָנהויב תהלים, וואויל איז דעם מענטש, וואָס גייט אין גאַנס דרכים, ערקלערט דער מדרש באַציט זיך אויף דעם אדם הראשון, און ווייל דאָרט שטייט „ובתורת ד׳ חפצו“ און אדם הראשון איז דאָך געווען פאר מתן תורה, זאָגט דער מדרש, אז דאָס מיינט מען די מצות, וואס עס איז דער חוב פון יעדן מענטשן זיי צו היטן אפילו אָן קבלת התורה, ווייל אויך די מצות זיינען תורת ד׳, וואס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן דורך גלוי שכינה דורכ׳ן שכל און פארשטאַנד.(12)

יעצט אויב די באציאונגען פון די אידן צו יענע אומות, די בני נח, זיינען געגרינדעט אויף חסד און צדק, טאָ ווי איז שוין צו הײנטיקע פעלקער, וועלכע זיינען מודה אין קדושת התורה און אין גלוי שכינה? האָבן דען ניט געזאָגט מיט א פולן מויל צוויי גרויסע חכמים פון מיטל-עלטער, ר׳ יהודה הלוי און רבי משה בן מימון, דער ערשטער אין ספרד, דער אנדערער אין מצרים, אז א גרויסע זאך האָט גאָט געשיקט דורך די צוויי רעליגיעס — נוצרים און ישמעאלים — וועלכע זיינען די אָפּשטאַמונג פון דעם אידישן דת, צו אלע פינסטערע מענטשן די געצן-דינער און ביידע רעליגיעס האָבן פיל אויפגעטאָן צו ברייננגען די וועלט נענטער צו גאָט.(13)

האָט דען ניט ר׳ משה ב״ר נחמן געלעזן פאר דעם מלך פון אראגאניען די דערמאנטע ריכטיקע רייד, וועלכע זיינען אויס-

---

12) כי אם בתורה ד׳ חפצו, אלו ו׳ מצות שצוה הקב״ה לאדם שנאמר ויצו ד׳ על האדם, ובתורתו יהגה, באלו ו׳ מצות שנתן לו (מדרש טוב).

13) ואלה האומות הם הצעה והקדמה למשיח המחוכה (כוזרי ד׳ כ״ג) כל אלו הדברים של זה הנוצרי ושל הישמעאלי הבא אחרון אינו אלא לתקן דרך למלך המשיח ולתקן העולם כלו לעבוד את ד׳ (רמב״ם הלכות מלכים, פרק י״א).

געדריקט געוואָרן פון אונזערע דערמאנטע גרויסע עלטערן? 14)

אויך האָט דאָך דער הייליקער ר׳ יוסף יעבץ פון ספרד גע־זאָגט פאָלגנדע רייד: היינטיקע אומות גלויבן אין חדוש העולם, אין די גרויסקייט פון די אבות, אין תורה מן השמים, גן־עדן, גיהנום און תחית־המתים. געבענטשט איז דער גאָט, אלהי ישראל, וואס ער האָט אזוי געמאכט נאָכ׳ן חורבן בית שני, ווארום וואָלט געווען עבודה־זרה און געצן־דינעריי ווי פאר־צייטן, וואָלט פון אונז קיין זכר ניט בלייבן״. 15)

אויך האָבן אלע אונזערע חכמים אין דייטשלאנד, שפּאַניע, פראנקרייך און פוילן — דער אשכנזי רבינו אשרי, דער ספרדי רבינו נסים, דער צרפתי רבינו ירוחם און דער פולני ר׳ משה איסרליש, — געזאָגט פה אחד, אז די וואס געהערן צו איצטיקע דתות, וועלכע קומען ארויס פון יהדות, בעטן צו גאָט פון הימל און ערד אזוי ווי אידן, זיי זיינען נאָר אנדערש אין פארשטייען דעם מהות פון גאָט און אין דער השגה פון געטלאכקייט. 16)

אויך האָט דאָך ר׳ יעקב עמדן אין דעם פאַריקן יאָרהונדערט געשריבן: וואויל וועט זיין זיי און וואויל וועט זיין אונז ווען די גוים וועלן זיך פירן לויט זייער דת נאָך דעם עוואנגליום. אויב זיי זאָלן נאָר מקיים זיין יענע אלע פאַרזאָגן, זיינען זיי ווערט מען זאָל זיין לויבן, און מיר וואָלטן געווים געווען גליקלאך אין אונזער גלות. דאמאָלט וואָלטן אונז די פעלקער ניט פיינט גע־האט און עס וואָלטן ניט געפאלן טויזנטער און צען טויזנטער אידישע קדושים. 17)

---

14) דרשות הרמבן דף ה׳.
15) מאמר האחדות פרק ג׳.
16) רא״ש במס׳ סנהדרין פרק ד׳ מיתות, ר״ן ספ״ק דע״ז. ר׳ ירוחם נתיב י״א חלק ה׳ רמ״א או״ח קנ״ו.
17) רסן מתעה ט״ו ע״ב.

איז דען מעגלאך, אז קענן אָט די פעלקער זאָל דער איד מעגן טאָן, דאָס וואס ער טאָר ניט קענן די געצן־דינער, ווי פאלשקייט, באטרוג, אָפּנארעריי, פיינטשאפט, א. ז. וו.? קען זיך דען געפינען א מענטש ביי אידן, וואס וועט ניט זאָגן צו־זאמען מיט ר׳ משה חאגיז:

„אויב עפּעס א פיינט און א צורר ערקלערט צו די פעלקער זאכן, וועלכע זיינען קעגן אמת, זיינען מיר זיכער אין דעם חסד עליון און אין די בעסערע מענטשן ביי די פעלקער און זייערע חכמים, מיט זייער חכמה און וויסן וואס גאָט האָט זיי געשיינקט, אז זיי וועלן גלייך פארשטיין, אז די שונאים ריידן עס פון קנאה ושנאה, פון ווינציק וויסן און פארשטיין די עיקרים פון אונזער תורה. אָט די פארגרעבטקייט ברייננגט עס, אז די עוכרי ישראל זאָלן ריידן זאכן, וואָס די תורה האָט אונז אזוי ניט געזאָגט. 18)

ניין, ווערטהע ברידער, ניט די השכלה פון אונזער צייט, די ראפינירטע שפּראך און די איידעלע אויפפירונג, מאכן דעם אידן פאר א טרייען בירגער צו זיין לאנד, פאר וועלכער ער איז גרייט צו מקריב זיין זיין לעבן, נאָר די עיקרים פון דעם אידישן דת. די יהדות וועלכע לערנט די גלויביקע וועגן אמת און גערעכטיקייט, וועגן ליבע און גנאדע, וועגן גלויבן און צוטרוי צו אלע מענטשן אָן אונטערשייד, זי מאכט אונז פאר א גוטן מיטגליד צו דער געזעלשאפט, וועלכער איז ביי אלעמען באַ־ליבט, ווילן מיר ווייזן און ענטפלעקן מיט שטארקייט אונזער ליבע און געטרייהייט צו דער מלוכה און צו אונזער געבורטס־לאנד, דארפן מיר זיך באמיען צו אויפהאָדעווען און צו דערציען לערער און פאָרשער, וואס זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיט גאָטס גייסט, וואָס הערשט אין אידישן דת, זאָלן זיין פול מיט ידיעות

18) בפ׳ אלה המצות מצוה תקס״ד.

אין דער תורה און דעם דרך ד׳, זייער הארץ זאָל אויך זיין שטארק און זייער כח פריש דורכצופירן די לערע פון יהדות, ווי מען זאָל איינאָרדענען דעם שטייגער פון לעבן. דאמאָלט וועט מען זען, אז די ליכט פון אידישער אמונה לערנט טריישאפט און ליבע צו אלעמען און מאכט ניט קיין חלוק פון איד ביז ניט־איד.

מיר קענען ניט אָפּלייקענען, טייערע ברידער, אז מען קען געפינען ביי אונז ערגעץ אן אלטע תפילה אָדער אן אלטן ספר, וואו עס קומען שארפע רייד און זאָגאר פיינטשאפט קעגן די ניט־אידן פון די איצטיקע רעליגיעס. יע, דאָס איז אמת! די סיבה פון דעם איז אבער וואָס „ליבע געבוירט ליבע און שנאה ברייננגט שנאה״, אָדער ווי דער גרויסער משורר פון אונזער לאנד, פרידריך שיללער, זאָגט, „די ליבע איז דער ליבע פרייז״. יעדעס אויסגעשריי פון כעס און צאָרן, איז עס נאָר אָן ענטפער אויף די אומזיסטע בלבולים און רשעות, אויף די אומשולדיקע בלוט, אויף די גזילות און רויבערייען, אויף די גרויסע ענויים, יסורים, אטאדאפע און אלע וויסטע פורעניות, וואס דאָס אידישע פאָלק איז אויסגעשטאָנען אין מיטלעלטער, אויף יעדן טראָפּן טינט, וואָס די אידן האָבן מיט דעם געשריבן לעסטערונגען קעגן די קריסטן, האָבן די לעצטע פריער פארגאָסן טייכן אידישע בלוט. ווי האָבן אונזערע עלטערן אנדערש געקענט דיינקן און פילן קעגן די פריסטן און גלחים וועלכע, האָבן געהעצט דאָס פאָלק קעגן זיי? האָבן די אידן אפשר זיי געדארפט לויבן און דאנקן פאר די גזירות פון גירוש, א. ז. וו., מיט וואָס די אידישע געשיכטע איז פול און וועלכע שוידערט אויף יעדן היינטיקן מענטשן? האָט דאָס דען ניט געקענט שאפן דעם איינדרוק ביי די אידן, אז די לערע פון קריסטנטום איז דורכאויס זינדיק און שלעכט?

אָ, גיט אונז איין יאָהר־הונדערט פון ליבשאפט, חסד, פריי־
הייט, שלום און אמת, נאָך טויזנטער יאָרן פון שנאה, פאנאטיזם,
קנעכטשאפט, קריג און פאלשקייט. דאמאָלט וועט ישראל זאָגן
ווי די רייד פון אברהם, דער פאָטער פון זיינע שבטים „אל נא
תהי מריבה וגו׳ בין רועי ובין רועיך כי אנשים אחים אנחנו“
(בראשית י״ג ח.) אויף דער קולטור פון דער אלטער שנאה, וואָס
איז פול מיט מענטשן־בלוט, וועט אויפגעבויט ווערן א נייער
פּאלאַץ, א היילִיקטום פאר דעם שלום פון רעליגיעס, א פּאלאַץ,
וואו יעדער מענטש וואס איז צדיק וישר, וועט דאָרט דינען פאר
א כהן צום אויבערשטן גאָט, אזוי ווי אונזערע חכמים האָבן
געזאָגט: „גוי ועושה את התורה הרי הוא ככהן גדול, 19) אָמן.

19) ספרא פ׳ אחרי, פרק י״ג.

דרוש לפרשה שקלים

מחצית-השקל

העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט
ממחצית השקל לתת את תרומת ד׳
לכפר על נפשותיכם.
(שמות ל״ו ט״ו).

ווען דער מקדש פון גאָט איז נאָך געווען אין ציון, אונזער הייליקע שטאָט ירושלים איז געשטאַנען אין איר גלאַנץ, אויפ׳ן מזבח האָט מען אויפגעבראכט אן עולה וזבח, — פלעגן ארויס-גיין שלוחים אין אחד באדר אין אלע אידישע שטעט, אָנזאָגן און דערמאַנען יעדן איד צו געבן דעם מחצית השקל, די תרומה פאר דעם מקדש פון גאָט, אין דער צייט, כדי אז אין אחד בניסן זאָל מען שוין קענען ברייגנען אויפ׳ן מזבח פון דער נייער תרומה. 1)

צו געבן דעם מחצית השקל פלעגט מען נויטן מיט גוואלד; פון כ״ה באדר פלעגט מען שוין אָנהויבן צו נעמען משכנות פון די וואָס האָבן פארשפעטיקט צו ברייננגען די דאָזיקע הייליקע תרומה. צו אן אייביקן אנדיינקען פון דער זאך האָט מען אויך איינגעפירט נאָכדעם צו לייענען אין דער תורה אין אלע שולן דעם שבת וואס פאר ראש חדש אדר, אויסער די פרשת השבוע, אויך נאָך א פרשה וואו עס שטייט דער פסוק: „העשיר לא

1) באחד באדר משמיעים על השקלים וגו׳, כדי שיביאו ישראל את שקליהן בעונתן ותתרם תרומת הלשכה מן החדשה בזמנה באחד בניסן (ירושלמי שקלים א׳ א׳).

ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל.‟ אויך די הפטרה דארף זיך באציען צו דער פרשה פון שקל. אויך די אידישע משוררים אין גלות האָבן איינגעטיילט כבוד דעם שבת, אין דער אלטער הייליקער שפראך פון פיוט. אזוי קלאָגט ר׳ אליעזר קליר מיט א צעבראָכענעם געמיט: „די שקלי עד לא שקלתי הנם למס עובד היום שקלתי‟. אויך בעט דער זעלבער פיטן, „אור פניך עלינו אדון נסה ושקל אשא בבית נכון ונשא.‟

אזוי איז געווען דער מחצית השקל דער ציל פון האָפענונג און אויסזיכט אויף גליק פון אונזערע געדריקטע און געפייניקטע עלטערן, וועלכע האָבן אין דעם געזען דעם סימבאָל פון פרייהייט און אָפהענגיקייט. עס איז דאריבער פארשטענדלאך וואס דער פיטן פאר דעם שבת רעכנט אוים אין פערזן די אלע מאסן און וואָגן, וואָס די אידן האָבן געהאט פארצייטן, אלס אן אָנצייכן און אנדיינקען פון דאן ווען די אידן האָבן געהאט אן אייגענע מלוכה.

די אידישע געמיינדן היינטיקע צייט, דארפן, דאנקן גאָט, נים אָנקומען צום מחצית השקל אלס סימבאָל פון פרייהייט. דער גייסט און ווילן פון פרייהייט איז ביי אונז שטארק ענטוויקלט. דאָך האָט דער ענין מחצית השקל, ווען מיר באטראכטן טיפער, אויך פאר אונז א באדייטונג. און דאָס ווילן מיר איצט טאָן. מיר ווילן ארויסברייננגען, אז דער מחצית השקל האָט אַ גרויסע כונה און וואונדערלאכע פאסירונגען, וואס מיר קענען פיל נוצן פון דעם לערנען אָט דוקא ביי אונזער נייער צייט.

א.

די תרומה פון מחצית השקל, וואָס די תורה האָט באשטימט פאר מקדש ד׳, איז קליין און ווינציק, גרוים איז אבער דער יסוד

און ערהאבן איז דער פרינציפּ, וואָס אויף זיי איז געגרינדעט געוואָרן די תרומה און וויכטיק און טייער זיינען אויך די רע־זולטאַטן.

דער ערשטער יסוד פון דער תרומה איז, וואס אלע מענטשן זיינען גלייך פאר גאָט און פאר די געזעצן און דינים, וועלכע גייען ארוים פון דעם הייליקן קוואל — די תורה — וואָס גאָטס גייסט הערשט אין אים. דעריבער איז פארבונדן געוואָרן אָט די קליינע תרומה אין א שטארקן בונד מיט דעם פארזאָג צו ציילן די צאָל פון די אידן (שמות ל׳ י״ב). ווייל יעדעם מאָל, ווען מען ציילט א פאָלק זעט זיך ארוים דער גרויסער אונטערשייד אין קלאסן און צושטאנדע. מיר זעען רייך און אָרים, נכבדים און פּראָסטע, יעדער איז אנדערש לויט זיינע באשעפטיגונגען און לויט די אויפגאבן וואס ער טראָגט אויף זיך. און טאקע כדי מיר זאָלן ניט פארגעסן אז אלע גלייך זיינען מיר ליב און גוט פאר גאָט און זיינע גערעכטע געזעצן, האָט די תורה פארזאָגט, אז יעדער איינער, ווי אָרים, ווי רייך, ווי אָנגענומען אָדער ניט, דאַרף געבן די קליינע נדבה פון מחצית השקל פאר גאָטס מקדש. מצרים, יון און רוים האָבן ניט געטראכט און ניט פארשטאַנען די באדייטונג פון דעם, וואס דאָס פאָלק איז גלייך פאר גאָט; אויך אין מיטל־עלטער, ווען מען האָט שוין יא געמאכט פיל אויסבעסערונגען אין דער מענטשלאכער געזעלשאפט און אין די געזעצן צווישן מענטש און מענטש און זייערע אינדיווידועלע רעכט, האָט מען נאָך אויך ניט געוואוסט פון גלייכהייט פאר אלע מענטשן. ערשט ביים ענדע פון פאָריגן יאָרהונדערט האָט מען צום ערשטן אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, וואס אלע מענטשן זיינען גלייך פאר גאָט. די באוועגונג האָט זיך אלץ פארשטאַרקט דורך אגרעסיווע מלחמות קעגן די תקיפים און רייכע, וועלכע האָבן מיט זייער מאכט געטריבט דאָס פאָלק, ביז אין אונזער

צייט, ווען די אידייע פאר גלייכהייט איז אויסגעוואקסן צו א הויפט פרינציפ, וואס דארף זיין דער יסוד פאר אלע געזעצן.

אָט דער נייער געזעץ פון גלייכהייט, וועלכער צעשפרייט זיך אלץ מער צווישן די פעלקער, איז עס געווען א חוק פאר אידן פון דעם טאָג וואס זיי זיינען געוואָרן א פאָלק. און צי דען האָט עס נאָר געקענט געמאָלט זיין, אז עס זאָל זיין אן אונטער־שייד צווישן איד און איד, פריווילעגיעם פאר איינעם קעגן אנדערן? איז דאָך פאר אונז דער ספר פון דעם געבורט פון הימל און ערד, וועלכער פראָקלאמירט הויך, אז יעדער מענטש איז געבאָרן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, אז גאָט האָט זיך באַ־וויזן צו דער גאַנצער געמיינדע אידן אָן אונטערשייד. די חוקים ומשפטים פון דער תורה זיינען ניט געגעבן געוואָרן דורך א קאפריז אָדער נייגונג פון א מענטשן צי גוט אָדער שלעכטס, נאָר דורך דעם חותם פון הקב"ה. איז דען מעגלאך ביי אזא פאָלק צו הערשן אָן אונטערשייד פון מענטש און מענטש פאר גאָט? זעען מיר טאקע, אז ווען אלע פעלקער האָבן ביז ניט לאנג נאָר געוואוסט פון טיטלען פון מלכים און גלחים, נאָר געהאט דעם באגריף און דעם ברוטאלן ווילן פאר אייגענע שטארקייט און הערשונג איבער אנדערע און צו דעם צוועק געפירט מלחמות און פארגאָסן פיל בלוט, האָט שוין ישראל און יהודה פארשטאַנען אז עס איז פאַראַן א כתר תורה, געזעצן איבער וועלכע דער גייסט פון גערעכטיקייט, צדק, יושר און חסד שוועבט דורך און דורך. אָט פאר די געזעצן דארפן זיך די מענטשן בויגן, און פאר זיי איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון גרויס און קליין, אָרים און רייך, אלע דארפן זיי פאָלגן און לעבן נאָך זייערע יסודות.

ווען אלע מענטשן זיינען גלייך פאר גאָט, איז עס פאַר־שטענדלאך, אז אלע מיטגלידער פון דער געמיינדע דארפן זיין

פריי, אומאָפּהענגיג, און קיינער קען ניט פאַרקנעכטן און אַרויפ־צווינגען זיין יאָך אויפ'ן אנדערן. הויבט זיך דעריבער אָן דער ערשטער דבור פון די עשרת הדברות: „אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים.“ ווייל די אֱמונה פון גאָט איז ווייט פון קנעכטשאַפט.

ווען אלע מענטשן זיינען גלייך פאַר די געזעצן פון גאָט, קען אויך ניט זיין, אז עס זאָלן זיין ספּעציעלע מענטשן, וואס נאָר אויף זיי זאל ליגן דער חוב צו דינען אין מיליטער, דעריבער זאָגט טאַקע די תורה, אז יעדער איד פון צוואַנציק יאָר אָן דאַרף אַרויסגיין „בצבא“ און באַשיצן זיין פאָלק.

ווען אלע מענטשן זיינען גלייך פאַר דעם כלל פון פאָלק, קען עס ניט געמאָלט זיין, אז אנדערע זאָלן געניסן פון הנחות, פּריווילעגיעס, וועלכן זאָלן זיי באַפרייען אָדער פאַרקלענערן די טעקסעס (מסים). דעריבער געפינען מיר, אז איין געזעץ איז פאַר אלעמען וועגן די חובות פון פאָלק, און אפילו דער כהן גדול קען אויך גע'משפט ווערן, ווען עס איז נוגע אין געלט־זאַכן.2)

ווען אלע מענטשן זיינען גלייך פאַר גאָט, איז עס קלאָר, אז אויך די ידיעות און לערן וועגן גאָטהייט זיינען אויך גלייך פאַר אלעמען, קען דעריבער דער דת ניט איינגעטיילט ווערן אין למודים, וועלכע זאָלן זיין נאָר פאַר חכמים און אנדערע למודים נאָר פאַר דעם פאָלק, דעם עם־הארץ. רופט טאַקע אוים דער מחוקק צום פאָלק איידער ער האָט זיי נאָך געגעבן די תורה: „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש“ (שמות י"ט, ו.) און דעריבער איז טאַקע צוגענומען געוואָרן די איבעריקע חשיבות פון כהונה נאָך פאַר'ן חורבן בית שני, תיכף נאָר ווי חכמה און וויסנשאַפט איז געמערט געוואָרן ביים פאָלק.

---

2) דיני ממונות הכהן הגדול בשלשה (רמב"ם הלכות סנהדרין ה' א').

אויף דעם פונדאמענט פון דער אידייע, אז אלע זיינען גלייך פאר גאָט, איז עס געבוירן געוואָרן דער אידישער קהל, וואָס האָט געהאט איין געזעץ, איין פליכט און איין משפט פאר אלעמען. ווען די אידן זיינען נאָך געווען אין מדבר, איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די אידישע מלוכה, רופן זיי זיך שוין אָן „עדת בני ישראל“. שפּעטער, ווען די ממלכת ישראל איז צעשטערט געוואָרן און די אידן האָבן זיך צעשפּרייט איבער פארשידענע לענדער, זיינען באשאפן געוואָרן פילע קהלות, וואָס האָבן געמאכט די ווערטער פון הלל: „אל תפרוש מן הצבור“ (אבות ב׳) פאר זייער לאָזונג און זייער חוק.

קורץ, די יהדות מעג זיך בארימען מיט איר עבר, ועלכן עס קריינען ארום שיינע טאָטן און העלדנמוט, מיט איר עתיד, וואס איז פול מיט ערהאבענע האָפענונגען, זי האָט ניט קיין מיטל-צייט, מיט אונטערשיידן פון צושטאַנדן און פריווילעגיעס פון איין מענטשן קעגן אנדערן, מיט קנעכט און הארן. אָט דער גרויסער אמת פון גלייכהייט פאר אלעמען, וואָס מיר קולטורעלע פראָגרעסירטע מענטשן פון דער נייער צייט, שטרעבן עס איינצופירן אין לעבן, — איז שוין פאר אונז אידן באוואוסט אין דער פרשה פון דעם שבת דורך דעם מחצית השקל. דעריבער זאָגן חז״ל, אז גאָט האָט געוויזן משה׳ן א מטבע פון פייער, (ירושלמי שקלים פרק א׳), ווייל די גרויסע לערע פון דעם מחצית השקל, וועט פאר אונז באלייכטן דעם וועג אויף אייביק, ביז וואנען צדקה און משפט וועט הערשן אויף דער גאנצער וועלט.

איצט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו וויסן די גרויסע כונה פון דעם מחצית השקל, וועלן מיר אויך זען, וואָס זיינען זיינע פּאַסירונגען, פון וועלכע מיר זאָלן קענען ארויסלערנען וועלכע עס איז נוצן פאר אונזער נייער צייט.

אויף וואָס פאר א תכלית האָט מען דאָס געבראכט דעם

מחצית השקל, וואָס אלע האָבן געגעבן גלייך? אין מדבר האָט מען פאר די געלט געמאכט די זילבערנע שוועלן, וואָס אויף זיי איז געשטאַנען דער אוהל מועד אויך די ווים (הוקס) פון די יריעות וועלכע האָבן פארבונדן און באהעפט דעם גאנצן געצעלט אין איינס. אזוי איז געשטאַנען דער געצעלט פעסט דורך די תרומה פון גאנצן קהל. אלע מיטגלידער פון דער אומה זיינען געוואָרן באהעפט אין איין מענטש, דורך די נדבות פון אלעמען. דער אהל מועד איז פאר אונז געשטאַנען לעבעדיק און אונז געלערנט, אז נאָר די קראפט פון גאנצן קהל צוזאמען קען דינען פאר אן אָנשפארונג און יסוד פאר די הייליקייטן פון פאָלק, אָבער ניט די אומזיכערע שטיצע פון איינצעלנע יחידים, וואס קענען נוצן די קאָסטבארע נדבות פון דימענטן און בריליאנטן, וועלכע די נשיאים, די ראשי השבטים האָבן געגעבן, אן די „אדנים און ווים", וואס מען האָט געמאכט פון די געלט, וואָס איז אָפגעשיידט געוואָרן פון גאנצן פאָלק אָן אונטערשייד? אזוי איז אויך געמאָלט, אז צווישן א פאָלק אָדער געמיינדע זאָלן זיך געפינען עטלאכע חכמים, וואָס זאָלן וועלן און קענען לערנען דאָס פאָלק די גראדע וועג צו זיין גליק, און דאָך וועט דאָס פאָלק אָדער געמיינדע גיין פארלוירן, ווייל די מערהייט איז אָפגעשוואכט און אפאטיש און איז אין צושטאַנד פון וויאלען און אונטערגיין.

שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן, ווען דער בית המקדש איז שוין געווען געבויט, האָט מען פאר די געלט פון מחצית השקל געבראכט די קרבנות התמיד, אין פרימאָרגן און אָוונט, ווי אויך די זבחי המועדים ושלמים, דעם עומר, די שתי הלחם, דעם לחם הפנים און אלע קרבנות.[3] אין קורצן, די גאנצע הייליקע

3) התרומה מה היו עושין בה? לוקחין בה תמידין ומוספים ונסכיהם, העומר ושתי הלחם ולחם הפנים וכל קרבנות צבור (שקלים ד׳ א׳).

עבודה איז געמאַכט געוואָרן פון די געלט פון די קליינע נדבות, וואָס דאָס פאָלק האָט געגעבן. ווען די צדוקים האָבן געוואָלט ברייגנען דעם קרבן תמיד פון די געלט פון רייכע, האָבן די פרושים מלחמה געהאלטן קעגן דעם אומרעכט, וואָס מען וויל טאָן צו דעם פאָלק, אוועקצורייבן ביי אים דעם זכות וואָס געהערט אים. זיי האָבן געזאָגט: די קרבנות, וואָס דער נאציאָנאלער כאראקטער הערשט אין זיי, זיינען עם אָפּפערונגען פון גאנצן פאָלק. זיי מוזן געבראכט ווערן פון קליינע נדבות אין וועלכע אלע האָבן א גלייכן חלק, און ניט פון די רייכע, וועלכע טוען עס אום זיך צו בארימען.

די חז"ל האָבן דעריבער פאַראָרדענט, אז מען זאָל דעם מחצית השקל אויפמאָנען מיט גוואלד פון גאנצן פאָלק מיט די שטרענגסטע מיטלען. אויך פון ווייטע לענדער, וואו אידן האָבן נאָר געוואוינט, האָט מען געשיקט דעם מחצית השקל אין ירושלים. שפּעטער האָט א באאמטער פון רוים ארויסגעגעבן א געזעץ, וועלכער פארבאָט ארויסצופירן גאָלד און זילבער אויסער די גרעניצן פון מלכות רוים אין אזיע, כדי מען זאָל ניט פירן דעם מחצית השקל אין ירושלים.

אויך נאָכ'ן חורבן בית שני, ווען די עבודה פון קרבנות איז אָפּגעהאקט געוואָרן, האָט דער מחצית השקל דאָך ניט אויפגעהערט ביי אידן. ספּעציעלע שלוחים האָבן די נשיאי ארץ ישראל געשיקט אין די פארשידענע מדינות און מלכות רומא, דאָרט אויפצומאָנען די האלבע שקלים פאר די גרויסע ישיבות אין א"י. די זאמלונגען פון די נדבות, וועלכע האָבן אויפגעהאלטן די תורה אין א"י, איז אבער צוויי מאָל פארווערט געוואָרן פון די מלכי רומא. דעם ערשטן מאָל האָט מען אויסגע'פועל'ט

און מען האָט דעם פארבאָט אראָפּגענומען, אבער שפּעטער, דריי הונדערט און ניין און פופציק יאָר נאָכ׳ן חורבן, האָט מען די זאמלונגען רעקווירירט פאר דעם אוצר פון דער מלוכה — און דאן האָט דער מחצית השקל אויפגעהערט.

אמת, רעשטלאך פון דעם מנהג זיינען נאָך פארבליבן ביז היינט, ווען מען טיילט אוים אָרימעלייט אין די שולן געוויסע מטבעות אין דער נאכט פון פורים; אָבער דאָס זיינען נאָר צו־פעליגע נדבות, וועלכע האָבן א קליינעם צוזאמענהאנג מיט דער באדייטונג פון מחצית השקל און צילן ניט צו דער כונה און תכלית פון דעם פארזאָג.

קענען מיר, אבער, ניט צוריק אויפלעבען דעם מחצית השקל ביי היינטיקן טאָג? זיינען דען שוין פארלאָשן געוואָרן די הייליקע פונקן, וועלכע משה האָט אונז געוויזן און וועלכע האָבן באלויכטן אונזער וועג?

הערט מיך צו, מיינע טייערע ברידער!

צווישן אונזער פאָלק זיינען דאָ הונדערטער אָרימע און קליינע קהלות, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד צו בויען שולן און חדרים, וואו צו לויבן גאָט און וואו די קינדער זאָלן קענען לערנען תורה. פון דעם טאָג, וואָס א פרייע איבערוואנדערונג איז ערלויבט געוואָרן פון אונזערע אידן אין דייטשלאנד און עסטרייך, האָט זיך דער אידישער לעבן פיל געענדערט: גרויסע קהלות זיינען געוואָרן קליין און נייע זיינען אנדערש וואו אויפגעוואקסן. איך פרעג אייך, פארוואָס זאָל ניט געגרינדעט ווערן אַ חברה, וואָס זאָל האָבן די אויפגאבע אָנצוהאלטן שולן און העלפן דעם חנוך פון קינדער אין די קליינע שטעט מיט ווייניק אידן? דארפן מיר דען פאר דעם אויסגעבן א סך געלט אָדער אָנצוקומען צו די נדבות פון די רייכע? וואָלט ניט געווען גענוג,

ווען יעדער איינער פון אונז, אָרים ווי רייך, זאָל געבן נאָר א מחצית השקל, און זאָל עס טאָקע זיין אין דעם זונטאג וואס נאָך דעם שבת פ׳ שקלים, וואָלט דאָס אליין ניט געבראכט צו דער פארשטאַרקונג און פארמערונג פון תורה און עבודה? וויי־טיקט אונז דען ניט דאָס הארץ, צוזעענדיק די קלעגלאכע אידישע דערציאונג אין די קליינע שטעטלאך? פעלט דען ביי אונז פע־דים פון ליבע, וועלכע זאָלן אונז אלע אידן פארבינדן צוזאמען? הערט, מיינע טייערע ברידער, צוויי גרויסע הערשער אין אייראָפּא האָבן זיך בּאראטן צוזאמען אין די טעג צו העלפן אונ־זערע ברידער אין די שווייץ, און מיר אידן שווייגן און טוען קיין זאך ניט צו העלפן די שוואכע ביי אונז? פארוואס הערט מען גאָר ניט פון דער גרויסער אידישע קהלה אין עסטרייך, מען זאָל גרינדן חברות פון מחצית השקל אויפצוהאלטן גאָטס הייזער און אָנצוהאלטן לערער, וואס זאָלן לערנען אידישקייט? פעלט דען דאָרט בארימטע מענטשן, וואס ווען זיי זאָלן נאָר זאָגן א וואָרט וואָלטן זיי זיך אלע גלייך צוגעהערט?

איך בין פעסט איבערצייגט, אז עס וועט לאנג ניט נעמען, און ביים ענדע פון דעם יאָרהונדערט וועלן אראָפּגענומען ווערן די שווערע משא וואס איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויפ׳ן אידישן אקסל. אַ נייער גייסט הויבט אָן באהערשן די פעלקער און די אידן וועלן זיין פריי און באליבט. איך בין אויך זיכער, אז דאַ־מאָלט וועלן שוין אויך געווים זיין אזוינע חברות פון מחצית השקל פאר דעם אויפהאלט פון תורה און יראה, וואויל איז אָבער יענע געמיינדע וואס וועט זיין די ערשטע און וואויל צו יענע מענטשן וואס וועלן זיין די פּיאָנערן אויפצולעבן דעם היי־ליקן מחצית השקל.

דאמאָלט, טייערע ברידער, וועט גאָר א נייער לעבן זיך אָנהויבן פון דעם שבת, דאמאָלט וועט די פרשה שקלים געפינען

אַ פריידיקן אָפּקלאנג אין די אידישע הערצער. דאמאָלט וועלן די אידן וויסן, אז זיינע אלטע מצות האָבן געשלאָגן װאורצלען אין די פאסירונגען פון דער וועלט און אז די יהדות איז א לעבעדיקער בוים, וואס וועט בליען קעגן דער ליכטיקער זון, וואָס לייכט פאר אלע מענטשן גלייך און דאָס אידנטום איז נאָך א פעטער בוים, וואס קען מיט די פרוכט דערקוויקן און דערפרישן יעדן איינעם וואס רופט אין גאָטס נאָמען.

———:———

דרוש לשבת פרשה זכור
עמלק

זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים. אשר קרך בדרך ויזנב בך כל הנחלשים אחריך ואתה עיף ויגע ולא ירא אלהים. והיה בהניח ד. אלהיך לך מכל איביך מסביב בארץ אשר ה׳ אלהיך נתן לך נחלה לרשתה תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח.

(דברים כ״ה, י״ז-י״ט).

מיט אן אָפענע באקאנטמאכונג ערשיין איך היינט פאר מיינע צוהערער: איך בין זיך מודה, אז דער פסוק „זכור את עשה לך עמלק", נאָך וועלכן מיר רופן היינטיקן שבת, איז מיר ניט רעכט פארשטענדלאך. איך האָב ניט געשפּאָרט קיין פליים און נאָכדיינקען; איך האָב נאָכגעקוקט אלטע און נייע דערקלע־רונגען, פארגליכן די פרושים פון תלמוד און באשיידונגען פון מדרש, און דאָך איז עמלק, זיין וועזן, כאראקטער און באדיי־טונג, ווי אויך דער זייער שטריינגער פארזאָג, צו פארטיליקן זיין שפור פון דער ערד, — פארבליבן ביי מיר א טיפע, דונ־קעלע רעטעניש.

זייט אבער צוויי יאָר אומגעפער, זייט דעם ווי איך בין אן עדות, ווי מען האָט אונזערע פרומע עלטערן, די אומפאר־גלייכליכע דולדער, פון זייערע קברים אויפגעבראכט, און די זיפצן, וועלכע זיי האָבן קעגן זייערע הארצלאָזע פיינט אויסגע־

קרעכצט, ציטירט אלס באווייזע פון זייער בייזהייט און האַס; זייט דעם ווי איך לעז, אז די אלטע תפלות, וועלכע אונזערע על־טערן האָבן קעגן זייערע פייניגער, דריקער און מערדער צו גאָט געשיקט, ווערן אלס צייגניסע קעגן זיי געבראַכט; זייט דעם ווי איך זע, אז יענע, וועלכע האָבן דורך אייגענעם שולד פאר־לאָרן זייער איינפלוס אויף די געמיטער און גייסטער פון די מענטשן, זוכן דורך אונזער באדריקונג אויפסניי אויפצוריכטן זייער הערשאפט; זייט דעם ווי איך פארנעם, ווי אונזער טריי־הייט פאר אונזער פאָטערלאנד, אונזער מסירות פאר דעם וואויל פון די פעלקער, אונזער גרייטקייט פאר פרידן פאר אנדערע רעליגיעס, ווערן געזוכט מיט אלע מיטלען צו פארדעכטיקן, — ווייס איך, פארשטיי איך, באגרייף איך וואס עס איז עמלק, און פארוואס די תורה האָט אזוי שטריינג אָנגעזאָגט, זיין אנדיינקען אויסצולעשן!

עמלק איז, ווי זיין נאָמען אליין דריקט עס אויס, א פאָלק־פארצערער, פאָלק־פארשלינגער, פאָלק־פארדארבער, באצייכנט מיט זיך א קלאס מענטשן, וועלכע אין פארשידענע צייטן פון דער געשיכטע 1) האָבן געשטרעבט מלוכות און פעלקער אין טיפן אָפּגרונט צו שטירצן. עמלק איז א פיינט פון גאָט, א פיינט פון אמת, א פיינט פון פרייהייט, א פיינט פון ליבע און גערעכטי־קייט. גאָט כביכול אליין, וואס איז דער העכסטער אמת, די שטריינגסטע גערעכטיקייט, די ריינסטע ליבע, מוז קריג קעגן אים פירן. 2) „געדיינק, אָ, גאָט, וואָס עמלק האָט דיר ז ע ל ב ס ט געטאָן" האָט אמאָל אויסגערופן א חכם ביי אידן.

---

1) ויבא עמלק הה״ד לא שלותי ולא שקטתי ולא נחתי ויבא רוגז לא שלותי מבבל ולא שקטתי ממדי ולא נחתי מיון ויבא רגז מאדום, (ש״ר פ׳ כ״ו).

2) מלחמה לד׳ בעמלק.

עמלק שטערט און אונטערדריקט די פרייע ענטוויקלונג און די פולע פארווירקליכונג פון דעם געדאנק פון גאָט און גאָטס הערשאפט אויף דער ערד; ווייל אזוי לאנג ווי עמלקס פאר־דערבלאכע יסודות האָבן א פלאץ, איז כביכולם געשטאלט אין דער געשיכטע פארהילט, ער איז ניט זיכטבאר אין זיין אומ־פארקלענערטן גלאנץ.3)

עמלק איז אומערמידלאך, פארביטערט און פאר'עקשנ'ט; אזוי לאנג ווי ער זעט נאָר איין זונען־שטראל אויפ'ן הימל פון דער געשיכטע, וועלכער באלייכטעט אמאָל א פאָלק, אזוי גלייך קעמפט דער נקמה־גייסט פון פינסטערניש.4)

מיר וועלן זיין אימשטאנדע צו אורטיילן עמלקס וועזן, ווען מיר וועלן באטראכטן די צייט אין וועלכער און די מיטלען מיט וועלכע ער פירט זיין קאמף קעגן געטלאכעס און מענטשלאכעס אין דער געשיכטע. אמת, מיינע ווירדיקע צוהערער, ווען איך זאָל וועלן פאָלגן די נייגונגען פון מיין הארצן, וואָלט איך גיכער אויפגעמישט יענע בלעטער פון דער געשיכטע, וועלכע דערציילן אונז פון אידעלע און הערלאכע מעשים פון פירשטן און פעל־קער! אָט די נייע פאראָרדענונגען פון אונזער רעגירונג גיבן א גוטן גרונט דערצו; דאָך איז דער קאמף קעגן עמלק א געטלא־כער און א הייליקער, עס איז א פליכט אראָפצורייסן די מאסקע פון דעם דאָזיקן אידישן פיינט און ווייזן זיין עכטן געשטאלט. דאָס איז א דינסט פאר דעם וואויל פון פאטערלאנד און פאר דעם פאָרטשריט פון דער מענטשהייט.

3) כל זמן שזרעו של עמלק קיים כביכול כאלו הפנים מכוסים, פסיקתא דרב כהנא פ׳ זכור.

4) עד בא השמש כל המלכיות כולם אין עושים מלחמה אלא עד שש שעות, אבל מלכות חייבת זו עושה מלחמה משחרית לערבית. מכילתא בשלח.

א.

„זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתך ממצרים" — פון א לאנגער קנעכטשאפט איז ישראל באפרייט געוואָרן, באַפרייט דורך אומגעווינלאכע געשעענישן, דורך וואונדערבארע פאסירונגען, דורך דער מאכט פון גאָט, וועלכע האָט אלע חשבונות און קליגערייען, אלע בייזהייטן און גוואלדטעטיקייטן צו שאנדע געמאכט „אשר קרך בדרך". די מצריים זיינען געלעגן טויט אויף די ברעגן פון ים, דאָס פאָלק ישראל, ניט ערווארטענדיק קיין פיינטלאכן אָנגריף, האָט געגלויבט, אז ער קען זיך שוין פרייען מיט זיין פרייהייט, ער האָט זיך שוין געפונען אויף דעם וועג נאָך כנען, זיך צו באזעצן אין דעם לאנד פון זייערע עלטערן.

„ואתה עיף ויגע" — ישראל איז נאָך געוועזן מיד פון יאָך פון די מצריים, פון דעם דרוק, אונטער וועלכן זיי האָבן געזיפצט, פון אויפרעגונג און שרעק, וואס זיי האָבן איבערגעלעבט ביים ים סוף, — און אין אזא צייט, „ווען אלע פעלקער האָבן געציטערט און געטרייסלט", יעדער האָט געלעכצט נאָך פרידן און רו, ישראלס פרייהייט האָט שוין געציילט די טעג, ווי זי וועט זיך אויספאָרמען אין א זעלבסטשטענדיקע מלוכה, אין אזאַ צייט איז עמלק ערשינען. אפשר אמאָל אויפגעלעבט דורך אן עפנטלאכע שטימונג? ניין! מיט א פרעכן, אומפארשעמטן פנים! 5) אפשר אמאָל פון נאָנט? ניין! אלע פעלקער, וועלכע האָבן פאר ישראל געציטערט, האָט ער געמוזט הינטער זיך לאָזן, כדי אָנצוהויבן זיין מערדערלאכן קריג! 6) און אין דעם איז באשטאַנען

5) ויבא עמלק שבא בגלוי פנים. מכילתא.
6) חמשה עממים פסע עמלק ובא ונלחם עם ישראל. שם.

עמלק'ס פארברעכן, וועלכע האָט געמאכט אויפציטערן יעדעס מענטשלאכע הארץ, דאָס וואס ער האָט אָן אכטונג און אָן מורא פאר גאָטס האנט 7) געשטרעבט צו פארניכטן א פריי געוואַ־רענעם פאָלק; דאָס אין דער צייט ווען אפילו די הינט אין מצרים האָבן געשוויגן, האָט ער אויפגעהויבן א קריגס-געשריי; דאָס ער, וואס ציילט זיין שטאם גלייך מיט די קינדער פון אברהמ'ן 8) האָט ניט געפונען קיין סימפּאַטיע פאר די באפרייטע.

און אָט אזוי האנדלט עמלק שטענדיק אין דער געשיכטע.

רוהיק און פריינטלאך האָבן די אידן געלעבט אין פראנק־רייך אונטער קארל דעם גרויסנס זון, וואס א דאנק זיין שטארקע גלויביקייט, ווערט ער אָנגערופן דער פרומער, און זיין פרוי יהודית, זיינען צו זיי געווען פול מיט חסד און פריינטלאכקייט. די אידן האָבן געמעגט איבעראל וואוינען, אומגעשטערט האנדלען און וואנדלען. אויך זיינען זיי אלס אָפּשטאַמער פון פאטריאכן, נביאים, משוררים, מלכים און גבורים פון אלעמען געאכטעט און געשעצט געווען. נאָך מער! די אמונה פון ישראל איז אויך פאר־ערט געוואָרן: אידישע שולן זיינען אָפט באזוכט געוואָרן פון ניט אידן; אידישע פרעדיגער געהערט געוואָרן פון ניט אידן, די אידישע תפלות באטראכט געוואָרן אלס פאסנדע צו אלע רע־ליגיעס. קורץ, עס זיינען באשטאַנען פריינטלאכע און ברידער־לאכע באציאונגען צווישן אידן און די פעלקער. דאָ אבער „איז געקומען עמלק וילחם את ישראל". אָנפאנג האָט ער אָנגעהעצט די גלויביקע ניט צו אקצעפּטען אידישע דינסט, אויסצומיידן יעדן פארקער און אומגאנג מיט אידן. דאן האָט ער פארעפנטלאכט א שריפט קעגן אידן, אין וועלכער ער באשטעטיגט, אז גאָטס

7) ולא ירא אלהים.

8) עמלק בן בנו של עשו. פדר"כ.

קללה לויערט אויף זיי, אז זייערע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט זיינען משונה און ווילד, אז זיי פארשעמען דעם גלויבן פון אנדערע, אז זיי האלטן זיך גרויס, אז טאָן גוטס מיט אידן איז געפערלאך און א גרויסע זינד. ער שילדערט די אידן אלס שעדלאך, געפערלאך און פארדערבלאך.

אָבער צו וואס זאָלן מיר צוריק גיין צום ניינטן יאָרהונדערט, ווען דער ניינצענטער רעדט אזוי הויך? מיט דעם טיפסטן דאנק און אכטונג צו אונזער מאָנארך קענען מיר עס באשטעטיקן, אז דאָס אידישע ערלייזונגס ווערק אין עסטרייך האָט געמאכט גרויסן פאָרטשריט. אויב מיר האָבן אפילו אלעס ניט דערגרייכט, געפינען מיר זיך דאָך אבער אויפ׳ן וועג פון פרייהייט.9) דער דאָזיקער געפיל באלעבט אלע אידן אין עסטרייך, און געפינט זיין אויסדרוק אין די פילע דעפוטאַציעס, וועלכע באזוכן אָפט אונזער הויפטשטאָט, — דאָ אבער „קומט עמלק און האלט מלחמה מיט אידן", מיט דעם זעלבן וואפן פון ניינטן יארהונדערט, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואס דאמאָלט האָט מען נאָך פון בלוט בלבולים ניט געוואוסט.

ווען מיט אייניקע צענדליק יאר צוריק, האָבן די אפשטאַמער פון די אלטע גריכן, און, אויב איר ווילט, די צווייפלהאַפטע אָפשטאַמער, געקעמפט פאר זייער פרייהייט, אזוי האָבן זיי דערמוטיקט די שטודירענדע יוגנט און די לערער פון וויסנשאפט, דיכטער און רעדנער זיינען געוועזן באגייסטערט פאר זייער זיג, — פארוואס, פרעג איך, האָט איר, און באזונדערס איר פרומע און גלויביקע, קיין וואָרט פון מיטגעפיל פאר די אָפשטאַמער פון די אלטע העברייער? דארפן מיר דען רויט ווערן, האָבן מיר דען זיך וואס צו שעמען, ווען מען פארגלייכט יודיא מיט

---

9) בדרך בצאתכם ממצרים.

העלאס, סיני מיט אלימפּ, ירושלים מיט אַטען, ישעיה און די איבריגע נביאים מיט די גריכישע רעדנער, די בעלי־התהלים מיט די גריכישע דיכטער, די מאקאבייער (מכבים) מיט גריכישע העלדן? האָט דען ניט דער העלדישער שטאם מיט זיין ביבל טיפער געווירקט אויף דער פרייהייט און מדות פון די פעלקער, ווי די גריכן דורך זייערע קונסט און ליטעראטור ווערק?

— איהר נעמט אונטער שווערע אויסגראבונגען אויף דעם באָדן פון עגיפּטן, אשור און בבל, איר בויט אויף מוזעאומס, איינצוהיטן רעשטלאַך און אנטיקן פון אלטערטום; אן אלטע מצבה מיט אן אויפשריפט איז ביי אייך א גליקלאכע ערפינדונג; פאר וואס האָט איר ניט אזא גלייכן, לעבהאפטן אינטערעס פאר די אויסשפּראָצונגען פון איינעם פון די עלטסטע קולטור פעלקער? וועלכע גאָט — ווי איר אליין זייט מודה — האָט אזוי וואונדערלאך אפגעהיט און אויפגעהאלטן ביז איצט? דאָך ניין! לייגט נאָר גאָט די האנט אויף זיין טראָן, כדי צו פארברייטערן ליבע און גערעכטיקייט אין דער וועלט — אזוי מוז ער גלייך פירן קריג קעגן עמלק, 10) עס הויבט זיך אויף גלייך עמלק מיט זיינע פארדאָרבענע יסודות, באשטרעבונגען און האנדלונגען!

ב.

אזוי ווי די צייט, ווען עמלק הויבט אָן זיין קאמף פילט אָן יעדעם פילענדע מענטשלאכע הארץ מיט פאראכטונג צו אים, אזוי געפינען אויך די מיטלען, מיט וועלכע ער האָט באנוצט אין קאמף, ניט ווייניקער אונזער האַס און אויף דעם ריכטן מיר איצט אונזער אויפמערקזאמקייט.

---

10) כי יד על כס יה מלחמה לה׳ בעמלק.

דריי מאָל ערשיינט עמלק אין דער אלטער אידישער גע־שיכטע: נאָך יציאת מצרים, נאָך דער גרינדונג פון דער מלוכה, אין מלכות פרס-ומדי, ווען אסתר איז געזעסן אויפ'ן קעניגלאכן טראָן, 11) און יעדעס מאָל באנוצט ער זיך מיט אנדערע וואפן, און אלע זיינע אָנגריפן חזר'ן זיך איבער אין לויף פון די צייטן.

צוערשט קעמפט ער דורך ווילדקייט, גוואלדטעטיקייט, מאָרד און טויטשלאג. אזוי ווי א ווילדע חיה, דערציילט דער מדרש, לעכצט ער נאָך בלוט. 12) ער שוינט ניט אפילו די שוואַכע און הילפלאָזע! פאר די בלוטיקע עמלקס איז איבעריק צו בריינגען וועלכע עס איז ביישפילן; כמעט אלע לענדער פון דער וועלט זיינען אָנגעטרונקען מיט אידישע בלוט, וועלכע גיסן זיך נאָך ביז היינט.

דאן קומען די שפאט און חוזק און די קונסט פון פארפירן. עמלק, — באמערקט אן אלטע אגדה 13) איז געגליכן צו א מאַן, וועלכער טראָגט א קלייד אין האנט אין מיטן שטאָט און רופט אוים: „צו וועמען געהערט דער פארלוירענער בגד?“ די מענטשן זאמלען זיך ארום אים און ריידן איינער מיט דעם אַנדערן: „זעט דיזן מאן! ווי ערלאָך און פיין ער איז!“ זיין נאָמען פארברייטערט זיך, אלעס רעדט פון אים, ער געווינט אנזען און צוטרוי, ווערט אלם עלטסטער דערוויילט, און ער רוט ניט, ביז ער מיט'ן כח פון זיין מאכט טוט אלעס דערדריקן.

11) מדור דור מדורו של משה לדורו של שמואל לדורו של מרדכי ואסתר, ילקוט בשלח בשם פסיקתא.

12) עמלק, עם לק שבא ללוק דמן של ישראל ככלב, ילקוט כי תצא.

13) ילקוט בשלח.

עמלק, — זאָגן אונזערע חכמים ווייטער 14) — קליגט זיך אויף דעם דאָזיקן אופן; ער רופט אוים ליבלאך: „ראובן, שמעון, וואו זייט איר; קומט אהער, מיר ווילן מיט אייך מאכן געשעפט." און ווי איינער טרעט צו אים צו, אזוי ווערט ער געטויט. און ווען עם געלינגט אים ניט אויף דעם דערמאנטן אופן אימיצן צו פארלאקן, אזוי פארשטעלט ער זיך פאר פרום און גנב'עט אומ־ערפארענע יונגע אידישע נשמות. 15)

אַ מייסטער, א ווירקלאך גרויסער קינסטלער איז עמלק אין דריטן קאמפס־ארט: אין רכילות, און אין דעם קען זיך קיינער מיט המן, עמלקס אויסשפּראָצונג, ניט פארגלייכן. די אידן, הויבט ער אָן אין זיינע רכילות, לעבן צעשפּרייט אין אלע פראָווינצן, צווישן פארשידענע נאציאָנען, און דאָך בילדן זיי איין פאָלק, האלטן זיך צוזאמען, בלייבן איבעראל א פאָלק פאר זיך, און זיינען דעריבער נאָך מער געפערלאכער, ווען זיי זיינען צע־שפּרייט און ארומגעבונדן מיט א געהיימען באנד. זיי האָבן באזונדערע געזעצן, עסן ניט מיט אונז און זיינען זיך מיט אונז ניט מתחתן, זיינען ניט קיינע פאטריאָטן, קיינע טרייע אונטער־טאנער, פאַרדינען אבער אויך ניט קיין אנזען, ווייל זיי מאַכן אוים א קליינע צאָל. 16)

ווי דער האַר, אזוי דער דינער און די באַאַמטע פון דער מלוכה גיבן ארוים פאָלגענדן דעקרעט, וועלכן דער מדרש

---

14) עמלק היה קורא ראובן שמעון אחוכון, אנא פוקו דאנן בעיין למעבד פרקמטיה עמכון וכיון שהיה יוצא אחד מהם היה הורגו. פסיקתא.

15) עמלק נכנס תחת כנפי הענן וגונב נפשות מישראל והורגן. מכילתא בשלח.

16) ישנו עם אחד מפוזר ומפרד בין העמים בכל מדינות מלכותך ודתיהם שונות מכל עם ואת דתי המלך אינם עושים ולמלך אין שוה להניחם.

ברייננט אין מגילת אסתר, 17) צו די בירגער פון מלך אחשורוש:

„פרידן און גליק צו אייך אָן א סוף! זייט וויסן, אז דער העכסטער ראנג באַאַמטער פון לאנד, מיט'ן נאָמען המן, מאכט אונז אויפמערקזאם אויף א פאָלק, וואָס לעבט צעשפּרייט צווישן אונז, וועלכער צייכנט זיך אבער אוים מיט הערשונגס־זיכטיקייט און מענטשנפיינטלאכקייט, און איז אומגעטריי דעם קעניג און פאָטערלאנד. מיינט אָבער ניט, אז דאָס איז אן אויסגעטראכטע, בייזוויליגע באשולדיגונג. ניין! פאר יעדער באהויפּטונג, האָט המן געפונען ראיות אין די הייליקע שריפטן פון יענעם פאָלק."

„אזוי האָבן זיי א ספר, מען רופט עס תהלים. לעזט מען דאָרט (י' ט"ז) „ד' מלך עולם ועד אבדו גוים מארצו"; ווייטער (קמ"ט, ז') „לעשות נקמה בגוים תוכחות בלאומים". משפט איצט אליין! קענען מענטשן, וועלכע האלטן הייליק אזוינע ביכער מיט אַזוינע שטעלן, זיין טרייע בירגער און מענטשנפריינט? האָפן זיי ניט, אז מיר, גוים, זאָלן אונטערגיין?

„אין זייער תורה, וועלכע זיי פארהייליקן גאָר באזונדערס, ווערט מיט נקמה דערציילט, ווי דער גוטער און מענטשנפריינט־לאכער פרעה — וואָס ווערט פאלש פאָרגעשטעלט ביי אידן אלס א בייזהאפטער — וועלכער האָט מיט אידן אזויפיל גוטס געטאָן, געפינט זיין אונטערגאנג; ווי דער פרומער עמלק, די העלדן סיחון און עוג, ווערן געשלאָגן; ווי דער באשיידענער בלק בייגט זיך פאר זיי; אין בוך יהושע, ווי זיי האָבן פארטריבן די מלכים פון כנען פון זייער ערד; אין בוך פון שופטים, ווי זיי האָבן געטויט סיסראַן מיט פאלשקייט און אָפּנארונג; אין שמואל, ווי גרויזאם זיי האָבן טויט געשלאָגן דעם אידעלן אגג. דאָס קען אייך דינען פאר גענויע באווייזן, ווי די אידן האסן אלע פעלקער,

17) פסוק אם על המלך טוב.

און טרוימען נאָר פון וועלט-הערשאפט. איצט איז זייער גאָט אלט און שוואך געוואָרן, זיין הייליקטום איז פארברענט, די אידן לעבן איבעראל צעשפרייט, און דאָך איז אבער זייער כאַראקטער געבליבן אומפארענדערט! — אין רעכטן גלות צווישן אונז שפאטן זיי דורך זייערע וויצן פון אונז און אונזער הייליקן גלויבן! לאָמיר דעריבער, פארטיליקן אונזערע שונאים, די פארעקשנ׳טע געגנער פון אונזער אמונה!"

דאָס, מיינע ווירדיקע צוהערער, איז דער הויפּט-אינהאלט פון די אלטע, נייע און גאָר נייסטע רכילות קעגן אידן. אזוי האָט גערעדט עמלק אין שושן, אזוי האָט ער געשריבן אין דרום דייטשלאנד, און אזוי רעדט ער דאָ. ער רייסט אראָפּ, איז מחלל און מטמא אלעס וואס איז הייליק און געטלאך.18) און כל זמן עמלק וועט זיין טעטיק, וועט גאָטס וואָרט און גאָטס ווירקן שטענדיק זיין באשמוצט און געשענדעט;19) ווייל קעגן בייזוויליגע רכילות איז אפילו דאָס העכסטע און הייליקסטע ניט געשיצט!

און דאָך, באטראכט עס נאָר מיינע ווירדיקע צוהערער, ליגט פּאָרט אין דעם געבאָט: „זכור את אשר עשה לך עמלק" און אין דעם שלום וואָרט „אל תשכח" א קלאָרע צייגענים פאר דאָס ווייכע, מילדע פרידנזיכטיקע הארץ פון אידישן שטאָם; ווייל ווען די תורה מוז באזונדער מגדיש זיין און נאָכדריקן, אז דאָס פאָלק ישראל זאל ניט פארגעסן די שלעכטס, וואָס עמלק האָט אים געטאָן, מוז מען ציען דעם שלום פון דעם, אז אזוי איז עס לייכט צו פארגעסן, געניגט פון נאטור צו מוחל זיין און פארגעבן; ווייל א בייזהאפטיקער און ראכע-דורשטיקער מאן,

---

18) אשר קרך בדרך טימאך, פדר"כ.
19) כל זמן שזרעו של עמלק בעולם לא השם שלם ולא הכסא שלם. שם.

וואָרט ניט מען זאָל אים דערמאנען, ער זאל נקמה נעמען פון זיינע פיינט און באדריקער, אויך לערנט אונז דאָס אידנטום דעם יסוד: אויב עמלק האָט געענדערט זיין גאָט־ און מענטשן־פיינטלאכן וועזן, ווערט ער באטראכט ווי א פרומער בן־נח,20) ווייל ניט עמלקס פערזאָן, ניט זיין קערפערלאכע ערשיינונג דארף פארטיליקט ווערן, נאָר זיינע גרונדזאצן, השקפות און באשטרע־בונגען דארפן דאָס אָן רחמנות אויסגעראָטן ווערן, ווייל זיי גראָבן אונטער דעם שלום און גליק פון די מלוכות, שטערן די ענטוויקלונג און אויסבילדונג פון גאָטס קעניגרייך, צופלאמען ראָכע און פארפאָלגונגען, רעגן אויף די ערגסטע לײדנשאפטן, שפייזן זיי און האלטן זיי אָן און ברייינגען אומגליק און פאר־דארבונג צו אלעמען.

אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, מיינע ווירדיקע צוהערער, האָט געלעבט אין פראנקרייך איינער פון די בארימטעסטע ניט־אי־דישע פרעדיגער, וועמען דער קעניג האָט באשטעלט אלס דער־ציער פון זיין יורש־עצר. איינמאָל, ווען דער מייסטער האָט געלערנט דעם טראָן־פאָלגער די מלוכה־קונסט ווי צו רעגירן, האָט ער גענומען מגילת אסתר, אויפגעמישט דעם דריטן פרק, און האָט פאר זיין שילער דורכגעלעזן די רכילות וואָס המן האָט געבראכט קעגן די אידן, זיין ראט זיי אויסצוראָטן. דאן האָט ער מיט א שטריינגע מינע פון א לערער געזאָגט: „דאָ, פרינץ, האָסטו א ביישפיל, ווי א פרינץ ווערט פארפירט און אָפגענאַרט פון א ניכטסווירדיקן ראטגעבער, וועלכער וויל נאָר באפרידיקן זיינע לײדנשאפטן. המן רעדט נאָר פון גליק פון דער מלוכה, ער באמיט זיך איבערצורייידן זיין קעניג צו פארטיליקן א וויכטיקן טייל פון דער באפעלקערונג, ווען אין אמת׳ן האָט ער נאָר זיך אין זינען, שטילן זיין נקמה אין דעם מאָרד פון הונדערטער־

---

20) רמב״ם הלכות מלכים ו׳ ה׳.

טויזנטע. אַ, פירסט, היט זיך פון אזעלכע שענדלאכע חונפים, וועלכע באטריגן די רעגענטן און פירן די מלוכות צום אומ־גליק."

די שפּעטערדיקע געשיכטע פון יענער מלוכה האָט דורך שטראָמען בלוט באשטעטיקט די לערען פון יענעם קעניגלאַכן לערער.

ישראל! „זכור את אשר עשה לך עמלק"; באקעמף מיט די וואפן פון דיין גייסט די פארדערבלאכע לערען, גרונדזאצן און האנדלונגען פון המן אָן אָן אויפהער; באקעמף זיי ביז עם פארשווינדן זייערע לעצטע שפּורן, צו דיין גליק, צום וואויל פון פרידלאכן פּאָרשריט פון דער געשיכטע, צום ציוויליזירן און אייביגן גליק פון די פעלקער, צו דער שטאר־קונג און קרעפטיגונג פון אונזערן טייערן פּאָטערלאנד און צו דער פאַרהייליגונג פון אונזער גאָט; פארטרייב דעם פינסטערן גייסט פון עמלק פון דער ערד, יענעם גייסט, וועלכער ערשיינט אַ ווײַלע גוואלדטעטיק, א וויילע חוזק'דיק און באלד פול מיט רכילות, פארשיק אים, כדי עס זאל ווערן העל און ליכטיק, עס זאָלן איבעראל הערשן פרידן און פריינטלאכקייט, „אל תשכח". אָמן.

———:———

דרוש לשבת נחמו

ציון וירושלים

כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל
הנחלה אשר ד׳ אלהיך נתן לך.
(דברים י״ב, ט.)

ווי רייך און פארשידנפארביק עס איז דער אינהאלט אין די זיבן סדרות, וועלכע מיר לייענען אין די זיבן שבתים פון תשעה באב ביז ראש השנה, הערשט דאָך איין גרונדטאָן אין די רייד פון נביא אין די הפטרות פון די וואָכן, וועלכע קלינגען צו אונז אריבער פון אוראלטע צייטן. דאָס איז ציונ׳ס אויפלעבונג און איבערבורט, עס איז ישראל׳ס באפרייאונג און ערלייזונג, עס איז זיין צוריקקער פון גלות בבל צו דעם לאנד פון זיינע עלטערן, וועלכע דער נביא שילדערט אונז אין פראכטפולע בילדער, זאָגט אונז אָן מיט ווייכע ליפּן, טרייסטענדיקן צונג און האַרציקע רייד.

אַ ווײַלע באשטייגט ער די הויכן און בערג און רופט מיט אַזאַ שאלנדן קול, אז אלע שטעט אין יהודה זאָלן עס קענען דערהערן: „זעט, אייער גאָט קומט 1) גאָט ערשיינט ווידער אין זיין הערלאכקייט!״

באלד זעט ער די פענסטער און טירן פון ציון ווי זיי גלאנצן אין אַזאַ העלן פראכט, ווי ער וואָלט געזען דעם פאַרבן שימער פון לויטער דימענטן און עדעלשטיינער 2) אין א רגע ארום, פאר־

1) הנה אלהיכם (ישעיה מ׳ ט׳).
2) ושמתי כדכוד שמשותיך ושעריך לאבני אקדח (נ״ד י״ב).

וואנדלט זיך אונטער זיינע טריט א וויסטע אין א וואסער־פּלאַץ און די זאמדיקע ערד אין וואסער־קוואַלן 3) וואו די אַהיימקערנ־דע דערפרישן זייערע געמיטער, באלד רוישן פאר אים דאנקס־לידער, שטארקע פרייד־געזאַנגען טראָגן זיך צו אים פון ירושלים, וועלכע קלינגען אים ווי פון א גן־עדן, 4) באלד רופט ער צו ציון: „ערוואך, ערוואך פון דיין שווערן שלאָף, טו אָן דיינע זיג־בגדים, היל זיך איין אין דיינע שענסטע פּראכט־קליידער“ 5) באלד דערציילט ער אין שיינע רייד, וועלכע חסדים און גוטס, גאָט האָט געטאָן מיט ישראל, 6) ער גיט איבער זיינע צוהערער גאָט'ס א סוד, ער זאָגט: קומט אהער, איך וועל דערציילן, ווי גאָט זאָגט צו זיך אליין: „כאָטש ישראל האָט מיך געקריינקט און דערצערנט, ער בלייבט אבער פאָרט מיין פאָלק, צו וועלכן איך וועל זיך אומקערן; זיי האָבן זיך אָפּט געלאָזן אָפּנארן, זיי האָבן אָפּגעטראָטן פון גלייכן וועג, זיי זיינען אָבער דאָך מיינע קינדער, וועלכע זאָגן ניט קיין ליגן, וועלכע ווילן זיך צו מיר צו־ריקקערן, 7) וואָס טוט ניט א קעניג פאר זיין פאָלק, ווען אפילו דער לעצטער איז שלעכט א פאטער פאר זיינע קינדער, ווען אפילן זיי גרייזן! יע, איך וויל, איך וועל זיי העלפן 8) וועל זיי באפרייען פון די קייטן פון פרעמדן יאָך“; ווייל עס טוט אים, כביכול, אויך וויי, ווען זיינע קינדער ליידן. 9)

מיד פון ליארם פון שטאָט ציט זיך דער נביא אין די שטיל־קייט פון די פעלדער און גערטנער, די פלאנצן וועלט איז גע־

3) אשים מדבר לאגם מים וארץ ציה למוצאי מים (מ״א י״ח).
4) ששון ושמחה ימצא בה תודה וקול זמרה (נ״א, ג׳).
5) עורי, עורי לבשי עזך ציון לבשי בגדי תפארתך. (נ״ב א׳).
6) חסדי ד׳ אזכיר (ס״ג ז׳).
7) ויאמר אך עמי המה בנים לא ישקרו (ס״ג ח׳).
8) ויהי להם למושיע.
9) בכל צרתם לו צר (ס״ג, ט׳).

רוישלאָז טעטיק, עס לאָזן זיך פאַנאַנדער די קנאָספּן, די בוימער שטייען אין פולן בליאונג, די אויג פארלירט זיך אין דעם אַנבליק פון פארבנרייכער אויפשפּראָצנדער און אויפבליענדער נאַטור, פלוצלונג דערמאנט ער זיך און רופט אוים: „יע, אזוי ווירקט מיין גאָט, דער גאָט, וועמען איך פארטרוי, ווי ער לאָזט אלעס שפּראָצן אויף די פעלדער און גערטנער, אזוי וועט ער אויך לאָזן וואקסן זיג און רום צו זיין פאָלק פאר אלע פעלקער. 10)

יעדעס וואָלקן, וועלכע שוועבט אין הימל, און יעדע טויב, וועלכע פליט צוריק צו איר נעסט, איז פאר אונזער נביא א בילד פון זיין פאָלק וועלכער קערט זיך אום צוריק אין ירושלים, 11) ציונ׳ס ווידער־באַזיץ, ציונ׳ס זעלבסטשטענדיקייט, ציונ׳ס הער־לאַכקייט — פאר דעם שלאָגט זיין הארץ, מיט דעם שפּייזט ער זיין פאַנטאַזיע, אויף דעם ריכטעט ער זיין דיינקען, דאָרטן צילן זיינע רעדעס, דאָס איז די איינציקע גרויסע טעמע, ער באהאַנדלט פול מיט באגייסטערונג און גאָטס פארטרויען.

וואָס אבער, מיינע ווירדיקע צוהערער, איז פאר אונז אידן דער גגענוואַרט פון ציון, וואָס ירושלים, פּאלעסטינא דאָס לאנד פון אונזערע אבות? דער גרויסער נביא האָט פאר זיינע אויגן געהאט דעם גלות בבל. ער האָט געוואוסט, אז די שעה פון גאולה איז נאָנט — אינגאנצן זיבעציק יאר — האָט ער גע־וואָלט אויפמונטערן דאָס פאָלק, ער זאָל האָבן דעם אויסדויער, גערדולד און זאָל ניט פארלירן די האָפענונג. ער האָט געבראכט פאר זיינע אויגן די נאָנטע צוקונפט אזוי לעבנעם פריש, אזוי פארבנרייך, אז עס איז פאראנשטאלט געוואָרן פאר א געגנ־ווארט — אבער וועט אויך די גאולה פון איצטיקן, צווייטן גלות

10) כי כארץ תוציא צמחה וכגנה זרועיה תצמיח כן ד׳ אלהים יצמיח צדקה ותהלה נגד הגוים. (ס״א י״א).
11) מי אלה כעב תעופינה וכיונים אל ארבתיהם (ס׳ ח׳).

אויך פון אירגנד וועלכן נביא אָנגעזאָגט ווערן מיט א באשטימטע צייט?

וואָס, פרעג איך, איז פאר אונז אידן דער געגנווארט ציון? אויף דעם וועל איך איצט ענטפערן, הויך און אָפן פאר די אויערן פון אלע פעלקער!

עס זיינען דאָ פילע אידן, וועלכע וועלן אויף אונזער גע־שטעלטע פראגע, וואס באדייט פאר אייך ציון, וואס ירושלים, וואָס ארץ ישראל, גלייך ענטפערן: גאָר ניט, א ליידיקער קלאנג, אָ באדייטונגסלאָזער טאָן, א טויטעס וואָרט. אונזער בליק — זאָגן זיי — איז ניט געריכטעט צו מזרח, ציון קומט אונז קיינ־מאָל ניט אויפ׳ן זינען, ירושלים ליגט פון אונז ווייט; מיר געהערן מיט יעדן געדאנק און מיט אלע געפילן צו דעם לאנד אין וועלכן מיר זיינען געבאָרן, צום פאָלק, צווישן וועלכן מיר זיינען דער־צויגן; פאר אונז גיט עס ניט קיין ציון, קיין ירושלים, מיר זיינען פון קאָפּ ביז די פיאטעס פון ריינע פאטריאָטן, דייטשע, סלאווישע, אונגארישע פאטריאָטן! זייער גוט! אויך איך און מיינע געזינונגס־גענאָסן, רעכענען זיך אלס זין פון אונזער פאטערלאנד, אויך מיר נעמען א ווארימען אנטייל פאר דער אויפלעבונג פון אונזער געבורטסלאנד, אָבער דאָך בא־הויפטן מיר, אז יעדעס אידישע הארץ דארף שלאָגן פאר ציון, דארף זיך באגייסטערן פאר ירושלים.

מעגן מיר ארץ ישראל באטראכטן פון שטאנדפונקט פון אונזער אמונה אָדער גאָר פון אן אלגעמיין־מענטשלאכן בליק, האָט עס שטענדיק פאר אונז א הויכע באדייטונג, קען עס שטענ־דיק פון אונז פאָדערן, אז עס זאל קיינמאָל ניט פארשווינדן פון אונזער זכרון, קיינמאָל ניט ארויסגעשטויסן ווערן פון אונזער טרייען, אידישע הארץ.

ווייל פּאלעסטינא, די אמאָל געוועזענע שיינע און הער־לאבע לאנד, וועלכע איז געוועזן אזוי רייך מיט אלעם וואס עס דערפרייט די אויג, גיט אונז די מעגלאכקייט פון א טיפן אנבליק אין דעם אידישן וועזן און אין דער אויפגאבע פון אידנטום. איז עס דען צופעליג, וואס די תורה לייגט אזא באדייטונג אויף דעם באזיץ פון כנען? צופעליק, וואס אברהם'ן דעם פאָטער ישראל'ס, דעם ערשטען אנערקענער פון גאָט, ווערט דער צוזאָג געגעבן: „דיינע קינדער וועל איך די לאנד געבן!" (בראשית י"ב, ז.) צופעליג, וואס גאָט באפעלט משה'ן ער זאָל אָנזאָגן די אידן: „איך וועל אייך ברייגגען אין דער לאנד, וועלכע איך האָב אויפגע־הויבן מיין האנט צו געבן צו אברהם, יצחק ויעקב?" (שמות ו, ח.) צופעליג, וואס ישראל האָט געמוזט פירן אזוי פיל מלחמות ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו ד ע ם לאנד? האָט דען אין דער אלטער וועלט געפעהט א ליידיקער, אומבאוואוינטער אָרט, וועלכער וואָלט געהאט פּלאץ פאר'ן אידישן פאָלק? ניין! דאָס קען קיינמאָל קיין צופאל ניט זיין!

דאָס אידנטום איז פון אָנפאנג אָן געוועזן באשטימט, צו ברייגגען גוטס פאר דער גאנצער מענטשהייט, און האָט פאר־מאָגט אין זיך צוויי זייטן, פון איין זייט געזעצן און פאָרשריפטן, וועלכע האָבן ישראל'ן אָפּגעשיידט פון אלע פעלקער, אים אָפּגע־זונדערט פון אלע אין געצן-דינסט — פּארזונקענע נאַציאָנען, פון דער אנדער זייט האָט ער אבער אויך פארמאָגט פעלקער פאר־בינדענדע פארזאָגן, וועלכע האָבן געהאָלפן אָנצוהאלטן דעם צוזאמענהאנג אין פריינטשאפט פון ישראל מיט דעם איבעריקן טייל פון דער מענטשהייט.

אָט די צוויי געגענזאצן, די אָפּזונדערונג פון און די פאר־בינדונג מיט די פעלקער, וועלכע ציען זיך דורך דער גאנצער ענטוויקלונגס געשיכטע פון אידנטום, ערקלערן די אלע ערשיי־

נונגען אין דער זעלבער געשיכטע, ישראל׳ס אינערלאכע און אויסערלאכע קאמפן, די מיספארשטענדנישן, וועלכע ער האָט צו זיך ארויסגערופן, דעם האַס, וואָס ער האָט צו זיך צוגעצויגן; זיי מאכן קלאָר, אז ישראל דאַרף האָבן א פאסנדע לאנד אויף וועלכע ער זאָל זיך קענען גלייכמעסיק ענטוויקלען.

נעמען מיר, צום ביישפיל, ווען ישראל וואָלט געלעבט אויף אן אפגעשניטענעם אינזל, ווייט פון דעם פעלקער אויסמיש פון דער אלטער וועלט, אויסערהאלב פון יעדער בארירונג מיט אַנדערע מענטשן, דאמאָלט וואָלט דער עלעמענט פון אָפּגעזונדערטקייט אין אידנטום געהאט אזא איבערוויכט, אז דאָס אידנטום וואָלט פארלאָרן די פייאיקייט צו פאסן דעם געדאנק פון דער געזאמטער מענטשהייט. פארקערט ווידער, ווען ישראל וואָלט אריינגעשליידערט געוואָרן אין דער געדיכטער, בונטער פעלקער-מאסע, וואָלט ניט פארמאָגט די אפצאמענדע און שיצנדע גרענעצן פון נאציאָנאלן באָדן, אזוי וואָלט ער לאנג ניט געקענט ביישטיין די פארפירנדע ביישפילן פון אלע פעלקער. א נייע אמונה, וועלכע האָט געמאכט צו גאָר ניט די פארברייטעטע אָנשויאונגען פון דעם יידנטום, האָט געדארפט, ווי די יוגנט, האָבן אויפזיכט און איבערוואכונג, און האָט געמוזט זיך האלטן פון ווייטן פון די אנדערע פרעמדע שבטים.

פאר דער אויסשטאלטונג און פארשטארקונג פון אידנטום האָט מען דעריבער געדארפט נויטיק א לאנד, וואָס זאָל פון איין זייט שיידן און פון דער אנדער זייט איינינגן, וואו ביידע דערמאנטע געגנזאצן זאָלן זיך פריי קענען אויסשפרייטן, כדי עס זאל זיין מעגלאך אָנצוהאלטן דאס גלייכגעוויכט, — און אָט צו דיזער דאָפּלטער אויפגאבע איז געווען צוגעפאסט דער באָדן פון פאלעסטינא! ווייל פאלעסטינא איז איינגעשלאָסן אין נאטירלאכע גרענעצן, אין צפון דורך די בערג פון לבנון, אין דרום דורך

די הויכע בערג און וויסטעס, אין מזרח דורך דעם גרויסן מדבר און אין מערב דורך דעם ים, און דאָך בילדעט עס דעם קנאָטן־פּונקט פון דריי וועלט־טיילן! ישראל האָט דעריבער געקענט אין דעם צוגעזאָגטן לאנד זיך אָפּזונדערן פון אלע פעל־קער, פארשטארקן די גרויסע ווארהייטן פון אידנטום דורכ׳ן אָפּהיטן יענע געזעצן, וועלכע שיידן אים אָפּ פון אלע פעלקער, און דאָך פארבלייבן אין שטענדיקן פארקער מיט די היידישע נאַציאָנען; די פעלקער אין אַזיע, איירָאָפּע און אפריקע האָבן געהערט פון יעקב׳ס הויז, וועלכע האלט זיך אָן אָן גאָט, וועלכע האָפּן צו אים, צו זיין גייסט אָבער ניט צו די בילדער, זיי האָפּן מנצח זיין ניט מיט וואפן קראפט, נאָר דורך דער מאכט פון אמת, זיי ווילן מנצח זיין דורך קלוגע, גערעכטע און ליבעסווירדיקע גע־זעצן פון הארצן. נאָר אזא לאנד, וואָס איז דער שליסל פון דריי וועלט־טיילן איז דער צוגעפּאסטער באָדן פאר יענע פארזאָגן אין דער תורה, וועלכע זיינען ווי דימענטן אין איר קרוין, די געבאָטן: „ואהבת את הגר“, „את הגר לא תלחץ“, „לעני ולגר תעזב אותם“, „משפט אחד יהיה לכם לעני ולגר בתוככם.“

יע, דאָרט אין לאנד פון אונזערע עלטערן, ווען זיי זיינען נאָך געווען א פאָלק, זעלבסטשטענדיק, פארמאָגט מלכים, באַ־זעסן א טעמפל אויפ׳ן בארג ציון, איז קיין מענטש ניט געווען געדריקט, באליידיקט און גערויבט אין נאָמען פון דער אמונה, קיין פרעמדער האָט ניט געטראָגן קיין צייכנס, קיינער האָט ניט געדארפט געבן קיין לייב אָפּצאָל, קיין אָרעמער האָט אומזיסט זיין האנט ניט אויסגעשטרעקט, דאָרט האָט געהערשט גערעכ־טיקייט, דאָרט האָט געהערשט ליבע, יענע ליבע, וועלכע שאפט ניט קיין געטאָס, שליסט ניט איין מענטשן אין אומגעזונטע גאַסן, פארווערט ניט און באשריינקט ניט מענטשן אין זייער דינסט און גלויבן צו גאָט.

אידן! ווי קענען מיר ציון פאַרגעסן, פאַרגעסן דאָס לאַנד, וועלכע דערמאַנט אונז שטענדיק דורך איר עקזיסטענץ, אַז נאָר אונזער עבודה און תפלה געהערט אונז אליין, אבער אונזערע הערצער שלאָגן פאַר אלע מענטשן, אַז קיין מענטשלאכעס ווי לאָזט אונז ניט קאַלט, אַז טראָץ אונזערע רעליגיעזע אָפּגעשייד־קייט דאַרפן מיר לעבן מיט די פעלקער פאַראייניקט, פרידלאַך און ברידערלאַך, היינגט דען ניט אָפּ די אויסשפּרייטונג פון דער אידייע, וועלכע האָט נאָר אין פּאַלעסטינאַס באָדן געקענט איינגעפלאַנצט ווערן אלס אַ פּרוכטבאַרער קערנדל, דאָס גליק און פרידן, די ברכה און פאָרטשריט פון די פעלקער? אין וועל־כער אנדערער לאַנד חוץ פּאַלעסטינאַ, וועלכע ליגט אין מיטל־פּונקט פון דער אלטער וועלט, וואָלט געקענט אזוי אָנגעזאָגט ווערן דער אוראַלטער שפּרוך פון נביא: (ישעיה ב, ג) פילע נאַציאָנען וועלן זיך ציען און זאָגן: קומט, לאָמיר גיין צו גאָטס באַרג, צו דעם הויז פון יעקב'ס גאָט, ער וועט אונז לערנען פון זיינע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן?" קענען מיר און מעגן מיר דען אויסמעקן פּאַלעסטינאַ פון אונזער זכרון?

פּאַלעסטינאַ מוז אויך זיין טייער צו יעדן אידישן הארצן, ניט נאָר צוליב איר לאַגע און אויפגאַבע פאַר די אידן, נאָר אויך אלס לאַנד פון די וויכטיקסטע היסטאָרישע עראיינערונגען פאַר ישראל.

דאָרט האָבן ארומגעוואַנדערט אונזערע אבות אין זונען־גלאַנץ, פון אַ העכערן גלויבן, ווען די ארומיקע פעלקער האָבן נאָך געלעבט אין רויהייט און ווילדהייט; דאָרט האָבן געדרוישט די שיינע מליצה'דיקע רייד פון אונזערע נביאים, ווען די ארו־מיקע נאַציאָנען האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט קיין שריפט־שפּראַך; דאָרט האָבן אונזערע משוררים געזונגען די וואונדערבאַרע לי־דער פון תהלים, וועלכע שאַלן ביז היינט אין אידישע ווי אין ניט

אידישע געבעטהייזער; דאָרט האָבן באַטראָטן זייערע טראָנען אונזערע מלכים און רעגירט א פרייען פאָלק, ווען דעספאָטן האָבן באהערשט גאַנץ אַזיע; דאָרט האָבן די מכבים געקעמפט זייערע העלדן קאמפן, וועלכע ציילן זיך צו די שענסטע קאַ־פיטלאך אין דער קריגס-געשיכטע פון פעלקער; דאָרט זיינען געפאלן הונדערטע טויזנטע פון אונזערע ברידער צום שרעק פון וועלטבאהערשנדן רוים; דאָרט איז געווען דער בית המקדש, דאָרט די וויג פון משנה, דאָרט הלל דער ענו, דאָרט דער פריד־לאַבער ר' יוחנן בן זכאי, דאָרט דער גייסטרייכער רבי עקיבא, דער שארפזיניקער ר' מאיר, דאָרט ר' יהודא הנשיא. יעדע שטאט, יעדעס דאָרף, יעדע גאס פון פאלעסטינא, יעדער שטיין אין ירושלים, — אלע דערציילן אונז פון א גרויסע פארגאנ־גענהייט, — קען אונז און מעג אונז פאלעסטינא גלייכגילטיק זיין?

טייער מוז פאלעסטינא בלייבן צו יעדן אידישן האַרצן, ווייל אין איר חורבן און אויך נאָך דעם חורבן איז זי געווען דאָס לאנד פון בייגקשאפט פון די איידלסטע אידישע גייסטער. אזוי ווי די טויב, אפילו נאָכדעם ווי מען האָט איר באַרויבט אירע קינדער, קערט זי זיך שטענדיק צום נעסט, אזוי ציט זיך ישראל אויך נאָך דעם חורבן בית המקדש דריי מאָל א יאָר אין ציון 12) זאָגט אונז א מדרש. ר' אברהם בן חייא באריכטעט אין א ווערק, אז פילע פרומע אידן פלעגן זיינער צייט פאָרן אין ירושלים אויף ימים נוראים. רבי יהודא הלוי, דער גרעסטער אידישער משורר וועלכער האָט געזונגען „ווען איך זע אין טרוים ווי די געפאנגע־נע קינדער קערן זיך צו ציון, אזוי ווער איך א פידל צו די לי־

12) מה יונה זו אע"פ שאת נוטל גוזליה מתחתיה אין מנחת שובכה כך ישראל אע"פ שחרב בהמ"ק לא בטלו שלש רגלים בשנה (מדרש חזית פסקא הנך יפה).

דער" 13) און רבי משה בן נחמן, דער וואָס האָט באַקעמפט די פּאַנאַטיקער, האָבןביידע פאַרלאָזן זייער שפּאַנישע היימאַט און זיך געלאָזן פון בייַנקשאַפט קיין ציון. ר' שמעון דורן טיילט אונז מיט, אז אויך אין זיין צייט פלעגן פיל אידן פייערן דעם הייליקן יום טוב אין ציונ'ס מויערן. 14)

ווער קען עס אויפציילן די נעמען פון אלע יענע באַרימטע מענער, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר הונדערט יאָר פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער זיך באַזעצט אין ירושלים, חברון און צפת, דאָרט געלעבט, געלערנט אליין און געלערנט אנדערע, געשריבן גרויסע און באַרימטע ווערק?

יע, טייער מוז דער נאָמען ציון ביי אונז געטרייע אידן בלייבן, ווייל ענדלאך אויך אונזערע גרויסע האָפענונגען זיינען געקניפּט אָן ציון. מיר האָפן, אז ציון וועט אפּטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון טויזנטער יאָרן און אויפסניי זיך אויפהויבן, שטראַלענד און גלענצענד, אלס דאָס הייליקע שטאָט פון דער מענטשהייט, אלס די ליכטיקע הויך, אויף וועלכע עס וועט זיין געריכטעט די אויג פון די פעלקער, אלס די ערהאבנסטע מלוכה, פון וועלכע עס שטראַמט די ריינסטע לערע, די אמת'ע מנוחה, די דוירענדע, בלייבנדע רו־אָרט פאַר אידן מיט דער ניי גרינדונג פון ציון אלס גאַנס שטאָט. 15) אזוי לאַנג ווי די פעלקער וועלן ניט אנערקענען, אז אזוי ווי פּאַלעסטינא איז אין מיטן פון דער אלטער וועלט, אזוי בילדן די אידן דעם מיטלפונקט פון

13) עת אחלום שיבת שבותך אני כנור לשיריך.
14) והגידו לו כי בבה"כ של ירושלים הם נכנסים כל הקהל והוא מתמלא מהם וכשעולין לרגל מכל הסביבות נוספים יותר משלש מאות והכל נכנסים שם בלא דוחק (מגן אבות פרק ה', משנה ה').
15) אין מנוחה אלא ירושלים שנאמר זאת מנוחתי עדי עד (ילקוט ישעיה מ"ט).

דער וועלטלאכער געשיכטע; אזוי לאנג ווי ירושלים דערהויבט זיך ניט אזוי הויך, אז זי זאל דערגרייכן דעם טראָן פון כביכול 16) אזוי לאנג ווי מען געפינט זיך אין משוגעת, אז מיר, אידן, זיינען פארבלענדעט און פאַרפירט און דארפן האָבן לע־רע און תשובה; אזוי לאנג, ווי מען וויל אונז לערנען יענעם מאָראַל, וועלכע מענער פון אונזער שטאם האָבן אָנגעזאָגט דער וועלט; אזוי לאנג ווי עס זיגט ניט דער גייסט פון אונזער גלויבן, דער גייסט פון גערעכטיקייט, ליבע און פרייהייט, דער גייסט פון אמת'ע פערזענלאכקייטן — וועט אונז אידן פעלן די דויערנדע רו. פאראורטייל, אָפּנייגונגען, שנאה און האַס קעגן אונז וועלן אזוי לאנג דויערן ביז מען וועט דעם אידנטום אויפּס־ניי איינזעצן אין זיין היסטאָרישן רעכט, ביז מען וועט אונז געבן יענעם פלאץ, וועלכער איז באשטימט פאר אונז פון כביכול, דער מלך המשפט. דאמאָלט וועט א נייער גייסט פון אחדות און שלום דורכדרינגען דורך דער וועלט, די מענטשהייט וועט מיט הייליקן ציטער קוקן אויף ציון, וועלכע וועט שטראלן אין פראכט אלס דער מקום השכינה, אלס די הויפטשטאָט פון גאָטעס רייך. אמן.

16) עתידה ירושלים להיות רמה ועולה עד שמגעת לכסא הכבוד.

די חתונה פון די געליבטע

א דרשה צו דער חתונה פון אברהם אדאָלף פייגעל
מיט קלאַרא הירשפעלד

א קליינע אַנמערקונג פון איבערזעצער.

אום בעסער צו פארשטיין די וואונדערבארע דרשה און כדי צו האָבן א באגריף צו וואס זי איז געצילט געוואָרן, וועלן מיר באקאנען דעם לעזער מיט דער קורצער געשיכטע און די אומשטענדן ביי וועלכע די דרשה איז געהאלטן געוואָרן.

די דרשה איז געזאָגט געוואָרן אין שטאָט לינץ, אבער־עסטרייך אין יאָר 1861. די אידישע קהלה איז דאָרט דאמאָלט באשטאַנען פון פערציק משפחות, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט אין פארלויף פון די לעצטע דרייצן יאָר. זיי האָבן זיך געפילט פרעמד, ווי גרים און געמוזט האָבן פון צייט צו צייט דערלויבנישן אויף צו פארבלייבן דאָרט. דאָך האָבן זיי באוויזן אויפצובויען א שול און איינאָרדענען א קהלה. ווען עס האָט זיך געמאכט די חתונה ביי די קינדער פון צוויי אנגעזעענע קהלה מיטגלידער האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט און געשיקט רופן נאָך דעם בארימטן פרעדיגער ד״ר יעלינעק, ער זאָל האלטן א רעדע, וואס זאל דערוועקן ליבע צו דער קליינער קהלה ביי זייערע גוישע שכנים, וועלכע זיינען געווען אלע פארבעטן אויף דער חתונה. רבי ד״ר יעלינעק האָט געהאלטן די דרשה און ווירקלאך געמאכט א גוואלדיגן איינדרוק. די רעזולטאַטן

זיינען געווען, אז מען האָט די אידן ערקלערט פאר שטענדיקע בירגער פון שטעטל גלייך מיט די גוים, און די קהלה איז פון דאמאָלט אָן געוואקסן.

דער איבערזעצער.

חתן און כלה, ווירדיקע פּאָר, און איר איינגעלאדענע געסט, מיינע ווערטע צוהערער!

צופוסן פון דעם הייליקן מיט הימעלשע שטראלן באַלויכטענעם און מיט גאָטס ערע באשיינטן בארג סיני, זיינען אמאָל געשטאַנען אונזערע עלטערן, די פאָטערס פון פאָלק ישראל, און זיך צוגעהערט צו די צען הייליקע געבאָטן, וואָס האָבן געהאט די אויפגאבע אָנצופילן די וועלט מיט אמת'ע גערעכטיקייט, ריינע ווארהייט און ערהאבענע ליבע. אבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א גרויסער רעש פון אלע פיר ערד-טיילן, און אלע פעלקער האָבן אויסגעשריען: „פאָטער אין הימל! מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון דעם קליינעם פאָלק ישראל; פארוואָס האָסטו אונז ניט אויסגעקליבן; פארוואס האָסטו זיך צו אונז ניט אנטפּלעקט; פארוואס האָסטו צו אונז ניט געשיקט דיין טרייען שליח, ער זאָל אונז לערנען די וועגן פון לעבן לויט דיין ווילן? קענען מיר דיך ניט ערן ווי דיזע פאָלק?“

באלד אָבער האָט א דונער געטאָן א שטימע פון הימל, וועלכע האָט זיך געהערט אין אלע לענדער און ממלכות, אין אלע ערטער, וואו עס וואוינען פארשידענע פעלקער און אזוי אויסגערופן: „די דאָזיקע תורה וואס איך גיב די אידן, ליגט ניט איר קראפט אין פּאָליטישע הערשאפט, און איז ניט געבויט אויף כח; די אידישע שטארקייט — איז זיין הויז און פאמיליע! נעמט,

פעלקער, ברייגגט מיר אייער ספר היחוס, וועל איך וויסן ווי אזוי עס בליט דער שלום בית און ווי אזוי עס האלט זיך אויף די חיי־משפחה ביי אייך, דער דת, וואס איך האָב אייך געלאָזט הערן אויפ'ן בארג סיני קען ניט האָבן קיין קיום סיידן ביי פאָטערס, וועלכע זיינען מקריב דעם לעבן פאר זייער פאמיליע, פול מיט מוט און מעשים; סיידען ביי מוטערס, ביי וועמען דאָס הויז, פאַ־מיליע, מאן און קינדער זיינען טייערער פון אלץ אין דער וועלט, סיידן ביי קינדער, וועלכע ווייסן ניט פון קיין העכערע און ער־האבענערע זאך ווי פאָלגן זייערע עלטערן מיט גרויס ליבע און זיין אונטערגעוואָרפן אונטער די, וועלכע האָבן זיי געבראכט צום לעבן; איר פעלקער דיינקט אז איר זייט גרינג און ביליק אין די אויגן פון דעם פאָלק ישראל. ניט אמת, מיינע טייערע! איך קען די נשמה פון דעם דאָזיקן פאָלק און פאר מיר זיינען אָפן זיינע פארבאָהאָלטענע געדאנקען. אין דעם פאָלק רוט דער יסוד פון פעסטן פאמיליען־לעבן, דעריבער גיב איך אים דעם דת, און מאך עס פאר זיין אויפגאבע נעמען אים מיט זיך אין אלע לענדער פון דער וועלט.1)

עס זיינען אריבער איינינע מאָנאַטן, און דאָס אידישע פאָלק איז געגאנגען פאָראויס אין מדבר, איינגענומען קעניג־רייכן און לענדער, און געשלאָגן שטארקע מלכים; ווייל אונזערע פארצייטיקע עלטערן זיינען ניט געגאנגען איינגעבויגן און ניט אונטערגעוואָרפן זיך אונטער א יאָך. זיי זיינען געווען א פרייע און שטארקע פאָלק; זיי האָבן געוואוסט ווי צו געוועלטיקן מיט'ן שווערט, שיסן מיט'ן בויגן און אויפטאָן וואונדער. איינמאָל איז

1) בשעה שקבלו ישראל את התורה נתקנאו אומות העולם בהם מה ראו אלה להתקרב יותר מן האומות, סתם פיהם הקב"ה א"ל תביאו לי ספר יוחסין שלכם, הבו לי"ה משפחות עמים כשם שבני מביאים ויתילדו על משפחותיהם (ילקוט במדבר תרפ"ד).

אויפגעשטאַנען איין מלך און האָט געוואָלט אומברענגען די אידן, האָט ער געשיקט שלוחים צו בלעם דעם כשוף־מאכער, א גרויסער און בארימטער מאן צווישן די פעלקער, מיט דער בקשה: „גיי שילט פאר מיר דעם פאָלק ישראל, ער זאָל זיין פארמאוסט ביי אלעמען אין די אויגן, עס זאָל פון אים אָפּגעטאָן ווערן יעדע ברכה און ער זאָל קיין תקומה ניט האָבן אויף דער וועלט.“ דער דערמאנטער נביא פון די אומות איז געקומען מיט׳ן געדאנק זיי צו שילטן, איז ער ארויף אויף א הויכן אָרט — דערציילט אונז די תורה — כדי ער זאָל פון דאָרט זען אלע אידן. און ער האָט געזען ווי דאָס פאָלק רוט, איינגעטיילט אין שבטים, ניט אין סעקטעס, פריינטלאכע און פיינטלאכע, לויט זייער צושטאַנד און דעות, נאָר יעדער מענטש „לאהלו ולמשפחתו“; ער האָט געזען טאַטעס, מאמעס, זין, טעכטער וועלכע זיינען געווען באשיינט מיט א הייליקן געפיל: דער געפיל פון פאמיליען־לעבן! אָט דאָס הערלאכע בילד האָט געמאכט א מהפכה אין הארץ פון דעם נביא־הגוים און זיין גאנצע שנאה איז צעשוואומען ווי וואסער. ער איז געווען איבערראשט צו זען אזא פאלק, וואס ווייסט ניט פון קיין מער הערלאכע זאך ווי דאָס פאמיליען־לעבן, ביי וועמען די משפחה־פאַן איז ליבער, טייערער פון די גוטס פון ערד; 2) ער האָט ניט געקענט שילטן און ניט געוואָלט שילטן און — די תורה דערציילט אונז — „וישא משלו ויאמר: מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל“! איר ווילט קענען דעם אידן? זוכט אים ניט אין גאס, אין די פלעצער פון שטאָט, ווען ער גייט דאָרט איינגעבויגן אין דרייען אונטער דער משא, וועלכע ער שלעפט אויף זיין אקסל; דאָס איז א פארשטעלטער איד און

2) וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו אלו הם הדגלים התחיל אומר מי יכול ליגע בבני אדם אלו מכירין את אבותיהם ואת משפחותיהם (במדבר רבה, פרשה ב).

ניט דער אמת'ער! קומט אריין אין אידישן געצעלט, אין דעם אָרט וואו פּאַטערס, מוטערס, זין און טעכטער לעבן אין שלום און ליבשאפט; קומט אריין אין דעם קליינעם, אָרימען געצעלט, אין דעם אָרט, וואו דער אָרימער איד, ווייט פון די ערדישע רייכקייט און גוטס ווייסט ניט פון קיין זאך אויסער זיינע קינדער, זיי אויפצוהאָדעווען אין תורה, מוסר ויראת ד': איר וועט דאָרט זען, אז היינט ווי אמאָל איז דאָס אידישע הארץ א געטלאכער מזבח, אויפצובריינגען אויף אים דעם פייער פון זיין משפחה-ליבע, דער הייליקער פייער, וואס וועט ניט פארלאָשן ווערן אויף אייביק.

הונדערטער יאָרן זיינען פאראיבער, די אידן ווי יעדעס אַנדערעס פאָלק האָט זיך געדרייט און געענדערט אונטער די רעדער פון דער צייט: ער האָט געהאט מלכים, דוד, שלמה, חזקיה; ער האָט געהאט נביאים און שרי-צבאות; אבער ענדלאך איז ישראל אַראָפּ פון גלייכן וועג און זיך דערוויטערט פון גאָטס אויפגאבע פאר אים, פון הייליקן דת. גאָט האָט ארויסגעגעבן דעם פסק, אז ישראל זאָל צום ערשטן מאָל פארלאָזן זיין ערד און לאנד און גיין געפאנגען אין גלות צו א שונא, צו דעם אָרט, וואו מלך בבל האָט געוועלטיקט אין פראכט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען ישראל, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, האָט צוריק אָנגעהויבן לעבן ווי א גר אין א פרעמדע לאנד. דאָס אידישע הארץ איז געוואָרן צעבראָכן, עס האָט פארלוירן זיין האָפענונג. „ותאמר ציון, עזבני ה' וה' שכחני, נתנני ה' בכף אויבי ובבל יעשה חפצו בי", דאן איז אויפגעשטאַנען א נביא ביים פאָלק, א מאן וואָס זיינע שטענדיקע ווערטער זיינען געווען „נחמו, נחמו עמי"; א מאן, וועמענס אויגן האָבן געגלאנצט מיט ליכטיקע שטראלן, ווען ער האָט אויפגעעפנט דעם מויל צו שטארקן דעם פאָלק, אויפפרישן די דערשלאָגענע און דערמוטיקן די וואקלענדיקע.

אָט דער נביא האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישן זיין פאָלק און אויסגערופן: „הערט בני ישראל! איר צווייפלט אין גאָטס חסד און איר דיינקט אז גאָט האָט אייך פארגעסן? האָט ניט יעדער פון אייך א מוטער, א אידישע מוטער, וועלכע האָט ליב איר קינד און איז גרייט יעדע ווילע אָפּגעבן איר לעבן און אלץ וואָס זי פארמעגט אויף דעם מזבח פון דער דאָזיקער ליבע? האָט איר ביי אייך אמאָל געזען, אז א מוטער זאָל פארגעסן איר קינד?[3]

„כאשר לא תשכח אשה עולה", האָט דער נביא געזאָגט אין גאָטס נאָמען — „ככה גם הוא לא ישכח את עמו". דו, ישראל, זאָגסט אז דו ביסט פארלאָזן, איינזאם און עלנד צווישן די פעלקער, פארשטויסן און פארוואָרפן פון יעדן זייט — „יחל ישראל", האָף ישראל זאָגט דער נביא, עס וועלן אויפשטיין מלכים וואס צדק וועט זיין זייער גארטל, גנאדע און מענטשן־ליבע — זייער קלייד; די מלכים וועלן זיין דיינע מייסטערס, זיי וועלן דיך אויפהויבן פון די בלאָטעס, וואו די שנאה פון די פעלקער האָט דיך פארוואָרפן! אָט די מלכים, די דאָזיקע פירשטן פון צדק וועלן גיין פאָראויס פאר די פעלקער מיט אן עמוד־אש פון צדק ויושר, זיי וועלן טראָגן פאר די פעלקער דעם פאָן מיט די ווערטער: „משפט אחד לכל העמים" — און דאן וועסטו זען א שכר פאר דיין ליידן.

אזוי, טייערע פאָר, איז גרויס דאָס הויז־לעבן און די פאמיליען־ליבע צווישן אונזער פאָלק און אין זיין געשיכטע. דיזער פונדאמענט איז דער ווינקל־שטיין פון אונזער דת, דער גרונט וואָס האָט ארויסגעגעבן גוטע בליאונגען און שיינע שפראָצונגען. דער יסוד איז א פעלזן־שטיין פאר דעם אידישן פאָלק. אָט די משפחה־ליבע צווישן אונזער פאָלק, טייערע פאָר, וועל איך דאָ פאר אייך איצט שילדערן. שענקט אייער אויפמערקזאמקייט און

3) התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה.

קוקט אויף צוריק, אין די טעג ווען מענטשן-ליבע האָט נאָך ניט דורכגעדרונגען די וועלט, אין די טעג ווען די הימלען זיינען געווען שווארץ און פארפינסטערט מיט די וואָלקנס פון די פאלשע אמונות און שנאת דת. וואָס איז דאמאָלט געווען דאָס משפחה-לעבן ביי דעם קליינעם און אָרימען פאָלק? ווי א וואנט פון פייער, לויט דעם נביא, ארום דעם אידישן פאָלק.4) דרויסן פון מויער, קעלט, פראָסט און אייז, וואו יעדעם הארץ פלעגט איינפרירן, ניטאָ קיין רחמנות, קיין חסד, קיין דערבארמונג; אזוי ווי עס וואלטן פארלאָשן געוואָרן אלע ליכט פון הימל און עס איז ניט געבליבן אפילו א פונק צום לייכטן און א קייל צו דערווארמען די נידריגע פעלקער. אָבער איז נאָר איינער אי-בערגעטראָטן די וואנט און אריין אינעווייניק, האָט ער דערפילט די ווארימקייט און דערזען די אנגענעמע ליכטיקייט. ער האָט דאָרטן ניט געפונען קיין זכר פון די אויסערלאכע שנאה און גע-זען נאָר ליבע און גנאדע אין די געזיכטס-ציגע פון די טאַטעס, מאמעס און קינדער. פון דרויסן ווארפט קעלט, פארגליווערונג און פארפרוירונג אזוי שטארק אז דאָס הארץ ווערט פארוואנדלט אין שטיין; און אין הויז א ליכטיקער, קלאָרער פלאם ווי ריינער בוימאויל, די ליבע פון דער ריינער משפחה, א שטארקע ליבע וואָס האלט זיך ניט אָפּ פאר קיין זאך, א ליבע, וואס קען געפינען איר פלאץ נאָר אין דאָס הארץ פון דעם פאָלק.

וואָס איז געווען די משפחה אין יענע טעג? „גן בקרב המדבר" לויט די רייד פון איין נביא.5)

פון צווישן דעם שרעקלאכן, וויסטן מדבר, וואו די אידן האָבן זיך געפונען איז אויסגעוואקסן אַ ליבער גאָרטן. דער גאָרטן איז געווען אין דעם אָרט, וואו עס האָט זיך

4) ואני אהיה לה נאום ד׳ חומת אש סביב.
5) וישם מדברה כעדן וערבתה כגן ד׳.

געפונען די אידישע פרוי, דער אידישער פאָטער, דאָס אידישע קינד, א ליבער גאָרטן ווי דער גן עדן, פון וועלכן עס ווערט דערציילט אין דער תורה. ווי טייער זיינען געווען די בלומען, וועלכע האָבן געשפּראָצט און זיינען געוואקסן אויף די ערד פון דעם גאָרטן, וואס איז געוואָרן אן אייגנטום פון אידישן פאָלק? דאָרט איז געזעסן די אידישע מוטער און געלערנט דעם קינד וואָס האָט זיך געשפּילט אויף אירע קני דעם פסוק: „שמע ישראל יי אלהינו יי אחד". אין הימל און ערד, גאָט איז איינער וואס האָט באשאפן די ליכט פון הימל; גאָט איז איינער, וואָס האָט באַשאַפן די פעלקער אויף דער ערד; גאָט איז איינער, וועלכער טראָגט די וועלט אין זיינע אָרעמס; גאָט איז איינער, וואס גע־וועלטיקט איבער מלכים ושרים. דאָס איז, טייערע פּאָר, די אמונה און אחדות אלקים ביים אידישן פאָלק.

איין גאָט פאר אלע פעלקער און שבטים. איין גאָט, איין ליבע, איין אמת און איין געזעץ. איין גאָט, וועלכער וועט ניט פארגעבן די זינד פון א מענטשן, וואס מאכט ווייטאָגן דעם חבר'ס הארץ און פייניקט אים אין גאָטס נאָמען; איין גאָט, וואס זיין חסד און גוטסקייט קענען ניט פארליידן, ווען מען פארשטויסט פון דער מענטשלאכער געזעלשאפט די אלע וועלכע טראָגן אויף זיך גאָטס געשטאלט; אין דעם גאָרטן, ליבע פּאָר, האָבן גע־שפּראָצט און געוואקסן טייערע בלומען, דאָרט זאָגט א פאָטער צו זיין זון: „מיין זון, ווען דו וועסט אויסוואקסן גרויס, ווערן א מענטש און קויפן א הויז, זאָלסטו אָנשרייבן אויף די מזוזות די רייד פון דער הייליקער תורה „ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך"! זאָלסט ניט טראכטן, מיין זון, אז אויב מען האָט ליב גאָט דארף מען פיינט האָבן מענטשן. חלילה! דער מענטש וואָס ליבט גאָט באמת, האָט ער אויך ליב דעם גאנצן מין האנושי, ער האָט ליב פעלקער און האָט אָפענע אָרעמס

פאר אלע די וואס טראָגן גאָטס געשטאלט. — אין דעם גאָרטן האָבן געשפּראָצט און געוואקסן טייערע בלומען. דאָרט זאָגט א פאָטער צו זיין זון: מיין זון, ווען עס וועט טרעפן און דו וועסט באשעפטיקן פיל ארבעטער, זע היט צו באצאָלן יעדן זיינע שכירות דעם זעלבן טאָג פון דער ארבעט; ווען די זון וועט אונטערגיין, און דער ארבעטער, א פארמאטערטער פון א טאָג ארבעט וועט גיין אהיים זיך אָפּרוען און דערפרישן זיין מידן קערפּער און זעלע — זאָל ער מיט זיך און זיין פּאק טראָגן אויך זיין באצאָלט; זאָלסט זיך זען אָפּהיטן אין דעם זייער שטארק, ווייל אמאָל קען זיין, אז דעם ארבעטערס פאמיליע הונגערט פאר א שטיקל ברויט און דו וועסט טראָגן א גרויסע זינד.

ווען עס וועט ביי דיר דינען דיין אָרימער ברודער, זאָלסטו ניט זאָגן ווייל דו ביסט זיין האַר און ער איז דיין קנעכט, מעגסטו אויף אים ארויפלייגן א שווערן יאָך און אים צעדריקן, ניין, מיין קינד, זאָלסט אים ליב האָבן, רחמנות האָבן און מיטפילן און אים באהאנדלען מיט חסד. אמאָל, ווען א פאטער און זון וועלן ארוםגיין שפאצירן אין פעלד, וואו ווי גרינע כוואַליעס וויגן זיך פעלדער פון קאָרן און ווייץ; דאמאָלט רעדט דער פאטער צום זון: זע, מיין זון, ווען איך וואָלט האָבן דאָס רעכט צו זאָגן אז דאָס פעלד איז מיינס, וואָלט איך דארפן לאָזן די תבואה ביי די זייטן פון פעלד — פאה, אלץ, וואס עס וואלט ארויספאלן פון מיינע הענט בעת׳ן שניט — לקט, און וואס איך וואָלט פארגעסן אין פעלד — שכחה, ניט פאר מיר נאָר פאר אָן אָרימאן און גר, ניט פרעגנדיק ווער די נעמער זיינען, ווי מען רופט זיי און פון וואס פאר א גלויבן.

מיין זון ישראל! האָט ליב דעם פרעמדן און גר; פרעגט אים ניט פון וועלכן פאָלק ער שטאמט, די שפּראך וואס ער רעדט, דעם בגד וואס ער גייט אָנגעקליידט אויף זיין לייב, זיין רעליגיע

און אמונה — ער איז דיין ברודער, גאָטס באַשעפעניש. געדיינק ישראל, אז דו ביסט געווען א גר אין מצרים, דו ביסט געווען נע ונד, געבלאָנדזשעט ווי א פארלוירענע שעפּס און דו האָסט אלעם איבערלעבט, באטראכט זיך ווי שלעכט און ביטער עס איז דעם גר אין א פרעמדע לאנד, כל זמן די מצוה פון ליבע צום גר האָט נאָך ניט געשלאָגן קיין וואָרצלען אין דער מענטשלאכער געזעל־שאַפט און איז נאָך ניט געוואָרן א געזעץ.

דעריבער, מיינע טייערע, ליבע פּאָר, פארמעגן מיר אן אוצר רב פון משלים, שטראָף און לערן, וועלכע באַרירן דעם לעבן פון הויז און משפחה איר ליבע, דערבארמונג, איינהייט און פאָל־קאָמענהייט.

„הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תהוללכם" זאָגט דער נביא (ישעיה נ"א י"ב) די ערשטע פּאָר, מיט וועמען עס הויבט זיך אָן אייער געשיכטע; אברהם ושרה זיינען געווען פאר א סימבאָל פון חיי־משפחה אזוי ווי עס פּאסט פאר ישראל, ער זאָל זיך אזוי פירן פון דור צו דור.

אברהם האָט ניט געוואוסט קיין אנדער זאך אויסער זיין ווייב שרה; שרה האָט ניט געוואוסט פון א גרעסערע תשוקה ווי די, ניט צו זיצן איינזאם אליין אין הויז. איר זעלע האָט גע־בענקט צו הערן א זיסן קול פון א ליבע קינד, וועלכער וועט גע־פינען אן אָפּקלאנג ביי איר אין הארצן. דאָס איז געווען די ערשטע אידישע פאמיליע. מיר זעען דאָרט אונזער אלט־גראָען טאַטע, — ווי עס דערציילט די תורה — זיצט ביים טיר פון הויז. די היץ פון טאָג איז זייער גרוים. די הייסע זונען־שטראלן ברע־נען די ערד, דער אלטער רירט זיך ניט פון אָרט; וואָס זוכט ער? — זיינע אויגן בלאָנדזשען איבער דעם וויטן גלייכן פלאַץ, אפשר וועלן זיי דערזען אימעצן דורכגיין, אן אָרימאן וועלכער זוכט

שאטן צו זיין ברענענדיקע לייב און וואסער פאר זיין פארטריקנ־טע ליפן. ער רירט זיך פון אָרט נישט, אָט דער ערשטער איד, ביז ער האָט דערזען, וואס ער האָט געזוכט. ער איז גלייך גע־לאָפן קעגן זיי, זיי אויסגעשטרעקט זיין נאָבעלע האנט, אָנגענומען זיי אונטער'ן אָרעם, געבראכט זיי אין זיין הויז און זיי געגעבן עסן און טרינקען. ער אליין האָט זיי באדינט און אויך זיין ווייב שרה האָט ארום זיי געארבעט, צו טאָן מיט זיי גוטס.

דאָס איז געווען די ערשטע אידישע משפחה, דעריבער דער־ציילט אונז די אגדה, אז אברהם האָט געבויט אזא הויז, וואס אַ איד קען עס זען איינמאָל אין לעבן, און דאָס איז, ווען ער שטייט אונטער דער חופה מיט זיין באשערטע. אָט ווי די חופה איז געווען אברהמ'ס הויז אָפן אין אלע זייטן, פלעגט קומען א גייער, פון דרום אָדער צפון, פון מזרח אָדער מעריב, האָט ער אין יעדער זייט געפונען אן אָפענעם, ברייטן ארייננאנג. א סימ־באָל פאר יעדעם אידישע הויז און פאר יעדער אידישער משפחה.

אָבער מיינע טייערע, ליבע פּאָר, לויבט גאָט פאר דעם, וואס אין באציאונג צו אייך דארף איך גאָר ניט זוכן אין דער אלטער, הייליקער צייט, איך קען אייך אָנצייגן אויף זאכן, וועלכע זיינען נאָנט צו אייך, כדי צו ווייזן אייך דעם חן און כבוד פון דער אידי־שער משפחה.

דו, מיין טייערער חתן, ביסט א זון פון א אידישע משפחה וואָס אויף איר קען מען ממליץ זיין די דברי תורה: „כלנו בני איש אחד נחנו“, 6) די קינדער פון אן איש יקר, א צדיק און א ירא אלקים. ער איז ניט געווען רייך, אָבער האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין פליים, מי און ארבעטסליבלאכקייט, צדק און יושר.

6) כלנו בני איש אחד נחנו, כנים אנחנו לא היו עבדיך מרגלים.

„כנים אנחנו" מיר זיינען אָרענטלאך; פרעגט אוים אין אלע ערטער, וואו מיר זיינען געווען צעשפּרייט צוליב אונזערע געשעפטן, וועט מען אייך זאָגן, אז מיר זיינען איידעלע און פיינע מענטשן, מיר זיינען ניט געווען קיין מרגלים, מיר זיינען ניט געקומען אין די לענדער, כדי אָנצוזויגן און אויסזויגן די פעטס פון לאנד מיט אומרעכט און פאלשקייט. ניין! מיר זיינען קינדער פון איין פאָטער, געקניפּט און געבונדן, געשטארקט און ערמוטיקט דורך אונזער גוטן נאָמען. אלץ וואָס מיר פארמאָגן, האָבן מיר עס ניט באקומען בירושה, נאָר דערגרייכט דורך פליים און ארבעט, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן; די ערע וואס מען האָט אונז אומעטום באוויזן, די ליבשאפט און פריינטשאפט, וואָס מיר האָבען זיך ערוואָרבן, זיינען די פרוכט פון די ווינציקע ווערטער: „כנים אנחנו" מיר זיינען אָרנטלאכע אידן, מיר האָבן קיינמאָל ניט געזוכט קיין אָרט כדי אים אויסצוזויגן ווי א פּיאווקע און אים צורויבן.

און דו, כלה כבודה, ווען דו וועסט אומקערן דיינע אויגן און אַ קוק טאָן אויף צוריק, צו דיין געבורטס־שטאָט, וואו דו האָסט פארבראכט א קורצע צייט אין געזעלשאפט פון פריינט און פריינדינס, וועסטו זען דיין פאטערס הויז און דיין פאָטער אליין באקרוינט מיט א גרוי־ווייסע באָרד, ארומגערינגלט מיט כבוד און הדר פון אלע אידן אין שטאָט. גרוים איז געווען זיין נאָמען אין דעם גאנצן געגנט, ווייל ער האָט זיך באמיט צו ענטוויקלען דעם מסחר אין לאנד; דו וועסט זען דיין מוטער, וועלכע איז צו דיר נאָנט מיט איר מויל און הארץ, און זי פארגעסט דיך ניט אפילו פון דערווייטנס. ווען דו וועסט עס אלעס באַטראַכטן, וועסטו קענען זיך מאָלן א פיינעם בילד פון דעם אידישן משפחה לעבן, וועלכן דו וועסט נאָכפאָלגן.

איך אליין בין אן עדות. איך האָב געקענט דיינע עלטערן,

כלה כבודה, ווען זיי האָבן געוואוינט אין יענער שטאָט און זיי האָבן אלץ געטראכט וועגן זייער טייערע טאָכטער, ווי צו פאַרזאָרגן איר אויף איר צוקונפט.

וואויל איז דעם חתן און כלה, ועמען גאָט האָט געבענטשט און זיי קענען זען אין זייערע עלטערנס הייזער א בילד פון אַזאַ פאמיליען-לעבן. אויך איר אליין, כאָטש איך קען אייך ווינציק, בין איך דאָך זיכער, אז איר וועט זען אז אין אייער הויז וועט שיינען די ליכטיקייט פון משפחה-גליק. איך האָב געפונען דעם חתן, א פייאיקן, פלייסיקן יונגנמאן, וועמען די פלייסיקייט וועט פארבייטן די אומערפאַרונג. און אין דיר, איידעלע כלה, האָב איך געפונען א ווייכע אידישע הארץ און א גייסט פול מיט יראת ה׳; דאָס איז טייערער פון אלע צירונג, די שיינקייט און פראכט פון אן אשת חיל! ניט קיין טייערע שטיינער און ניט קיין קראנצן-פערל אויף א פרויען-האלדז מאכן איר שיין, נאָר די שיינקייט און חן, וועלכע שטראלט ארויס פון הארצן, פון אַ הארץ וואס איז פול מיט הייליקע געפילן, מיט גאָטס פלאַם. דאָס איז די טייערע צירונג פון אן אשת חיל! די ראָזע באקן וועלן איינוויאלן, די שווארצע האָר וועט קומען א טאָג און זיי וועלן ווערן ווייס, אבער די הארץ פון א טייערע פרוי באגלייט איר אויף איר לעבן און די פראכט בלייב אייביק.

איך בעט אייך, ליבע פאָר, איידער איך הויב אָן מיין הייליקע עבודה, אייך אריינצוברייננגען במסורת הברית, מיר צו דערלויבן אייך דערמאנען אָדער בעטן איין זאך.

אויף דעם הימל פון אונזער געבורטס-לאנד איז ערשינען א נייער שיינער און גלאנציקער שטערן; אנדערע רופן אים דער שטערן פון פרייהייט, אנדערע דאגעגן זאָגן, אז דאָס איז א שטראָף-שטערן, וועלכער זאָגט אָן שלעכטס פאר דעם לאנד.

אזוי ווי אלע פאלשע און פארשטויסענע אמונות וועלכע האלטן זיך אויף צייכנס פון שטערן דיינקען אזוי אויך די מענטשן וועגן דעם נייעם שטערן אויף עסטרייכס ערד. מיר אידן, אָבער, באַגעגענען מיט פרייד דעם נייעם ליכט ווי א שטערן, וועלכער וועט ברייגנען צו אונזער געבורטס־לאנד גדולה כבוד, פראכט און גלאנץ פאר אלע פעלקער פון דעם לאנד; אחדות, פרידן־ליבע, קראפט און שטארקייט אין איר אייגענעם גייסט, רו און ווילן, ליבע און ברודערשאפט צווישן די מיטגלידער פון פארשידענע אמונות.

אָבער, מיין טייערע פּאָר, ווען עס איז געווען דער ווילן פון גאָט צו ברייגנען אייך אין דעם לאנד, וואו די ליכטיקייט האָט זיך נאָך ניט פארשפרייט, וואו די שאָטנס פון נאכט דעקן נאָך איבער אונז, אידן, מאמינים אין איין גאָט, באמיט זיך דעריבער, אַז אייער הויז און משפחה זאָל דינען פאר א גוטן צייכן פאר אייער פאָלק, שבט און דת. יעדער מענטש, וואס וועט באַטראכטן אייער הויז, זאָל זיך אים געלוסטן אויסרופן פאר כל קהל ועדה: „פארוואס ווילן מיר ניט אָננעמען מיט ליבשאפט די קינדער פון דעם דת, פארוואס קוקן מיר מיט שנאה און שלעכטסקייט אויף זיי אליין און אויף ־ייער ארבעט. זאָגט ניט, אז איין מענטש איז ניט גענוג צו זיין א צייכן, אָט אברהם, זאָגט דער נביא, 7) איז געווען איין מענטש, און עס האָט אים געקלונגען פרעמד, ווען גאָטס רייד האָבן צו אים זיך געלאָזט הערן, אז ער וועט זיין „לאב המון גוים״; איינער איז ער געווען ווען איך האָב אים גערופן, אבער איך האָב אים געבענטשט, אז ער זאָל זיין געמערט, כדי דורך אים זאל זיך מערן ברכה אויף דער וועלט.

מיט אזוינע געדאנקען און מיט אַזאַ באשלום וועט איר היינט שליסן דעם ברית נשואים פאר גאָט.

---

7) כי אחד קראתיו.

גאָט פון אונזערע עלטערן, וואס ער איז געוועזן מיט זיי אין פייער און וואסער, אין דער פינסטערניש פון מיטל-אלטער ביז א שטראל פון ליכטיקייט האָט באשיינט איבער דעם פאָלק ישראל, דער גאָט, וועט אייך באקרוינען מיט זיין שיינקייט, ער וועט פארשפרייטן איבער אייך די פליגלען פון זיין גנאדע און ליבע, ער וועט שיקן ליבע און גוטן ווילן אין די הערצער פון די בירגער פון דער שטילער שטאָט, און אויך דאָ וועט אָנהויבן שטראלן דער שטערן פון אונזער פאָטערלאנד און וועט לייכטן העל, מיט א ריינע, ליכטנדע קלאָרקייט, אָן שאָטן און אָן וואָלקן, אז די גאנצע וועלט זאָל זען עסטרייכס פראכט, ווי אלע פעל-קער לעבן דאָרט רואיק, ווי ביי זיך אין דער היים.

גאָט זאָל זיין מיט אייך, איר זאָלט מצליח זיין אזוי אז מיט דער צייט וועט איר דאָ מער ניט זיין עלנד און איינזאם אין די טויערן פון דער שטאָט. עס וועלן קומען טעג און עס וועלן זיך הערן קלאנגען פון ליבע און שבח צו גאָט, פאר די פרייהייט און ליכטיקייט, ברידערלאכקייט און שלום וואס הערשן אומעטום, אוואו עס פלאטערט עסטרייכס פלאג אין פראכט און גלאנץ פון אייצטער ביז אייביק. אמן.